STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04850

MEKHL KULIKS LEBN

Jehuda Feld

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04850-X

D:\YIDDISH\TITLES\9780657048501T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

Nym

י. פעלד

מעבל קוליקס לעבן

א ראָמאַן אין דריי טײלן

פון אמאָל, נעכטן און הײנט

DISCARDED

THE CHICAGO PUBLIC LIBRARY

פאַרלאַג: ב. פעדער, װאַרשע
1937

DEPOSIT
COLLECTION

J. FELD

„MECHL KULIKS LEBN"

Powieść w 3-ch częściach

I. Dawniej.

Druk. Feder, W-wa, Zamenhofa 44.

439922
8 23 38

.1

אַמאָל

מיר זענען שלעכט און גוט! שרעקנדיק און העל־דיש, נייציק און פרייגעביק קרעמער און מארטירער גליק — זוכער און אומגליק־דערגרייכער, אבער צאפלען צאפלט אין אונז דאס לעבען — מיר זענען אגרויס געשריי אין דער וועלט, וואס שטייט שטענ־דיק אין פייער: ווער זוכט שיינקלאנג אין א געשריי?

משה נאדיר:
„אונטער דער זון"

א הויז אויף סטאווקע.

פונקט ווי אויף באשטעלונג פאר די אלע הענדלער פון דער „וואלוווקע" האט דער ווירט אוועקגעשטעלט דאס הויז אין דער מיט פון דער סטאווקע. דאס העכסטע הויז אויף דער גאס — 5 שטאק.

דאס הויז אונטערשיידעט זיך מיט גארנישט פון די איברי־קע הייזער פון דער גאס. דער טינק איז איינגעאנגצן פארסמאליעט פון די קוימען — רויכן, אפגעלאזט און פארכוישעכט.

מענדל קוליק גייט איצט אהיים פון דאווענען. מיט די שווערע שטיוול קלאפט ער אויפן ברעט אין טויער, וואס איז איבערגעלייגט אויפן רינשטאק. דא אויף סטאווקע איז קיין קאנאליזאציע נישטא. ער קוקט אויפן שוים פון פליסנדיקן וואסער און רינשטאק, מיסטאמע עמעצער אויסגעגאסן דאס וואסער פון דער באליע. אבער דאס בלאליכע שוימיקע וואסער איז פארשוונדן. עס פליסט איצט א גרינער שטראם מיט אן עקלהאפטן רייעך. טינויפעס. — א כוץ מענדלען גיין דא פארביי אין טויער זער פיל מענטשן. ארײַן און ארויס.

מענדל קוליק וואוינט אין דער רעכטער זייט פון הויף, אין א ווינקל הארט ביים הויף־קלאזעט, פארן אריינגיין אין

זיין הויז מוז מענדל עטוואָס איבערוואַרטן. פאַרן קלאָזעט טוט זיך כווישעך - אַ שטופעניש אָן אויפהער, די טיר הערט נישט אויף צו קלאַפּן.

מענדל שטופּט זיך לייכט אַדורך און לאָזט זיך אַרויפּ-קלעטערן אין זיין דירע. ער וואוינט אזש אויפן 5 — טן שטאָק אין אַ פאַציאַטקע. פאַר אים אַן עלטערן מענטש, איז זער שווער צו קריכן אויף די הויכע און גליטשיקע שטיגן. פּאַמעלעך שטעלט מענדל די טריט, נעמט אָן מיט דער רעכטער האַנט די פאָלע פון זיין כאַלאַט און וויקלט אַרום דעם „פאָרענטש" פון די שטיגן. דאָס טוט ער דערפאַר, ווייל דער „פאָרענטש" איז פיטש נאַס באַגאָסן מיט וואַסער און אַנדערע פליסיקייטן און ער האָט מוירע די האַנט זאָל זיך אים נישט אויסגליטשן.

מענדל מוז אויך שטאַרק אַכטונג געבן נישט אַריינצוקריכן אין אַ „פּעצענע" פון די פּילע, וואָס ליגן דאָ. עס איז נישט שווער זיך דאָ אָנצוטרעפן אויף אַזעלכע זאַכן. באַזונדערס שווער איז זיך פאַר אים אויסצוהיטן פון די נאַסקייטן פון די שטיגן. ס׳גיין דאָ אַראָפּ ווייבער און קינדער מיט „קיבלעס" פון אַ גאַנצע נאַכט, נישט איין „קיבעל" אַיז איבערגעפולט און פאַרגיסט זיך אויף די שטיגן.

מענדל לייגט נישט קיין אַכט אויף די אָפענע טירן פון הויז, פון וואַנען עס פילן זיך פאַרשידענע רייכעס, וואָס זענען אַדורכגעפלאָכטן מיטן געשטאַנק און איפּעש פון די שטיגן.

מענדל קוליקס וווינונג

טענדל קוליק הייסט נאָר אַזוי אין פּאַס. ס׳האָט זיך שוין אַמאָל געטראָפן, אַז ס׳איז געקומען אַ וואָזשנע פון געריכט רופן מענדלען אויף אַ „ספּראַווע". דער וואָזשנע האָט פריער געפרעגט אייניקע אַדורכגייער אין טויער און דערנאָך דעם סטרוזש. קיינער פון זיי האָט נישט געוואוסט ווען אַזאַ איי-

נעם· דער הויז-וועכטער און אַלע שכיינעם קענען מענדלען פון גאַנץ אַנדערע נעמען. זיי רופן אים מיט פאַרשידענע נעמען— לויט דער פראָפעסיע: מענדל קלעפּער, מענדל שאַמעס אָדער מענדל רעלעס. די דריי נעמען געהערן צו מענדלס פאַכן

ביים אַריינגאַנג אין שטוב פרוווט מענדל עפּוואָס אָפּווישן זיינע שטיוול. ער „גראַטשעט" שווער אַהין און צוריק מיט די שטיוואַלעס, עס איז אָבער מער ווי זיכער, אַז די שטיוול האָבן קיין פייכטקייט נישט פאַרלוירן. עפּשער פאַרקערט. דאָ, אין קליינעם פאָדער-הייזל פעלט אויך נישט קיין אָנגעגאָסן וואַסער אויף דער פאָדלאָגע. אַרום און אַרום איז פיטש-נאַס

מענדל מאַכט אויף די טיר און בלייבט אַ ווײַלע שטיין. שווער כאַפּט ער אָפּ דעם אָטעם און הוסט אָפּ מיט אַ זעקיינישן אַסטמע הוסט. ער קושט די מעזוזע און רייבט זיך אַ ביסל די אויגן. אין אָנפאַנג, ביים אריינקומען, איז שווער די אויגן צוצוגעוווינען צו דער פינסטערניש אין צימער. און טאַקע אַזוי.

דער גאַנצער צימער איז נישט מער ווי אַ קאַמער, איבערגעאַרבעט פון אַ בוידעם, — אַ העלפט פון אים גאַנוועט צו דער דאַך, וואָס רוקט זיך שיפּ אַראָפּ צו דער דאַך-רינגע. אין שטוב זענען פאַראַן אַ סך זאַכן, אומעטום איז אָנגעשטעלט. דאָס פענסטער געפינט זיך אויף דעם סופיט, — דער קאָפּעטש פון די קוימענס, דער שטויב ליגט אָנגעלייגט אויף די שויבן און לאָזט נישט אַדורך קיין ליכט.

ס'זענען פאַראַן צייטן, — זומער און ווינטער, — ווען מענדל וואָלט אַלץ אָוועקגעגעבן, ער זאָל קענען דאָס פענסטער אויך פאַרשטעלן. דאָס איז דעמאָלט, ווען עס רעגנט, ס'גיסט, ס'וואַסער פאַרפלייצט טייכן אין שטוב, — ווינטער ווען, ס'איז שווער גוט צו פאַרקלאַפּן פאַרן פראָסט דאָס פענסטער, די

שפּאַרינקעס, און אויך דעמאָלט ווען דער ווינט וויל גאָרנישט וויסן, ברעכט די שויבן, רייסט דאס פענסטער, פּונקט ווי דער ווירט, דער אַכזאָר רייסט ודי טיר אָפּ, ווען מענדל האָט נישט קיין דירע-געלט. מענדל מז אין אזאַ פאַל שנעל נעמען פרישע טשוועקעס און צום וויפּלסטן מאָל צוקלאַפּן ס'פענסטער. זומער און ווינטער איז דאָס פענסטער שטאַרק פאַרקלאַפּט און לאָזט נישט צו קיין לופט, וואַסער און זון. און כאָטש מענדלס מישפּאָכע זענען נאָנטע שכיינים פון הימל געפינען זיי זיך אַ סך נענטער צו דער ערד. זומער צייט גליט דער דאַך – א׳ שרעק און ברענט ווי פייער. אין שטוב איז אוממעגליך צו זיין.

דאָס אַרט אָבער קיינעם נישט פון מענדלס הויז געזוונט. שטענדיק געפינען זיך דאָ פיל מענטשן. קינדער קלענערע און גרעסערע, פּרויען, וואָס זעען אויס, ווי מענער – אין שטיוול און מאַרינאַרקעס און מענער - באַוואָקסענע, באַבערדלטע.

מענדל האָט קיין איינאָרע אויסגעהאָדעוועט אַכצן אייגענע קינדערלעך. נישט מיט איין ווייב כאַסוועשאלעם, נאָר מיט צוויי. איצט זענען שוין אַ סאַך קינדער אויסגעגעבן, שוין דאָ אייניקלעך פון זין, טעכטער, ס׳פעלט אים נישט קיין צאָרעס און קיין נאַכעס געלויבט צו גאָט.

צו ווען זאָל גיין אַן אייניקל, ווען עלטערן ס׳וואוינען אויף דער זעלבער אָדער אויף אַ נאָנטער גאַס, ווען נישט צו זיידן? דאָ ביים זיידן, איז דאָס אָרט, ווי אַלע קינדער, אייניקלך און די גאַנצע מישפּאָכע קוליק קומט זיך צונויף. איז טאַקע נישט קיין וואונדער, וואָס איצט און אַלעמאָל טרעפט מען אַן אָנגעפּיקעוועטע שטוב מיט מענטשן, דער גערויש, דאָס געריידעריי, דאָס געקלאָגעריי און פרייליכע געשי-טיפעריי, וואָס טראָגט זיך איצט פון שטוב, באַווייזט. אַז זיי פאַרברענגען אין איצטיקן העליש - פייערדיקן טאָג גאַנץ געמיט-ליך. די קינדער טראַכטן גאָרנישט ווען גיין אויפן קעגנאיבערדיקן פעלד, אויפן גראָז אָדער אין גאָרטן זיך שפּילן, די עלטערן פאַלט אויך נישט איין ווען דעם זיי אַ וואָרט צו זאָגן.

דעם אויבן אָן אין שטוב פֿאַרנעמען די צוויי הילצערנע בעטן, גיט ווער אַ קוק אויף זיי, זעט ער באַלד, אַז די בעטן געדענקען זיכער דעם אַלטישקן לאָוון האָראַמי, איבער די בעטן הענגט אַ זייגער גלייך פֿון סופּיט אַראָפּ. פֿון אים ציען זיך צוויי לאַנגע קיפּערנע קייטן, וואָס שלעפּן שווערע געוויכטן, ציען זיי אַרויף און אַראָפּ אין אַ פיר און צוואָנציק שאָעדיקן אַרבעטסטאָג.

אין אַ זייט פֿון די בעטן, נאַנט פֿון אָרט, ווי דער סופּיט קושט די פּאָדלאָגע, שטייט אַ אָנגעטשעוועקעוועטער קאַסטן, גראָב און בייכיק ווי אַ טראָגעדיקע יידענע. אויפֿן קאַסטן זענען אָנגעשטעלט: טעפּ, געפעס, אַן אַלט קריגל מיט אַ סימען פֿון אַן אויער, אַ טשייניק מיט פרישע און אַלטע לעכער, טעלער און לעפל, אַלץ פֿיל מיט פֿאַרזשאַווערטן שמוץ.

אַריינגעקומען זעצט זיך מענדל אַוועק אויפֿן קאַנט פֿון בעט און קרעכצט שווער אָפּ, דאָס דויערט אַזוי אַ פּאָר מינוט באַלד שטעלט ער זיך אויף און נעמט קאָמאַנדעווען.

— האַרשל מאַך דעם וואַרשטאַט! מאַכל, די קאָפּיטעס! צודיקל, קורפּיעס! עס ווערט אַ געטומל נישט אויסצוהאַלטן. פֿון ערגעץ אונטער אַ בעט לאָזט זיך מיט אַ היץ אַ קליינער צוציק, אַ פינף-יעריקער יאַט, וואָס גייט גאָר אָנגעטון ווי אַ מיידל אין אַ פֿאַרטעכל. אַ גרעסער קינד שפּרינגט אַראָפּ פֿון אַ שאַנק און לויפֿט פייל-אויסן בויגן איבער דער שטוב. נאָך אַנדערע קינדער, פֿון פֿאַרשידענע זייטן טראָגן זיך, ווי דער ווינט וואָלט זיי געיאָגט, אַלע קינדער זעען אויס, ווי זיי וואָלטן דאָ געגאַנגען טון עפּעס אַ גאָר וויכטיקע ארבעט, זיי זענען אַזוי פֿאַרטון, אַז עס פֿליען פֿאַרביי זיי די קלאָלעס פֿון די מאַמעס און שוועסטערן אומבאַמערקט.

דער קליינער הערשל איז שוין צו צום קרעדענסל, וואָס קוים עס שטייט איין אויף אַן אָרט נישט אַוואַקל צו טון זיך, ער פּראַלט אויףביידע טירלעך, אָבער אַנשטאַט געפעס און עסנוואַרג באַווייזן זיך פֿון דאָרט אַרויס צעריסענע שיך, אַלטע ווייבערישע גאָרסעטן, אַן אויסגעפּליקטער דאַמען זשאַקעט פֿון

אַפּיאַליאָנס קעב-ווייב, אַלטע הויזן-אָנגעלייגט אין שירעס גלייך, איינס אויפן אַנדערן. ס'זאָל וואָס מער אַריין, אויף די הויזן ליגן כאַלאַטן, זשופּיצעס און מאַרינאַרקעס.

הערשל שלעפּט אַלץ אַרויס און וואַרפט אָן אויף אַ קופּע ביז וואַנען ער פּאַקט אַ גרעסער פּעקל מיט קאָפּיטעס, פּושקעלעך נעגל, צווענגלעך, נאָלן און האַמערס-שוסטערישע.

צוויי קינדער שטייען לעבן אַ שאַנק און אַמפּערן זיך-צאָדיק, אַ צוועלף יעריקער יאַט, שטויסט זיי אהער און אַהין און קען נישט אַדורכגיין. ער נעמט שרייען:

— טאַטעליו! מאכל לאָזט מיך נישט צי צים „ארון קודש”.

די קינדער רוקן זיך עטוואָס אָפּ און צאָדיק גייט צו צום „ארון קודש”. דער „ארון קודש” איז א געוויינלעכע שאַנק פון פּאָרנט. ווען מען גיט אָבער אַ קוק פון דער זייט, זעט מען אַומגעהיבלעוועטע ברעטער, סטאַם צוגעקלאַפּטע מיט טשוועקעס, וואָס סטאַרטשען אַרויס מיט די שאַרפע, פאַרבויגענע שפּיצן. די שאַנק איז טיף אַרייגגעזעצט אין דער וואַנט. עס זעט טאַקע אויס, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אַריינגעמויערטער אין דער וואַנט „ארון קודש”, אין דער פריערדיקער גרויס וואָלט גאָר אומעגליך געווען אַז די שאַנק זאָל פאַרנעמען דאָס איצטיקע אָרט. דאָס האָט שוין מענדל אַזוי „פּאָפּראַוועט” די שאַנק מיט זיין געצייג.

די טירן פון דער שאַנק זענען אויך פון פאַרשידענע פאַרבן. איין טיר האָט אַפילו עטלעכע קאָלירן: זי איז געל, גרין, און רויט. די צווייטע טיר איז שוין אינגאַנצן אַ שוואַרצע.

צאָדיק רייסט גיך אויף די טירן און נעמט פון דאָרט אַרויסשלעפּן די „קורפּיעס” — צעריסענע שטיוול, זוילן, אָפּצאַסן בראַנד-זוילן, אַלץ אין אומאָרדנונג אָנגעלייגט און פיל מיט בלאָטע.

אַלע קינדער טראָגן די קיילעם און דעם „וואַרשטאַט” — אַ קליין פיר-קאַנטיק בענקל מיט נאָך אַ קלענער שוסטער-בענ-

קעלע מיט אן אויסגעגעסענעם געזעס. דאָס וועט אוועקגעשטעלט נאָנט פון אויוון און ביי דער קיך.

דער אויוון און די קיך פאַרנעמען דאָס אָנגעזעצנסטע אָרט אין שטוב. ביידע זענען האַרט צוגערוקט איינע צום צווייטן און דערלאַנגען וואַרעמקייט, רויך און סאַזשע אין אַלע טעג פון דער וואָך.

דער אויוון איז זער אַ קליינער. עפּעס גאָר אַ פּלינקער. יעדעס מאָל ווערט ער קלענער און איינגעפאַלענער. דאָס איז שוין שיינדל-מאַטילס אַרבעט, מעגדלס צווייטע ווייב. זי איז אַ ספּעציעלע מייסטערן אויף איבערשטעלן, איבעראַרבעטן אויוונס.

איצט איז זי טאַקע פאַרנומען מיט פאַריכטן דעם אויוון. ס'איז אַ מעכאַיע צו זען, ווי געשיקט, שנעל, און מייסטעריש זי פּאָרעט זיך מיט די ציגל און קאַפּלעס. די אַרבעט גייט ביי איר גיך און געשווינד. ווי פּעאיק זי איז צו אַזאַ אַרבעט.

שיינדל-מאַטיל איז טאַקע פאַרשמירט, פאַרקאָפּטשעט און אויסגעשמירט דאָס גאַנצע פּאָנעם, די הענט, נאָז, קליידער און אַפילו דאָס העמד. נישט זי און נישט מענדל און מיקאָלשקן ווער פון שטוב, זאָל וועגן דעם אַ טראַכט טון? וואָס מאַכט עס דען אויס, וואָס אַלץ אין שטוב איז איצט באַוואָרפן מיט ליים, בלאָטע און סאַזשע? ווער קוקט אויף דעם, וואָס די קינדער האָבן זיך אַליין אויסגעשמירט די נעזעלעך און די פּיסקעלעך מיט שוואַרצע סאַזשע? — ס'איז דאָך אַ שפּיל אַזאַ! דערפאַר וועט דער אויוון זיין אויף צעלעכע וואָכן „אַן אַנטיק". עס וועט ברענען און בראָטן אין אים, אַז עס וועט גיין טאַקע אויף דער עמעס אַ רויך. די ציגל, דאָס ליים און די קאַפּלעס פליען אונטער מאַטילס הענט — איינס און צוויי. שיינדל מאַטיל יאָגט זיך, נאָך עטלעכע שאָען און דער אויוון וועט זיין פאַרטיק. די קינדער העלפען איר צו טון דאָס הייליקע שטיקל אַרבעט און דערנאָך נעמט מען זיך „אויסרייניקן" די שטוב. ס'רעדט זיך טאַקע נאָר אַזוי אויסרייניקן. ווייל ווי ווערט אָט דאָס אַלץ אויסגערייניקט? דער שטויב ווערט נאָך גרעסער ווי פריער און באַ-

דעקט אַלץ אין שטוב מיט אַ ווייס-שוואַרצן שימל. די שטוב באַקומט דעם טאָג-טעגליכן שמוציקן אויסזען.

עטלעכע קינדער זעצן זיך אויס אויפן טיש, וואָס האָט אַלערליי געשטאַלטן. איין זייט איז קיילעכיק און די אַנדערע פירקאַנטיק. די פיס פון טיש זענען אויך צוגעפּאַסטע פון פאַרשידענע אַנדערע טישן. איינער גראָב, דער צווייטער דין מיט אויסשניטן אויף זיך. די קינדער הוידען זיך אויפן טיש אַראָפּ און אַרויף. דריי פיס פון טיש זענען פון פאַרשידענע גרויסן. בלויז איין פיס — אַן אייזערנער האַלט דעם גלייכגעוויכט פון טיש.

אויף די ווענט הענגען פייסעכדיקע קיילעם פאַרדעקט מיט אויסגעשניטן פּאַפּיר, די גאַנצע שטוב איז אָנגעפּאַקט און פאַרפולט מיט זאַכן און מענטשן. קיין פריי שטיקל אָרט איז נישט פאַראַן. אומעטום, אין אַלע ווינקלען איז אָנגעשטעלט און אָנגעלייגט, דאָ שמאַטעס, שיך־אַרג, העלצער און זעק, אויפן טיש, אויפן קאַסטן, אויפן אויוון און אויף דער שאַנק וואַלגערן זיך אַרום קלענערע און גרעסערע באַשעפענישן: קינדער, קליינוואַרג און דערוואַקסענע.

אַ שוסטער — אַ "קלעבער„ איז ראַב מענדל,

אין אַ ווינקל זיצט מענדלס אַ טאָכטער און וויגט איר קינד. דאָס קינד רייסט יעדעס מאָל דאָס קעפּל, ווי ס'וואָלט אויך געוואָלט אַרויסגיין צוהעלפן דעם יידן אַרבעטן, די מאַמע דאַרף אָבער ערגעץ אַוועקגיין און זינגט, רייסט זיך דאָס האַרץ איינצוּוויגן איר קינד:

— שאַ שלאָף שוין קרענקינג מאַנס אַ, אַ, אַ, קינדעלע! שלאָף! שלאָף! דאָס שרייען העלפט נישט, זי נעמט זיך טרויעריק זינגען, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט מיט אַ געוויין ווירקן אויפן קינד, ס'זאָל שוין אַנטשלאָפן ווערן.

— ביבי, ביבי, לאָזעלע —
אין קראָקע שטייט אַ האָזעלע —
ווער וואוינט דרינען?
צווי פּאַנעלעך שפּינען!
איינס שפּינט גאָלד —
מ'האָט דאָך סרולעלען האָלד —
איינס שפּינט זילבער
מ'האָט דאָך סראָלעלען ליבער —

מענדל און די איבעריקע קינדער זענען אַזוי פאַרטון מיט זיך, אַז זיי הערן נישט און זען נישט, וואָס אַרום זיי טוט זיך.

דער וואַרשטאַט שטייט נאָנט ביי דער קיך. אויף דער קיך שטייט אַ קליינער „סמאָלוך" אַ פאַרקאָפּטשעדיק לעמפּל, אָן אַ גלעזעל. פון פייער ציט זיך אַ רויך מיט אַ שטאַרקן קאָפּעטש גלייך אויפן סופיט. אַ קינד שטייט דערביי און האַלט אַ פייל ביים פייער און וואַרעמט זי שטאַרק אָן. צוויי קינדער מישן זאַמדיקע בלאָטע מיט אייל אין האַלטן דאָרטן אין איין אַריינשפּייען. עטלעכע לייגן גלייך די „קורפּיעס"

מענדל אַרבעט אַן אַריינגעטועטער און מיט גרויס אַסמאָדע. דאָס פענצטער דעקט אים צו, ווי מיט אַ פאַראַסאָל. דער טאָג פאַלט שוין צו צו דער נאַכט. ער דאַרף באַלד און וואָס שנע-לער אַרויסטראָגן די סכוירע אויף וואָלוועקע. עפּשער וועט זיך מאַכן אַ קוינע. די אַרבעט ברענט אונטער די הענט.

מענדלס פּראַצע איז גאָרנישט צו פאַרגלייכן מיט דער אַרבעט פון אַ געוויינלכי שוסטער. אַ פּאָשעטער „לאַטשאַזש" — אַ שוסטער, דאַרף נאָר וויסן, אַז אויב דער שיך איז צעריסן ליגט מען דערויף אַ לאַטקע. אויב די זויל האָט אַ לאָך, דאַרף מען דאָרט אַרויפקלאַפּן אַ פרישע זויל, ביי מענדל קלע-בער שטעלט עס זיך אינגאַנצן אַנדערש פאָר. ווען מענדל זאָל דאַרפן אַזוי טון, וואָלט ער געקענט די מינוט איינפּאַקן זיין וואַרשטאַט און שטעלן זיך ידיכענען. זיין אַרבעט איז פאַרריכטן די עטיוול אַון שיך און נישט באַנוצן דערביי קיין זוילן. לאַטעס פון גוטע אָדער נייע לעדער קאָסטן געלט און אַ סאַך

געלט. דאָס וואָלט זיך נישט געלוינט אין זיין האַנדל, זיין אַ קלעבער הייסט זיין אַ קינסטלער, ביי דעם פאַך טאָר מען קיין פאַרטאַטש נישט זיין.

מענדל אַליין קויפט אויף די „קורפיעס" — אַלטע, צעריסענע שיך — אויפן פלעצל אויף דער וואָלוווקע און פערטיקט זי אַליין אויס מיט אַלע פיטשעווקעס. ער מוז זיין סכוירע דער-נאָך אַליין אַרויסטראָגן אויפן מאַרק פאַרקויפן.

די לעכער אין די צעריסענע שיך ווערן נישט צונויפ-געסטריגעוועט און צוגעקלאַפּט, נאָר צוגעקלעבט.

מענדל שניידט אויס מיטן שפּיציקן שאַרפן מעסער קלע-נערע שטיקלעך אַרום דעם לאָך אויף דער זויל, רייניקט גוט אויס דאָס לאָך און גיט אַ קוק אין אַ זייט אויף אַ קינד. אַזוי ווי אַ שנירל וואָלט עס אַ צו געטון, ציט אויס דאָס קינד די האַנט און דערלאַנגט דעם זיידן אַ שטיקל אַלטע לע-דער. מענדל פּאַסט צו דאָס שטיקל לעדער, שנייט עס עטוואָס צו און לייגט עס צו צום לאָך. עס פּאַסט. אַ ווינק פון זיידן און צוויי יאַטן טראָגן אוגטער אַ פּאָרציע „קלעבעכץ". מענדל נעמט אַ ביסל בלאָטע געמישט מיטן פעטן אייל און סמאָלע, פּאַקט דאָס אַריין אין לאָך, דערויף קוועטשט ער אַריין דאָס שטיקל לעדער. ער נעמט דערנאָך דעם אָנגעוואַרמטן „קוליס" און גלעט צו, קרעכצנדיק און אָכצנדיק, דאָס שטיקל לעדער, דאָס אַריינגעפּאַסטע שטיקל איז גלייך פאַרזעצט. עס זעט זיך נישט אַרויס. די גאַנצע זויל איז אַ גלייכע. אָבער עס איז דייטלעך אָנצוזען, אַז דאָס שטיקל לעדער איז איצט געוואָרן אַריינגעפּאַסט. מענדל גלעט און קרעכצט, ביז וואַנען ער האַלט, אַז עס איז שוין גוט.

אַ קינד נעמט צו פון זיידנס האַנט דעם „קוליס" און וואַרעמט אים נאָכאַמאָל איבערן „קאָפּעטש". מענדל גיט ווידער אַ דריי מיטן קאָפּ און באַלד טראָגט אים אונטער אַ פאַרראָצט נעזלדיק קינד אַ גאַנצע האַנט מיט טרוקענעם זאַמד. אַ צוויי-טער יאַט גיסט אַרויף אַ קליין ביסעלע אייל. מענדל האַלט אויסגעשטעקט זיין האַנט און נעמט זי אַרומטראָגן צו אַלע

קינדער. יעדעס קינד גיט אַ שפּיי גלייך אויפֿן זאַמד אַרויף. ווען ער האָט שוין פּיל אָנגעשפּיגן די האַנט מיט זאַמד, דרייט מענדל איבער די האַנט אַרויף אויף דער זויל. איצט נעמט ער וועלגערן דאָס זאַמדיקע שפּייעכטס, ווי ער וואָלט געקנעטן טייג אויף דער זויל. עס מאַכט זיך באַלד אַזאַ זאַמדיקע, קלעבעדיקע בלאָטע, וואָס פֿאַרקלעבט אינגאַנצן אַלע לעכער פֿון דער זויל. עס איז איצט נישט אָנצוזען, אַז דער שיך זאָל זיין פֿאַרראָכטן, בלויז אין מיטן האָט זיך געמאַכט אַ קליין, קוים אָנזעבאַר, בלאָטיק בערגעלע.

דער שיך איז פֿאַרטיק. די זויל זעט אויס שטאַרק פֿאַרבלאָטיקט, אָבער פֿאַר קיין פֿאַל וועט דאָ קיינער נישט דערקענען דאָס צוגעקלעבטע שטיקל לעדער. נאָר גוטע פֿאַכמענער וועלן אין קליינטשיקן בערגעלע פֿאַרבלאָטיקטע זויל דערקענען די קלעבעריי.

ביי די אַרבעט איז מענדל באַשעפֿטיקט ביי אַ פֿיר שאָ צייט אין טאָג. איצט האַלטן די קינדער אין איין פּוצן די שטיוול און שיך. איינער „פּאָרט" מיטן „קוליס" איבער די קאַנטן מיט הייסן וואַקס, אַ צווייטער פּוצט אַרום, שוין אָן „קוליס", די זעלבע קאַנטן מיט וואַקס און מיט אַן אַלטשטיקל טוך, אַנדערע שלעפּן אַרויס „שיוואַקס" מיט בערשטלעך און עס הייבט זיך אָן אַ געפּיצעריי, וואָס דויערט אַזוי לאַנג ביז וואַנען מענדל איז פֿאַרטיק מיטן אָנטון זיינעם.

מענדל קלעבער נעמט איצט די שטיוול, שיך און פֿאַנטאָפּעל, הענגט זיי אָן אויפֿן אָרעם, אויף די הענט, אַקסלען און אויף דער פּלייצע. אַזוי באַלאָדן מיט סכוירע שטעלט ער זיך אָפּ ביי דער טיר, קושט די מעזוזע און גייט האַנדלען אויף דער וואָלוווקע.

מענדל שאַמעס פון וואָלינסקער שול,

מענדל האָט דעם טאָג איינגעטיילט אויף דריי טיילן. גלייך מיטן זון-אויפגאַנג טראָגט זיך שוין מענדל לאַנג איבער די גאַסן און מאַרשירט מיט פּאַמעליכע טריט צו דער שול אויף וואָלינסקע. דאָרט, אין דער גרויסער שול פון וואָלינסקער גע-סעל איז מענדל שאַמעס. אַזוי פרי גייט ער וועקן די רייכערע באַלעבאַטים פון שול דאַווענען.

דאָס גאַנצע הויז-געזונט איז זיכער, אַז מענדל שלאָפט ביכלאַל נישט. שטענדיק, ווען אַלע שלאָפן איז מענדל וואַך, זאָגט אין מיטן נאַכט „חצות" און קלאָגט דערביי מיט ביטערע טרע-רן. זיין שווער געמיט לאָזט זיך פון זיין יאָמערליך קאָל הערן איבערן גאַנצן הויף, און לאָזט קיינעם נישט שלאָפן. ווען דאָס הויז-געזונט שלאָפט נישט, — שלאָפט ער אויך נישט. דאָס אָבער איז נישט עמעס. מענדל קען שלאָפן אויפן שפּרינג- דאָ אַ דרימל, דאָרט אַ קלענער דרימעלע אָדער אַ גרעסערס. אָבער שלאָפן שלאָפט ער. ווי עס לאָזט זיך כאַפּט ער אַריין אַ שלאָף. ס'איז נישטאָ קיין צייט צו שלאָפן און דערפאַר נוצט מענדל אויס יעדע געלעגנהייט צו כאַפּן אַ דרימל. ביים דאַווענען שלאָפט ער, ביים עסן שלאָפט ער, ביי דער אַרבעט שלאָפט ער אויך. און אַרומאונאַרום איז מענדל נישט קיין פאַרשלאָפענער.

אַ יידל שוין אַריבער די זעכציקער האַלט זיך נאָך מענדל גלייך, האָט נאָך רויטלעכע באַקן, אַ רויטע, דיקלעכע און גרויסע נאָז. לאַנגע שיטערע ברעמען, אַ ברייטן שטערן פון אַ טאַלמיד-כאָכעם און אַ לאַנגע, ווייס-גראָע באָרד, ברייט צע-צויגן אויף אַלע פיר עקן פון דער וועלט. די באָרד איז אַ ביסל צעקנאָדערט, צעקנייטשט, פאַראומרייניקט. דאָס איז אָבער נישט זיין שולד. דאָס שמירן אים אויס, רייניקן און פאַראומריי-ניקן אים זיינע טייערע קינדערלעך און אייניקלעך.

מענדל האָט נישט ליב ווען די אייניקלעך קריכן אויף אים, אָבער זאָל ער זיין אַ כאָכעם און זיי נישט צולאָזן צו זיך.

קריכט איינער פון פאָרנט און כאַפּט אַ טערפּענץ פון זיידן, קלעטערן שוין אַנדערע זעקס אויף מענדלען. קריגט אַ צווייטער אַ שניט־אָפּ פון זיידן פאַר ציען די פּאָלע פון כאַלאַט, שלעפּן זיך שוין אַנדערע אויפן קאָפּ, אויף די אַקסלען און אומעטום. עס אין דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס זיין קאַפּאָטע איז אַזוי שרעקלעך פאַרשמירט מיט וואַקס, אייל און זאַמד. מענדל אַליין שמירט נאָר די שטיוול און די שיך.

מענדל אין גאַס זעט אויס ווי אַן אייל־סויכער. די קאַפּאָטע בלישטשעט צען איילן פון דער ווייטנס, שטייף פון אויסגעפּעצטן, פאַרשמירטן, וואַקסעדיקן אייל און זאַמד־ דאָס איז אָבער אַממערסטן אָנצוזען פון פאָרנט. אויף דער אונטערשטער זייט איז קיין בלישטשעדיקן אייל נישט אָנצוזען. דערפאַר אָבער געפינען זיך דאָ סימאָנים פון די טייערע הענטלעך פון זיינע אייניקלעך, וואָס האָבן זיך געטולעט און געוויקלט אין זיידעס קאַפּאָטע. אַזוי זעען אויס אַלע מענדלס קליידער. שוין אַריינגערעכנט די שאַבעס־דיקע טוכענע קאַפּאָטע, וואָס שטאַמט נאָך פון דער כאַסענע מיט מענדלס ערשטער וויב.

אַרויסקומענדיק אויף דער ניסקע, וואַלינסקע, דזשיקע און אַרומיקע גאַסלעך פאַרגייט מענדל אין אייניקע הייזער, שטעלט זיך אַוועק אין מיטן הויף, שטעלט פאַנאַנדער שטייף די פיס, שטעקט אויס דעם קאָפּ צו גאָט און לאָזט הערן זיין באַסשטימע:

– ראַב שאַיע, ראַב שאַיע, שאַכרעס דאַווענען! א–וו–נ–ע–ן!

– ראַב סראָלקע, ראַב סראָלקע – אַ–וו–נ–ע–ן! אַ–וו–ע–נ–ע–ן! שאַכרעס!

און אַזוי דויערט דאָס רופן – זומער־צייט פון 5–6 פרי און ווינטער־צייט פון 6–7 פרי ביי אַ צוויי שאָ, נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט נעמט זיך מענדל גיין אין שול עפענען די טויערן צו גאָט, אויסקערן, אויסראַמען, און צוגרייטן אַלץ צום דאַווענען.

דאָס ערשטע שאַכרעס דאַווענען פאַרן אָמעד געהערט צו מענדלען. קיינער איז נישט אַזאַ קינסטלער אויף שנעל, גיך אָפּדאַווענען, ווי ראַב מענדל שאַמעס. אַקאַפּאָרע די וואַסער־מיל,

וואָס לויפט אַזוי פּאַמעלעך אַגטקעגן מענדלס שאַכרעס דאַווענען, די מייסטערלעך, העגדלער און נאָך אַזעלכע פאַריאַגטע, פאַרהאָרוועטע יידעלעך האָבן קיין צייט נישט אָפּצוגעבן גאַנצע שאָען פאַר גאָט. ווילסטו טייערער גאָט דורכויס מ׳זאָל צו דיר בעטן אין שול, אַנדערש קענסטו נישט באַשטיין, — מיר הענדלער, באַלעמעלאָכעס וועלן דיר ווייזן, אַז מ׳קען דאַווענען אין שול, בעציבער מיט אַ מיניען, אַזוי ווי גאָט אַליין האָט געבאָטן און ס׳זאָל דויערן פיל שנעלער, ווי מ׳וואָלט געדאַוונט אין שטוב.

אַזאַ מאַכער איז מענדל און אַזעלכע מייסטער-שטיק באַווייזט ער זיינע באַלעבאַטעס. נאָרוואָס האָט ער געזאָגט אַשריי יאָשווויי און אַט שרייט ער שוין אויס „שמיי-יסראָעל און פאָרט גלייך צו מיט דער שטילער שמוינע-עסרעדיקער אויסע-שאָלעם און האָט שוין אויסגעשפּיגן מיט אַ הויכן אָליינו.

דאָוויד ״מילנער״, וואָס האָט קיינמאָל ק׳ין מיל נישט געהאַט און פאַר די אויגן נישט געזען, וואָס האַגדלט נאָר מיט מעל, טראָגט אים שוין אונטער אַ פלעשעלע: ״לעכאַיעם״ ראַב מענדל, און גיסט זיך דער ערשטער אַריין דריי-פערטל מאַשקע פון פלעשל.

אין אַוואָכעדיקן טאָג מוז מענדל איבערוואַרטן ביי אַפיר פינף דאַוונערס. ס׳דויערט אַסך מאָל ביז אַרום 11 אָדער 12 בייטאָג. ביז ער פּאַטערט אַרויס די דאַוונערס און טילעם-זאָגערס, וואָס ווילן קיינמאָל נישט אַרויסגיין און האַלטן זיך אין איין אָפּבעטן:

— שוין ראַב מענדל, איין מיניטקעלע כ׳וועל אָפּזאָגן דאָס קאַפּיטל.

נאָכן שליסן די שול גייט מענדל צו זיין בעסטן באַלעבאָס פון שול, צו באָרעך-באַל-גוף אין שענק אַריין. באָרעך גיט מענדלען אוטזיסט צו טרינקען ביר וויפל ער קען נאָר אויסטרינקען, ווייל ער קויפט אויף אַלע שול-סימכעס וואָס די שול-יידן הייסן אים איינקויפן.

צו ערשט טרינקט ער אַ קליין גלעזל ביר. נאָכן קליינעם

גלעזל טרינקט ער אַ ביסל אַ גרעסערס און נאָכן גרעסערן נאָך אַ גרעסערס. און אַזוי דערגייט עס ביז אַ 10–12 קויסעס ביר. ער עסט נאָך צו אַ צוויי דריי אריסגעבאַקענע פלעצלעך באַשאָטענע מיט שטאַרק געזאַלצענעם מאָן, לייגט אַריין אין די טיפע קעשענעס פון פאַרפעצטן כאַלאַט עטלעכע טעפּעלעך מיט געזאַלצענעס אַרבעס, וואָס די ביר־טרינקער באַקומען גראַטיס אַלס צולאָג צום ביר, אָבער פּאַקטיש, קעדיי דערנאָך מער צו קענען טרינקען. די אַרבעס ברענגט ער אַ היים פאַר די קינדער און אייניקלעך אַ מאַטאָנע. די קינדער זענען שוין אַזוי צוגעוווינט צו דעם, אַז זיי באַפאָלן אים ווי די היישעריקן און רייסן אים אָפּ גאַנצע שטיקער פון דער קאַפּאָטע. זיי ציען זי אַראָפּ אינגאַנצן פון אים און וואַלגערן זיך מיט איר אויף דער ערד, ארויסרייסנדיק זיך פון די הענט אַרויס די צושיטע אַרבעס.

אויסגעטרינקען דאָס ביר, שטעלט זיך מענדל שווער אויף, גיט אַ וואָרטשע אין דער זייט: „אַ גוט לייזעכץ” „אַ מאַזלדיקן טאַג”, נעמט די שווערע באַשטיוולטע פיס און טראָגט דעם קערפּער אַ היים.

שיינדל־מאַטיל קען שוין גוט מענדל בעסטע מאכל, — אַ טעלער קאָכיקע גריץ. עס רינגלען אים אַרום ביי אַ טוץ קינדער און די מיצווע אַכילע הייבט זיך אָן.

נישט זעלטן טרעפט זיך, אַז עס איז קיין גריץ נישטאָ. דעמאָלט נעמט מענדל צונויפזאַמלען די אַלטע פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט, וואָס ליגן אַוועקגעלייגט אין קיישל. דאָס פעלט קיינמאָל נישט אויס. וואַסער קאָסט אויך קיין געלט נישט. און אויב עס איז אין שטוב קיין קוילן צום קאָכן דאָס וואַסער אויך נישטאָ, דאַן קען אַ קינד ברענגען אַ ביסל הייס וואַסער פון אַ שאָכעניטע

מענדל זיצט אַרומגערינגלט מיט קינדער אַרום אַ גרויסער שיסל פיל אָנגעגאָסן מיט וואַסער. אַלע קינדער ברעכן און בראָקן די אַלטע שטיקלעך ברויט און וואַרפן דאָס אַלץ אַריין אין דער גרויסער שיסל, פון וואַנען עס זעצט אַ הייסע פאַרע.

מענדל באַשיט שטאַרק מיט זאַלץ דאָס וואַסער, נעמט אַ לעפל און פאַרזוכט. די קינדער קוקן אויפן זיידן, די שלינגען קריכט פון מויל. פאַרגאַוועטע וואַרטן זיי אויפן זיידנס אַ וואָרט. מענדל שיט צו נאָך אַ ביסל זאַלץ און נעמט נאָך אַ זופּ.

— ווער מיר — גיטס — גינט.!

שוין, מער זאָגט מענדל נישט קיין איין וואָרט. אַלע קינדער וואַרטן נאָר אויף דעם וואָרט. עס גיבן זיך אַ לאָז אַ וואַלד מיט הענטלעך, נאַקעטע און צעריסענע אַרבעלעך פון פאַרשידענע שטאָפן. יעדעס הענטל האַלט אַ לעפל, וואָס שטופּט זיך צו דער שיסל. אַ געמלאַסקעריי פון די צינגלעך, אַ מעכאַיע צו זען אַזאַ פּעטיט:

— געב מיר נאָך אַ ביסל, זיידעשי, יאַך האָב נאָך גאָר נישט געגאַט!

מ׳צעקריגט זיך, מ׳צעשלאָגט זיך, מ׳צעמיימסט זיך, שטופּנדיק זיך און שטויסנדיק זיך, פאַרן ביסל „ברויט-יאָך".

מענדל רעלעס פון דער וואָלוווקע.

פאַרענדיקט דעם פרישטיק, גייט מענדל אַראָפּ צו רעלן צו דער שוועסטער זיינער, וואָס האָט מיט אים אַ שיטוועס געשעפט פון אַלטע קליידער.

דאָס געשעפט איז אַפילו נאָר, אַ צעבראָכן ביידל, וואָס האַלט זיך נאָר מיטן קויאַך פון די צוויי ביידלעך פון ביידע זייטן, וואָס לאָזן איר נישט אומפאַלן, אָבער אַ געשעפט איז עס און טוט זיך דאָרט שטענדיק פול.

אין ביידל הענגען אַלטע כאַלאַטן, מאַרינאַרקעס, הויזן, ווּעסטלעך. עס ליגן אויסגעלייגט אויף דער ערד אין שירעס אָדער אויף ספּעציעלע פאַכן — הויזן, ווּעסטן און מאַרינאַרקעס. אָנגעוואָרפן אין אַלעווינקעלעך פאַרשידענע אַלטע

סכוירעס: ציגענע, צעריסענע כאַלאַטלעך, זיידענע קאַפּאָטקעלעך און זשופּיצעס.

די מומע רעלע ווערט אַזוי דורך קינד און קייט גערופן אויף דער וואָלוואָקע. זי זיצט, אויף אַן אָנלען־שטיל, ווי אַ פּריינצעסן מיטן קופּקע־קרוינדל אויפן ארויפגעקעמטן קאָפּ־האָר. שטענדיק נייט זי. אויף דער לאַנגער דאַרער און הויקערדיקער נאָז, וואָס איז פיל מיט בלאָע אָדערלעך און יאָנדרעס, שטעקן אַ פּאָר גרינע ברילן, וואָס פאַרשטעלן איר קימאַט דאָס גאַנצע פּאָנעם, וואָס איז שמאָל און אויסגעבלייכט, טרוקן ווי אַ פאַרמעט, אויסגעצויגן מיט בלויז קנייטשן.

אַז זי נעמט אויף אַ ווײַלע אַראָפּ אירע גרינע ברילן, זעט מען די רויטע, פאַראייטערטע אויגן, וואָס קוקן האַלב־צוגעמרוזשעט און פון הינטער די אויגן־וויעס זעט מען קוים אַרויס די פאַרויטלטע ווייסלען פון די אויגן.

די מומע רעלע איז שטענדיק אַרומגערינגלט מיט שאַכערס, הענדלער און אויפקויפערס, וואָס שטופן איר אין די הענט אַריין די סכוירע צום קויפן. די מומע רעלע איז אַ קליינע, אַ ביסל אַ דיקלעכע און די האַלקעס, יאַקעס און בלוזקעס מאַכן איר נאָך דיקער ווי זי איז.

מענדל פּרוּווט אויך יעדעס מאָל אָפּהאַלטן רעלען נישט צו קויפן אַזוי פיל „לאַכעס", ווי ער רופט דאָס. דאָס העלפט אים אָבער ווי אַ טויטן בײַנקעס. די מומע רעלע באַטראַכט מיט אירע פאַרויטלטע אויגן יעדעס שטיקל סכוירע, דרייט איבער אייננייִנציק מאָל יעדע פּאָר הויזן צי עס לוינט זיך זיי צו קויפן. פאַר קיין געלט וועט זי נישט קויפן קיין גאַנץ, נישט צעריסן שטיקל סכוירע. אַ שאָד די רייד פון שאַכער. ס'וועט אים גאָר נישט העלפן. קויפן סכוירע און ס'זאָל נישט זיין ווי אַ נאָדל אַרייננצוטון, צו נייען און פאַריכטן, דאָס איז נאָכנישט געהערט געוואָרן ביי רעלען.

דערפאַר אָבער האָבן מענדלס קינדער און אייניקלעך אַ טייער לעבן מיט דער מומע רעלען. די קינדער קומען אַריין אין ביידל, טאָרלען זיך אויס אין אַלע שמאַטעס, טוען זיך

איבער אין די לאַנגע קאַפּאָטעס, כאַלאַטן און הויזן, באַהאַלטן זיך צווישן פאַרשידענע פּעק סכוירע און שטופּן זיך אַרינטער אונ־טער דער פאָדע־שטער שטעל, וואָס באַשטייט פון צוויי „קאָזלעס“. אויף די קאָזלעס ליגן פּאַשעטע ברעטער און אויף זיי אָנגעוואָרפן אין שירעס מאַרינאַרקעס און וועסטלעך. אונטער דער דאָזיקער שטעל, וואָס שטייט פאַרן אַריינגאַנג אין ביידל, זענען אָנגע־וואָרפן פאַרשידענע שמאַטעס אויף לאַטעס און זעק.

וואָס פאַר אַ פרייד איז פאַר די קינדער צו קענען אַרומ־קריכן הינטער דער שטעל, שפּילן זיך דאָרט און אַרומקאַטע־וועןן זיך איינער מיטן צווייטן? זומער־צייט קען מען דאָרט אַ גאַנצן טאָג נישט געפינען קיין איין ליידיק שטיקל אָרט. פאַרן פּיצל ווינקל אונטער דער שטעל האַרגעט מען זיך שטענ־דיק אַרום.

די מומע רעלע דערקענט קיינמאָל נישט מענדלס איינ־קלעך. ס׳מאַכט זיך, אַז עס קומט צו אַן אייניקל צו דער שטעל און אָן אַ גוט מאָרגן לויפט עס אַרונטער הינטער דער שטעל. די מומע רעלע איז גראָד אַליין און זעענדיק ווי אַ באַשעפעניש קריכט דאָרט אַרונטער הינטער דער סכוירע, לאָזט זי זיך אַראָפּ פון דער קיסע־מעלאָכע און שלעפּט אַרויס דאָס קינד פון הינטער דער שטעל:

— ווערמעס ביסטו ציציקל? — פרעגט זי, פעסטהאַלטנדיק אים פאַרן אויער.

דער קליינער דרייט זיך אויף אַלע זייטן, קוויטשעט ווי אַן אָפּגעשינדן כאַזערל און וואַרפט אַרויס פון זיך פאַרשידענע קוילעס. פון אים ווערט רעלע גאָרנישט געוווּיר.

— אַ וואָן פון דאַנען! אַ שאָ! אַ היים! געגאַנגען! קאָם פון דער ערד אויפגעוואָקסן און גייט שוין לאַקכענען!

אין ביידל אַרום דער מומע רעלען זיצן אויף דער ערד, אויף שמאַטעס און אויף בענקלעך, קלענערע מיידלעך מיט שיינדל־מאַטלען, מענדלס ווייב, נאַשפּיץ. אַלע זענען אָנגעלאָדן און באַוואָפנט מיט נאָדלען און פינגעהוטן און ס׳גייט אַ סעדרע נייען און פאַרלאַטען די געקויפטע סכוירע.

אַזעלכע ביידלעך מיט אַלטע פּראַלאַטעטע, מאַלבישעם האָבן נאָך צוויי ווייבער. טילע מיט דער מילע און בראַנדל מיט דער קופּקע. די לעצטע צוויי אָבער קענען אין קיין פֿאַל זיך נישט פֿאַרגלייכן מיט דער מומע רצלעס בויד. דאָ קען מען קריגן פֿון אַלץ, וואָס דאָס האַרץ פֿאַרגליסט זיך נאָר. אַ פּאָר צייגענע הויזן מיט לעכער, מיט אַריינגעזעצטע קלינעס. אַ גוטע טוכענע מאַרינאַרקע צוגעטשעפּעט און צוגענייט פֿון אַלע עקן. קאַפּאָטעס זיידענע, צייגענע, אַטלאַסענע, טוכענע פֿון די בעסטע סאָרטן. אַלץ שפּאָגל-ניי מיט אַלטע לאַטעס. די אַלע גוטע זאַכען באַקומט מען פֿאַר נראָשנס, שפּאָט ביליק. פֿון עקסטרע אויספּאַרקויפּן, פּאָשעטע מעציעס. פֿון קאָפּ ביז צו די פֿיס קען מען זיך באַקליידן פֿאַר אַ פּאָר גראָשן. פֿאַרנאַכט, אין אָוונט-צייט, ווען מען גייט פֿון דער אַרבעט, קען מען דאָרט טרעפֿן אַרבעטער, מאַלערס, האָלץ-העקער און באַלמעלאָכעס, וואָס קומען אַרויס צו דער מומע רעלען כאַפּן מעציעס.

שיינדל מאַטיל — מאַטיל־שיינדל

— „פֿון די אַלע גוטע זאַכן איז נישטאָ שאַבעס צו מאַכען" — אַזוי זאָגט שטענדיק מיט גראַם-שטראַם ווערטלעך, מאַטיל-שיינדל, מענדלס-ווייב.

זי האָט שטענדיק אַ פֿולע קעשענע מיט מייסעלעך און גלײַכווערטער. אָט שטייט זי איצט, פֿרייטיק בייטאָג, פֿאָרעט זיך ביי דער קיך, ביי די כאַלעס און האַלט נישט אַ מינוט צוגעמאַכט ס'מויל. אַ שאָכנטע זיצט ביים טיש און פּליקט אָפּ אַ שטיקל קישקע אויף אַ „מעגעלע" צום טשאָלנט. עטלעכע, מענדלס דערוואַקסענע טעכטער, טוען פֿאַרשידענע הויזזאַכן, בעטן די בעטן, שיילן קאַרטאָפֿל, און וואַשן ס'געפֿעס. מאַטיל-שיינדל, פֿאַרהיצט, פֿאַרשוויצט, דערציילט איין מייסע נאָך דער צווייטער. — אַלץ פֿון הייליקע ספֿאָרים, פֿון טייטש-כומעש אַרויס צי גאָר פֿון דער „צענע-רענע."

— אַ סויכער איז געקומען אנימלטון אין פרעמדער שטאָט האַנדלען. נאָכן האַנדלען איז ער געגאַנגען באַקוקן די שטאָט. אויפן מאַרק האָט ער געזען אַ גרויס הויז, נאָר די פענסטער זענען געווען אָן שויבן, פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר, צו גצדעקט מיט ברעטלעך, מיט קישנס. איז אים געווען אַ וווּנ־דער. אַ מענטש וואָט האָט אַזאַ גרויס הויז זאָל נישט האָבן קיין שויבן אין פענסטער? דער סויכער האָט געטראָפן איינעם און האָט אים דאָס געפרעגט. האָט דער מענטש געזאָגט צום סויכער: דער באַלעבאָס פון הויז האָט געהאַט אַ רייכן פאָטער און דאָס הויז איז געבליבן ביי אים אַ ירושה. דער זון איז געווען אַ סויכער און האָט פאַרלוירן זיין געלט, איז ער היינט אַן אָרימאַן. דאָס הויז איז ביי אים פאַרבליבן. קענסט נאָך זען בעסער, — קים אין שיל דאַווענען, וועסטו זען, אַז ער טראָגט אַ טאַלעס מיט אַ זילבערנע אַטאָרע, אַ זיידענע קאַפּאָ־טע מיט צעריסענע שיך.

— אָט דאָס זאָג יאַך שטענדיק, — פאַרענדיקט מאַטיל־שיינדל, — די קינדער זענען „שיין" (רייך) מיט די מאַסעס פון זייערע עלטערן.

— ס'איז פינקט ווי ביים קייסער, וואָס האָט געהאַט אַ זון אַ הולטאַי...

מענדל איז אַריינגעקומען אין שטוב מיט אַ געפילדער. מאַטיל־שיינדל האַקט איבער די פרישע מייסע באַלד ביים אָנ־פאַנג. מענדל ליידט נישט, ווען ער זעט די שכיינעם אַרום מאַטלען מיט אירע מייסעס.

מאַטיל־שיינדל שאָקלט זיך אָפּ, טוט אויס ס'פאַרטעך און נעמט זיך צוגרייטן גיין אויפן מאַרק. זי גרייט נאָר צו עסן פאַרן מאַן און טראָגט זיך אָפּ. מאַטיל גייט איצט אַראָפּ צו דער מומע רעלע העלפן „דזשאָבען", פאַריכטן, פאַ־לאַטען דאָס אַלטוואַרג.

פון די אַלע פאַכן, וואָס מענדל האָט, איז טאַקע פילמאָל נישטאָ אין שטוב קיין שטיקל ברויט צו עסן. דוכט זיך, אַז רעלעס האַנדל גיט נישקאָשדיק פאַרדינסט. מ'לייזט קימאַט אַ

גאַנצן טאָג און אַז עס קומט איבערצוציילן דעם טאָג-פּידיען, ווייזט זיך גאָר אַרויס אַז ס'פעלט געלט. אַלע דריי, רעלע, מענדל און שיינדל ציילן איינמאָל, אַ צווייט און אַ דריט-מאָל און ס'וויל נישט ווערן מער. מענדל צינדט זיך אָן ווי אַ באָרק, פאַרגייט אין שטאַרקן קאַס, שרייט, טופּעט אונטער מיט די פיס און פאַרענדיקט מיט אַ וואָרנונג, אַז שוין מער וועט זיין פיס דאָ נישט זיין. ער וויל נישט דאָס ווייב זאָל גאַנצע טעג זיצן אין בויד, צערוועצן און נייען. גלייכער זאָל זי זאָרגן וועגן שטוב-זאַכן, ס'זאָל זיין צו דער צייט אַ ביסל שיטערס צו עסן. ער פאַרכלינעט זיך מיט אַ שטאַרקן הוסט פון אַ זאָקן. דעמאָלט נעמט שיינדל דאָס וואָרט און הייבט אָן אַזוי לאַנג צו רעדן, ביז די מומע רעלע כאַפּט זיך פאַרן האַרצן:

— אוי, סעמערנישגוט!

מענדל האַקט איבער מיטן הוסט, וואָס זעצט ווי אַ טרו-מייטער און שיינדל פאַרענדיקט מיט אַ קרעכץ איר פלאַפלעריי. ער פאַרגעסט אין זיין הוסט און זי איר מייסע און ביידע לויפן שנעל צו ראַטעווען רעלען.

מענדל גלעט איר איבערן קאָפּ און קוועטשט איר דעם דייפּעק. זי שטעלט זיך אויף דער קני, בייגט אַראָפּ רעלעם קאָפּ, נעמט איר אַראָפּ די ברילן און הייבט איר צו בלאָזן אין די אויגן. זעט אויס, אַז דאָס איז אַ גוטע סגולע, ווייל באַלד ווערט רעלען בעסער, און אויס מוירע ס'זאָל רעלען נישט ווידער גישט פאַר-שאָדטן שוויגן זיי שוין ביידע.

ווי אַזוי דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען

שיינדל מאַטיל איז מענדלס צווייטע ווייב. ווען זי האָט כאַסענע געהאַט מיט מענדלען האָט זי שוין געהאַט צוויי קינדער, דערוואַקסענע טעכטער פון 14 און 16 יאָר. מיט איר ערשטן מאַן האָט זי זיך געגעט צוליב איר פרומקייט. גאַנצע מייסעס האָט זי צו דערציילן וועגן איר שלעכטן געגעטן מאַן.

שיינדל שטאַמט אַליין פֿון טשענסטעכאָווער געגנט. אויס געקנעטן און אויסגעוואַלגערט איז זי פֿון אַלע בעקערס אין אין דאָמבראָווער קוילן-ראַיאָן. דער פֿאָטער, דער זיידע, די ברידער זענען בעקער פֿון דורות-דורות. ווען דער ערשטער מאַן האָט זיך צעקריגט מיט איר, האָט זי גענומען אירע צוויי קינדער, אַרייַנגעלייגט זיי אין קוישל פֿון געבעקס, אַוועק צו דער באַן און איז געקומען קיין וואַרשע צו איר אַ יונגערע שוועסטער בלימטשע.

אין וואַרשע איז איר דער קויש צונויץ געקומען. זי האָט גענומען צו האַנדלען מיט געבעקס, באַקומען „גאָספּאָדעס", ווי צו טראָגן אין די שטובן, גלייך ווי דער ריבוינע-שעל-עוילאָם הייבט זיך אויף, פֿרישע בייגל, ברוינע זעמעלעך און באַמאָנטע פּלעצלעך. פֿון דעם האָט זי געמאַכט אַ לעבן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די קינדער אירע זענען שטענדיק געווען אויף גאָטס באַראָט. די עלטערע כאַיע-ראָכל פֿון פֿערטהאַלבן יאָר אַ קינד, האָט אַלע מאָל געקריגן געשמיסן דערפֿאַר, וואָס זי פֿאַרנעמט זיך נישט ווי ס'דאַרף צו זיין מיט דער אַנדערטהאַלבן יעריקער פֿייגעלען. און צוליע דעם וואָס זי לויפֿט אַרויס אויפֿן גאַס זיך פֿאַרשפּילן און לאָזט איבער דאָס קינד אָן האַשגאָכע אַליין אין שטוב.

שיינדל-מאַטיל האָט פֿאָשעט ביי די אויערן אויסגעצויגן און אויפֿגעהאָדעוועטביידע טעכטער אירע. אָפּגעשפּאָרט פֿון אייגן מויל. געגאַנגען וואַשן וועש, פּאָדלאָגעס, געטון די שווערסטע און ערגסטע אַרבעטן און געשלעפּט הינטערן פֿאַרטוך, אין די די זאָקן פֿאַר די פּיצלעך קינדער אַזעמל מיט פּוטער, שטיקלעך קעז, אַן עפּעלע און נאָך גוטע זאַכן, וואָס זי האָט זיך נישט געקענט פֿאַר זיי איינקויפֿן. אַ שטובעלע האָט שיינדל געהאַט, איז עס אַ נעס מין האַשאָמאַיעם, ווי אַזוי דריי מענטשלעכע באַשעפֿענישן האָבן געקענט אין דער זעלבער צייט זיך דאָרט געפֿינען. אין שטיבעלע, פֿון אַ קיך, וואָס שיינדל האָט געדונגען ביי יענעמען, האָט זיך קוים אויפֿשטעלן אַקליין קינדער-בעטעלע. ביי טאָג איז דאָס בעטל געווען צונויפֿגעלייגט און אַלץ האָט

מען געקענט טוען נאָר אויפֿן קליינעם קעסטל, וואו ס'האָבן זיך געפֿינען שיינדלס רייכטימער. דאָס קעסטל איז געווען פֿאַרשלאָסן אַזש אויף גאַנצע דריי שלעסער.

האָט ווער פּראָבירט כויזעק מאַכן פֿון שיינדלען, וואָס זי פֿאַרשליסט אַזש דאָס קעסטעלע אויף גאַנצע דריי שלעסער, האָט ער גלייך באַקומען אַ שאַרפֿן אָפּשניט.

— פֿאַרן גאַנעוו איז נישטאָ קיין פֿאַרשלאָסענע זאַכן. יאַך יאַך פֿאַרשליס דאָס נאָר פֿאַר די ערלעכע לייט. פֿאַר זיי קען אָן אַ שלאָס גאָרנישט פֿאַרהאַלטן.

און נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער נויט ביי שיינדלען, אויף דער שווערער האָראָוואַניע אירער, זענען די קינדער געווען גאָר לייטישע. זיי האָבן שטענדיק אויסגעזען ריין און קלאָר אויסגעוואַשן. אויסגעפּאַשעטע, אויסגעטיטשעטע, דיקלעך און מיט פּילע בעקעלעך. שטענדיק פֿאַרויטלטע, געזונטע, האָט מען געקענט זיכער מיינען, ווער ווייסט פֿון וואָס פֿאַר אַ רייכע היים זיי שטאַמען אַרויס. פֿון וואַנען שלעפּט שיינדל אַזעלכע פֿיינע קליידלעך, העמדלעך און פֿאַרטעכלעך פֿאַר די קינדער? וואו פֿאַקט זי דאָס אַזעלכע פֿיינע שיכעלעך און זעקלעך? אַלץ גאָספּאָדעס, וואו זי האָרעוועט און וואָס ווייסן סיי-ווי נישט, וואָס וואָס צו מאַכן מיט די זאַכן, וואָס טויגן שוין נישט פֿאַר זייערע קינדער. שיינדל איז גרייט צו קריכן אויפֿן זיבעטן הימל אַרויף מ'זאָל איר נאָר צו זאָגן, אַז הינטערן קיסע-אַקאָוועד וועט זי געפֿינען אַ שיין קליידל פֿאַר איר יונגסטע טאָכטער.

אַלט זייענדיק צו פֿערצן — פֿיפֿצן יאָר, זענען שיינדלס קינדער שוין געווען גאַנצע דאַמולקעס. זיי האָבן זיך געשעמט צו שפּאַצירן מיט די הויף-קינדער. די פּאַצעטלעך, וואָס זענען מיט זיי געגאַנגען פֿון זאַקסישן גאָרטן, האָבן זיי זיך געשעמט צו זאָגן, אַז זיי וווינען אויף סטאַווקע. דערציילט זיי אויסגעטראַכטע מייסעס וועגן טאַטעס געווירעם, וואָס וווינען און האַנדלען אויף די נאַלעווקעס. די פּאַצעטלעך האָבן זיי צו עפּירט צו אַ דורכגאַנגס-הויף אויף די נאַלעווקעס, געזעגנט זיך מיט

זיי. באַלד וועגן די מיידלעך פאַרשווינדן געוואָרן דורכן צוויישן אַרויסגאַנגס-טויער פון זעלבן הויף.

שיינדל האָט זיך אויך אויסבאַמיט אַרבעט פאַר ביידע קינדער אין א גרעסערע וועש-פאַבריק אויף מארשאלקאָווסקע. דאָסמאָל האָט שוין שיינדל אויסגענוצט אַלע מינים פּראָטעקציעס. און ס'האָט געהאָלפן. די מומע בלימטשע, שיינדלס שוועסטער, האָט „געדינט" אלס „באַלעבאָסטע" אין א רייכער שטוב פון א וועש-פאַבריקאַנט. ביי אים האָט בלימטשע אויסגעווירקט אַרבעטפּאַר ביידע מיידלעך. די פרייד פון ביידע קינדער און פון דער מוטער, וואָס האָט דערלעבט אזא נאכעס פון זיי, איז געווען גאָר אַ שטאַרקע. אַלע פון סטאַווקער הויף האָבן זיי מעקאַנע געווען מיט דער אַרבעט אויף מארשאלקאָווסקע. מיטאמאָל איז די בייגל און זעמל-הענדלערין דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון אַלע הויף-שכיינים צו א גרויסער פּריצטע.

שיינדל איז אַ כוץ איר שטענדיק פּאַך פון ארומטראָגן בייגל און זעמל אויך געווען אין די פרייע צייט א גאַבעטע. איר קלאַל-טועריי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז ארומגעגאַנגען צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אזעלכע שטענדיקע גאַבעטעס, שכיינעס, זאַמלען נעדאָוועס פאַר אָרעמע לייט אָדער פאַר שכיינים, וואָס זיי איז פּלוצים געשען אַנאומגליק. אין אזעלכע פאַלן, איז צו שיינדלען אַרייַנגעקומען מיט א פאַרמאָרעשכוירעטער מינע, א שאָכנטע, אוועקגערופן שיינדלען אין א זייט, אַרייַנגעשושקעט איר אין אויער, האַלב-קרעכצעדיקע ווערטער. דערנאָך האָט שיינדל געכאַפּט אויף זיך דעם ייִדענעמס שאַל, וואָס איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן אין א ווינקל אין קאַסטן, אַרויפגעוואָרפן אים אויף די אַקסלען, אָפּגעקושט די מעזוזע און מיט א פרום מינעלע געזאָגט:

— זאָל זיין צו מיצווע — אַרויסגעגאַנגען מיט דעשאָכנטע זאַמלען צווייערס און נדאָשנס פאַר א נויטבאַדערפטיקן.

אויסער דעם איז זי געלאָפן, ווען מען האָט איר גערופן, היילן קראַנקע, שטעלן ביינקעס, אָפּשפּרעכן אַן אייַנאָרע, שטעכן

אן אויער ביי א ניי-געבוירן קינד, אָפּנעמען קינדער ביי קימפּעטאָרינס און נאָך אַזעלכע אַרבעטן, וואָס די אָרעמקייט פון הויף האָט איר אָנגעטרויט.

מיט דער צייט איז שיינדל געוואָרן א גענײטע פעלדשערן און איינאָרע-אָפּשפּרעכערן. פאר אזעלכע איז זי אנערקענט געוואָרן נישט נאָר דורך די איינוווינער פון זעלבן הויף, נאָר פון די ווייטסטע גאַסן פלעגט מען צו איר קומען אָדער ארויסרופן איר צו זיך. די דאָזיקע ארבעט איז אפילו געווען א „האָנאָראָווע”, אָבער ווי זאָגט דאָרט שיינדל: „אז מען גיט נעמט מען”. און שיינדל האָט גענומען גיריק אַלץ, וואָס מען האָט איר געגעבן. אַן אַלט שטיקל קליידל, א צעריסן בלוזקעלע, אנדערע שטוב-זאכן, אַלץ איז געוואָרן געקאַשערט. אַלץ איז צונוץ געקומען ביי די פּעיקע מיידלעך אין די הענט. פון אַלעמען האָבן זיי זיך באַקליידט און באַנייט. אויסגעזען האָבן זיי ווי עכטע פרינצעסנס.

ווען שיינדל האָט פאַרזאָרגט די טעכטער מיט אַרבעט און געקלערט, אז זיי זענען שוין זיכער מיט פּאַרנאָסע, האָט זי זיך גענומען ארומזען פאַר זיך אויך אַ שטיקל טאַכלעס. דאָ איז איר צונוץ געקומען איר אייגן פאַך. מען דאַרף אויך וויסן, אז שיינדל האָט צו ביסלעך אונטערגעשאַדכנט אויך. גערעדט דאָ דעם, דאָ יענעם א ביליק שידעכל און אַז עס איז אָנגעגאַנגען האָט זי דערביי אויך געכאַפּט עטלעכע גילדן.

און דאָ האָט איר פּאַשעט גאָט צוגעשיקט איר מאַזל.

מענדל קוליק האָט אָפּגעקוליקט מיט זיין ערשט ווייב גאַנצע דרייסיק יאָר. געהאַט מיט איר, קיין איינאָרע זאָל זיי נישט שאַטן גאַנצע 15 קינדער. נאָכן פיפצענטן קינד, האָט כאַיערויזע געזאָגט, אז זי וויל שוין נישט זעכצענען און איז אָפּגעשטאָרבן אין קימפּעט.

גלייך אין טאָג פון כאַיע-רויזעס טויט האָט זיך שיינדל אריינגעצויגן צו מענדלען אין שטוב אריין. ס'קען זיך אויסדוכטן, אז די זאַך איז עפּעס קאָשע פאַר אַזאַ פרומע יידישע טאָכטער, אָבער ס'איז אַלץ געווען ווי גאָט האָט געבאָטן.

פון די פיפצן לעבעדיקע קינדער מענדלס, זענען אַכט שטיק לעך געווען אין עלטער פון איינס ביז צען יאָר.

די איבריקע דערוואַקסענע קינדער זענען שוין געווען אויסער דער שטוב. איינער א סויכערל האָט שוין געווינט פאַר זיך מיט ווייב און קינדער, אַ צווייטער האָט געאַרבעט, א דריטער ארויסגעפאָרן. און קימאַט אלע, וואָס האָבן זיך געקענט ארויסכאַפּן, קריגן עטוואָס אַרבעט אָדער גיין האַנדלען, זענען אַרויס פון מענדלס שטוב. דערפאַר זענען ס'גאַנצע קליינוואַרג געוואָרן שנעל דערוואַקסן, געטון אַלע שטוב-זאַכן און באַמיט זיך וואָס שנעלער זיך אויסצולערנען און ווערן גרויסע מענטשן.

ביים אָפּנעמען ס'קינד ביי כאַיע-רויזען איז שיינדל געווען צוזאַמען מיטן דאָקטאָר. ווען ער האָט געזאָגט, אַז דאָ וועט שוין קיין טאָטער אויך נישט העלפן, איז מענדל מיט די עלטערע קינדער געלאָפן רייסן „קוואָרעם". שיינדל איז גלייך אריין אין דער ראָל און גענומען העלפן איינאָרדנען די אָרימע יעסוימים-נעבעך, קאָכן פאַר זיי אַ מיטאָג, שאַפן עטלעכע ברויטלעך און לייגן זיי שלאָפן.

אין די איבעריגע טעג, איז שוין שיינדל אָרט פאַרבליבן. אינדערפרי האָט זי געכאַפּט שנעל דאָס קוישל מיטן געבעקס, גיך געלאָפן צעטראָגן פאר די גאָספּאָדעס די פרישע בייגל. נאָך איידער מ'האָט זיך אומגעקוקט איז זי שוין געווען צוריק ביי מענדלען אין שטוב, אָפּגעקאָכט, פאַר אייגן געלט געקויפט, אַ טעפּל קאַרטאָפלעס מיט באָרשט — מענדלס בעסטע מאַכל. פאַר מענדלען האָט זי ספּעציעל געזאָרגט, אינדערפרי, ר'זאָל האָבן א הייס גלעזל טיי פאַרן גיין אין שול אריין דאַווענען. פון אזעלכע גוטסן האָט ער ביי זיין כאַיע-רויזען — אָלעוו-אַשאָלעם נישט געוווסט. שיינדל האָט אַכטונג געגעבן די קינדער זאָלן זיין אַרומגעוואַשן, אויסגעקעמט און האָבן צו דער צייט עפּעס אין מויל צו נעמען.

דאָס אַלץ האָט שיינדל געטון פון מיצווע-וועגן. מ'קען דאָך נישט איבערלאָזן א וועלט מיט קינדער אָן אַשגאָכע. עט אויס, אז גאָט שיקט שוין צו פריער דעם סכאַר פאַר דער

מיצווע. גוטע שכיינעס האָבן זיך אַרומגעקוקט און געטראַכט׳ אַז ס׳ וואָלט נישט געווען קיין שלעכטע זאַך די ביידע מענטשן צו שאדכענען. מענדל אַן עלטערער ייד מיט אַזוי פיל קליינע קינדער — ס׳איז פּאַשעט אַ ראַכמאָנעס אויף אים. פאַר שיינדלען-די צאַדייקעס איז עס נאָר איין אויסוועג. ער אַ גאָטספאָרכטיקער ייד און זי א פרומע צענע-רענע יידענע. ס׳איז זעט אויס אַ הימלישע זאַך, — אַזוי האָבן קעסיידער געשמועסט די שכיינעס. זיי האָבן זיך גענומען און ס׳האָט נישט געדויערט קיין גאַנצע פיר כאדאָשעם נאָך כאיצ-רויזעס טויט, ווי שיינדל איז געוואָרן מענדלס ווייב.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען שטיל-שאַ, ס׳האָט זיך גאָרנישט געענדערט. שיינדל איז פאַרבליבן וווינען אין דער זעלבער שטוב ווי פריער, נאָר אירע ביידע קינדער זענען שוין אַריבער-געקומען צו מענדלען אַלס קעסט-קינדער אויף שטענדיק.

נאָך דריי יאָר אָפּוווינען ביי מענדלען, האָט שיינדל גע-בוירן דריי קינדער. דער ערשטער סרוליקל איז אויפן דריטן נאָכן געבוירן ווערן אָפּגעשטאָרבן. די וועלט איז אים נישט געפעלן געוואָרן. די איבעריקע צוויי קינדער מעכלאון הערשל זענען געוואָק-סען און געוואָקסן און גאָרנישט געקענט אויפוואַקסן.

נאָכן אָפּמוטשען זיך ס׳גאָנצע לעבן ביי די עלטערע צוויי טעכטער, האָט שוין איצט שיינדל אויפגעהערט צו. פאַרנעמען זיך מיט זיי און אַפילו אירע צוויי נאָך יונגע קע״ באָנימלעך האָט זי געלאָזט האָדעווען „נאַ וואָלע-באָס

איצט האָט שיינדל געהאַט „אַן עמעסדיקן דאָס מיט ווירטשאַפט״ — ווי מענדל האָט אויף איר געשריגן. ביידע יאַטלעך האָבן זיך האלב-נאַקעטע ארומגעוואלגערט אויפן הויף, אויף די שטיגן, אויף דער גאַס און וואו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. דער עלטערער מעכל איז אלט געוואָרן דריי יאָראון אַראָפּ שפּאַ-צירן אין גאַס. דאָרטן איז ער איבערגעפאָרן געוואָרן דורך אַ שווערן וואָגן פיל מיט פעסער „האַבערבוש-ביר״. די פערד און צוויי רעדער זענען אַריבער איבער דער רעכטער האנט און איבערן רעכטן פוס.

ס'איז געוואָרן אַ געוואַלט און אַ געשריי אויף דער גאַנצער וואָלוווקע.

— „מעכל מאַטיל-שיינדלס איז איבערגעפאָרן געוואָרן!"

די מאַמע, א פאַרשוויצטע, אַ צעיאָכמערטע, א צעהיצטע איז אָנגעלאָפן מיט אַ געשריי „מיין קינד, מיין איינציקס", געכאפט אים אויף דער האַנט און געלאָפן הענדעם-פענדעם צום דאָקטאָר. ביים באַטראַכטן אים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז אים גאָרנישט געשען. די רעדער האָבן אים אביסל אָפּגעקוועטשט די גראָבע לידקעס פון פיס און הענט, אָבער ארום און ארום איז אים גאָרנישט געשען, אָפּגעקומען מיט בלויזע שרעק, געבענטשט שאַבעס גוימל אין שול, געשטעלט פיר ליכט אין אָרן-קודעש לעקאָוועד דעם נעס און ווייטער געלאָזט די קינדער ווי פריער — פריי.

ס'קאָצל קומט -ארויס מיטן אויוון — מעכל איז דאָ

שיינדלס עלטערער זון, איז באַלד געוואָקסן „עפעס אַזוינס", דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער איז א גרויסער אָקס, א גוילאָם, אַ נאַרן-קאָפּ, די מאמע איז פאָשעט געקיואָלן פון זיין קליגשאַפט און געזאָגט, אז ער וואַקסט אַן אילע, אַ לאַמעדוואָוניק. אלע איבריקע האָבן אים געהאַלטן פאַר א לאָבוז, אַ בענקארט, א קונדאַס וואָס ר'איז נישט ווערט, אז די ערד טראָגט אים ארום.

און מעכל איז געוואָקסן. ר'האָט זיך געטון זיינס. אומעטום איז ער געווען פול. אַלץ געוואָלט הערן, טון און נאָכמאַכן. צו אַלעם האָט ער זיך צוגעהערט און אַלץ געוואָלט וויסן, ס'איז קיין זאַך נישט פאָרגעקומען לעבן אים, ר'זאָל עס נישט האָבן גלייך באַמערקט.

ווען ער איז אַלט געוואָרן פינף יאָר האָט מען אים שוין געשיקט אין כיידער. דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך לאַנג

אַרומגעקריגט, ביז וואַנען זיי האָבן באַשלאָסן אין וואָסער כּיידער אים אָפּצוגעבען. די מאַמע האָט געוואָלט ער זאָל גיין אין באַרימטן כעדער אויף דזשיקע גאַס, צו יאָסעף גאַזלען. דער טאַטע האָט געשריגן: סטייטש, אַלע קינדער האָבן געלערנט אין טאַלמעד־טוירע און דעם טאַנע־באַרטעק וועל יאך גאָר געבן צו יאָסעף־גאַזלען ? ס'געהערט אַ מייסע ! זאָל ער צום ערשט ווייזן וואָס ער קען אין טאַלמעד־טוירע און אויב ס'וועט זיך ארויסווייזן, אַז ער טויג צו עפּעס, דעמאָלט וועלן מיר זען. אַזוי איז פאַרבליבן. מענדל קוליק האָט דאָס מאָל זיינס אויסגעפירט.

דער „טאַנע־באַרטעק" — מעכל — גייט אין כּיידער

די טאַלמעד־טוירע פון מילע 63 איז גוט באַקאַנט אין וואַרשע. פון דער טאַלמעד־טוירע זענען אַרויס געקומען פיל צאַדיקים און ראַבייאים און נאָכמער גאַנאָווים און גאַסן־יינגען.

מענדל קוליק האָט אַוועקגעפירט זיין זון אין טאַלמעד־טוירע, מאַשווע געווען זיך מיטן מעלאַמעד, ראַב ביניאָמען וועגן סכאַר־לימעד און אָנגעזאָגט אים לעמאַן־אַשעם נישט זשאַלעווען קיין פּעטש און דעם ראַפּניק, ווייל ער איז אַ גרויסער לאָבוז און מ'דאַרף אים אויפציען פאַר אַ ייד.

דער דאַרדעקע־מעלאַמעד, ביניאָמען, איז אַ הויכער ייד מיט ברעמען, שרעקלעך גרויסע. זיי זעען אויס, ווי צוגעקלעפּטע לאַנגע ריטער פון אַלמעכטיקן ראַפּניק, וואָס ער טראָגט שטענאַרום אין האַגט. ראַב ביניאָמען האָט אַ הויכן שטערן. דאָס קאַפּעלע שטענדיק פאַרוקט אין אַ ווינקל פון געלן־קאָפּ האָר. אַלעמאָל איז ער פאַרשוויצט און ווישט זיך מיט דער פויסט דעם שטערן. אַ לאַנגע נאָז, אָנגעשטאָפּט מיט אַ טונקעל־ברוינעם טאַבאַק. ברייטע, פאַרצווייגטע וואָנסעס און אַ לאַנג און ברייט פּאָנעם, וואָס מען זעט עס נישט ארויס, ווייל די ברייטע געלע באָרד וואַקסט אויף אַלע ערטער פון פּאָנעם און לאָזט

נישט לײדיק קײן שטיקל רײנע הויט זי זאָל דאָרט נישט פֿאַרפֿלאַנצן אַ פּאָר האָר.

אָנגעטון איז ראַב בּיניאָמען אין אַכאַלאַט, וואָס דערגײט אים בּלויז צו דער קני. מ'זעט דעריבּער אַרויס די בּרײטע זעקס-אַרשיניקע הויזן, וואָס פֿאַרוויקלען זיך נאָך בּרײטער אַרום די גרויסע שטיוואַלעס.

אין כײדער איז דער רעבּע אַרומגעגאַנגען אַבּיסל אײנגעהויקערט, פֿאַרלײגט די הענט אויפֿן הינטן און מיט בּלויז צווײ פֿינגער האָט ער געשאָקלט אויף אַלע זײטן דעם לילעוו — קאַנטשיק. פֿון צײט צו צײט נעמט ער אָפּער אײן האַנט פֿון הינטן, גלעט זיך אַ פּאָר מאָל די בּאָרד, שטופּט אַרײן אײן זײט עק פֿון בּאָרד אין מויל אַרײן און די האַנט וואַנ־דערט צוריק אויפֿן פֿריערדיקן אָרט. אַרומגײענדיק איבּערן כײדער מיט די פֿיל טישן, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין אַ דאַ־לעט, גײט ראַבּ בּיניאָמען אַרום פֿאַרטראַכטערהײט נאָענט אָנ־קלאַפּנדיק זיך אָן די בּענק און דעם אַלמער, וואָס שטײט בּײ דער טיר.

די קינדער לײגן נישט קײן אַכט אויף דעם, וואָס דער רעבּע גײט אַרום פֿאַרטראַכט. ס'זעט אויס, אַז ער לײגט אויף זײ אויך קײן אַכט נישט. דאָס איז אָבּער נישט אַזוי. קענענדיק זײער רעבּן ווײסן די קינדער, אַז פֿאַרטראַכטערהײט זעט ער אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אין כײדער. און ווירקלעך, ווען מ'זאָל זיך אַזוי אַבּיסל לענגער צוקוקן, וועט מען פֿון צײט צו צײט בּאַמערקן, ווי פּלוצים, דוכט זיך פֿון דער העלער הויט, אומ־געריכטערהײט, בּלײבּט ראַבּ בּיניאָמען שטײן בּײ אַ ייִנגל, וואָס האָט געקענט אויף אַלעמען זיך ריכטן, נאָר נישט אויף דעם איבּערפֿאַל. שנעל־אויגנבּליקלעך, גיט ער זיך אַ בּויג אַראָפּ צום ייִנגל, מיט דער רעכטער האַנט גיט ער אים אַ רוק הינ־טער דעם געזעס און מיט דער לינקער פֿאַרבּײגט ער אים דאָס קעפּל. ס'דערהערט זיך אַ קוויטש, ווי פֿון אַ געקוילעטן אָקס ! א־ו—י? אַ־ײ! א־ײ! מ—א—מ—ע—ל—י—ו!

וואָס אַמאָל קומט דער קוויטש אַרויס שטאַרקער און

שטאַרקער, ווייל וואָס ווייטעד פון אָפּגעטויענעם שטיקל אַרבעט פילט אים דאָס געקניפטע ייִנגל מער און מער.

ראַב ביניאָמען הייסט נאָך אַזוי ביי דערוואַקסענע מענטשן. די כיידער-ייִנגלעך רופן אים ביים עמעסדיקן נאָמען: „ביניאָמען קנאַפּער". און אַזוי דאַרף ער טאַקע הייסן.

פרעגט זיך אַ קאַשע, צו וואָס טראָגט ער אַזוי אָפן אַרום דעם ראַפּניק, פּאָכעט מיט אים און שרעקט אַלעמען? בלייבט די קאַשע ווייטער קאַשע. אַזוי טוט ער און מאַכט אים עפּעס.

ביניאָמען האָט נישקאָשע פאַרדינט זיין נאָמען קנאפּער. ער איז אַן עמעסער מייסטער דערויף. ווען מ'קוקט אָן זיינע פינגער פון דער רעכטער האַנט, זענען זיי ווי געבוירן דערצו. די פינגער פון אַ פיאַניסט, זענען ווי פינגער פון אַ פיאַניסט. און ביניאָמען קנאַפּער האָט פינגער, וואָס זענען ווי באַשאַפן געוואָרן פאַר זיין קנאַפּעריי. לאַנגע, דאַרע, גלייכע און אַ אייזן-שטייפע. דאָס פלינקייט פון אָנכאַפּן דאָס ריכטיקע אָרט, וואו מ'דאַרף געבן דעם קניפ, דאָס ריכטיקע אוועקדרייען דעם קאָפּ, דאָס בלייבן שטיין אויפן אָרט ביים קינד און די גאַנצע געשעפעניש, וואָס דויערט קיינמאָל נישט לענגער ווי רעגעס, — דאָס אַלץ ווייזט, אַז ביניאָמען איז אַ גאָען אין זיין פאַך און אַז אים האָט גאָט אליין באַשטימט צו זיין אַ קנאַפּער.

ווען ביניאָמען נעמט זיך צו דער אַרבעט, זעט עס אויס, ווי ער וואָלט געגעסן דעמאָלט עפּעס אַ זיסע אָדער שטאַרק זויערע זאַך, וואָס פאַרשאַפט אים אזוי פיל פאַרגעניגן. די אויגן גלאַנצן, ווי ביי אַ קאַץ אין דער פינסטער. ער פּאָסמאָקעוועט זיך ווי דער קאָטער נאָכן אויפפרעסן אַ מייזל. די היץ, וואָס שלאָגט פון אים, פילט אָן די קינדער מיט מוירע. זיינע אויגן וואַרפן אויך אויף זיי אַ שטאַרקע שרעק.

גישטאָ אין כיידער קיין איין קינד, וואָס ביניאָמען זאָל עס נישט האָבן אויסגעקניפּן.

אָט אַין דעם כיידער איז מעכל אָנגעקומען. פאַר אים אליין איז עס אפילע געווען אלץ איינס, ווייל ער אליין האָט

נישט געקענט דעם אונטערשיד פון אזא אָדער אנדער כיידער.

די כאָכמעס און טוירעס פון ביניאַמען קנאַפּערס דאַר־דיקע כיידער האָט זיך באַלד מעכל אויסגעלערנט אויף איין פוס.

די מאַמע האָט געקוואָלן פון אים און דער טאַטע האָט געשריגען:

— וואַרט נאָר צו אַ ביסל, לאָמאָך נאָ זעציען ווי סעס גיין ביים כימעש! די ראַשע! וועט מען זעיען.

באַקומען דאָס ערשטע מאָל געקניפּן פון ביניאָמענען, האָט מעכל באַלד ערקלערט דער מאַמען:

— מאַמעליו, יאַך גיי נישט אין כיידער!

שיינדל־מאַטל האָט זיך אַ פאַרוואונדערטע אויסגעדרייט צו אים און אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. אָן ווערטער.

—יאַך כאָב שוין געזאָגט, יאַך גיי נישט אין כיידאָ, ווייל דער רעבע איז א קנאַפּאָ!

—כ׳פאַרשטיי נישט וואָס די רעדסט, מאַכעלע?

— כ׳על נישט גיין אין כיידאָ, ר׳האַט מאָך געקניפּן!

מאַטל האָט אַ גאַנצן טאָג אריינגערעדט אין מעכלען. געקויפט אים אַ גאַנץ פעקל מיט ציקערקעס און צום סאָף גענומען אים פאַרן הענטל און אָוועקגעפירט אין כיידער מיט אַ געוואַלט:

— ס׳טייטש רעבע ווי מאַכט עך צפּעס דאָס קינד פאַר אַ קאַליקע? — בראָן און בלאָע צייכנס אויפן טאָכעסל!

דער רעבע איז שוין צו אַזעלכעס צוגעווינט. ער ווישט זיך פאַמעלעך אָפּ דעם שווייס פון שטערן, דרייט זיך געלאַסן אויס צו דער יידענע און רעדט זייער שטיל, געלאַסן, קויב, וואָס די קינדער הערן אַ וואָרט:

— כ׳בעט אייך זייאָ, עך לאַרנט די קינדער, צי יאַך לאַרן זיי?

אַ געפּלעווטע פון מעלאַמעדס נישט אָפּשרעקן זיך־פאַר איר, בלייבט זי שטיין אַ ווײַלע און הייבט אָן העכער צו שרייען:

— ס׳הייסט עס? עך זענט דאָך נישט קאַ רעבע,

נאָר אַגאזלען! ווי קען דאָס אַ גאָטספאָרכטיקער ייד אזוי מיימעסן אַ קינד?

ראבּ בּיניאָמען רעדט איצט נאָך שטילער ווי פריער, איידעלער און גייט זיך מיט זיין געלאַסן גאַנגל צו גאָר נאָנט צו שיינדלען:

– נאַט אייך דעם קאַנטשיק און לאַרנט עץ מיט זיי, ! – ער מאכט אויף די טיר און לאָזט זיך ארויסגיין.

איצט איז שוין שיינדל־מאַטיל גאָר צעכישט. זי פרוווט אים נאָכשרייען:

די מעשיגענאָ רעבּע! גיי אין די טוואָרקעסאיי! געהערט אַ מייסע? שלאָגן קינדער גאָר!

איר שרייען דערגייט אים אָבער שוין נישט. זי שרייט שוין יעצט אויך נאָר אזוי ווי פאַר זיך צו קילן דאָס האַרץ. בּיניאָמענס אָפּלעפּן ווירקט אַזוי אויף איר, אַז א צעטומלטע זעצט זי מעכלען מיט אַ טפּרבּענץ אוועק אויף דער לאַווקע און לאָזט זיך אהיימגיין.

– „ס׳געפעלט אייך נישט מאַן לאַרנען, בּיטאָ זייאָ, – נאַט אך מיין קאַנטשיק און גייט עץ לארנען" – דאָס איז בּיניאָמענס שטענדיקער פּיזמען. מיט דעם פּמעפּט ער אָפּ אלע־מען און ווי אָפּגעשמיסענע, לאָזן די מאַמעס איבּער די קינדער אויף בּיניאָמען קנאַפּערס בּאַראָט.

שפּעטער פאַרשטייט שוין מעכל אַליין, אַז דער ערשטער קניפּ איז נאָר געווען אַ בּאַקאָנען זיך פון בּיניאָמענס פינגער מיט זיין געזעסל און מעכל שרייט שוין נישט צומאָל ווען דער ־עבּע קנאַפּט אים דערנאָך.

דאָס פאַרדריסט דעם רעבּן אממערסטן. דעם קינדס געש־ריי, דאָס איז דאָך, ווי אַ נאָכשפּיל צום קניפּ. עס פעלט צום ־ימל. דאָס האַרט אַים אָמשטאַרקסטן. די ווייטערדיקע קניפּן, וואָס מעכל קריגט זענען שאַרפערע, בּייסעדיקע און פייערדיקע. שווער אָבער בּיי מעכלען אַרויסצורופן אַ געוויין אָדער אָ געש־ייי. ווען ער בּאַקומט דעם קניפּ, פאַרוואַרפט מעכל דאָס קע־ועל אזוי ווי אַ הינדל און פאַרוקט בּיידע הענטלעך אויפן הינטן,

פאַ־בייסט מיט די ליפן ביז בלוט און שטעלט אָן אויס רעבן אַ פאָר אויגן גרייט אויפצועסן, וואָס רעדן אַליין פאַר זיך.

דער רעבע ווערט דעמאָלט ווילד ווי א כאַיע. דורכן לייב לויפט אדורך אַ שוידער, עס טרייסלט אים, ווי ס׳וואָלט איב ווער א ביס געטון. ער בלייבט שטיין און קוקט מעכען אָן גלייך אין די אויגן. ער שטעלט אָן אויף מעכלען זיין בליק, וואָס דאַרף אים אַדורכשטעכן ווי מיט שפיזן. ביי אַנדערע וואָלט דעם רעבנס בליק זיכער ארויסגערופן שרעק. מעכל אָבער האַלט אָנגעשטרענגט זיינע אויגן אויפן רעבן און קוקט אויף אים מיט אַ שרעקליכן האַס גלייך אין די אויגן.

דאָס גאַנצע כיידער הערט אויף צו עקזיסטירן פאַר ביידע. אַלע קינדער הערן אויף צו זינגען פאַר שרעק, וואָס דאָ וועט אַרויסקומען. דאָס געדויערט עפשר א מינוט צייט. קויב איינ־האַלטנדיק זיך פון קאַס גיט זיך דער רעבע א וואָרף אין אַ זייט און לאָזט זיך צו די קינדער. אין פאַרלויף פון עטלעכע רעגעס ווערט פאַשעט א געהענעם אין כיידער.

— האַ? שטיל געוואָרן אלע? צ׳ווילט נישט לאַ־נען! האַ? וואָס?

דאָס קאָל איז ווי פון א טיפן פאַס אַרויס. שניידיק, גרויזאַם, — ס׳עגבערט אין די אויערן, דאָס וואַרפן זיך אויף די קינדער, דאָס ווילדע קנאַפן זיינס אויף לינקס און אויף רעכטס. — איז אומהיימלעך און אַנגענעם... עס ווערט קאַלט און וואַרעם. ס׳שלאָגט א שוויס פון פאָנים, ס׳שטויסט אָפ און ס׳ציט גלייכצייטיק צוריק צו. ס׳שרעקט און ס׳ווירקט אויפרעגנדיק, ביי אַ טייל קינדער אַנטפאַלט דאָס האַרץ, ווען זיי זעען דעם רעבן ביים קנאַפן. אַנדערע ווידער לויפן אים נאָך מיט די בליקן: ס׳דוכט זיך אויס, אַז זיי וואָלטן אויך וועלן אַנטיילנעמען אין דעם קנאַפן. נאָך אַזאַ פאַל זענען די קינדער שטאַרק צערודערט. אַ לאַנגע צייט דערנאָך קענען זיי צו זיך נישט קומען פון אויפגערעגטקייט. דאָס גלייכן דער רעבע. ער לויפט באַלד אַרויס אין בעס־קיסע... אָפקילן זיך אַ ביסל.

נאָך אַזעלכע געשעענישן, וואָס זענען בײַ ביניאָמען קנאַפּער גאַנץ אָפּטע, וואַרפט זיך מעכל אין שלאָף זער שטאַרק. ער שרײַט עפּעס גאָר ווילד אויס פון שלאָף. דער טאַטע מוז אים עטלעכע מאָל בײַנאַכט אויפוועקן און פרעגן צי ר׳האָט זיך נישט אַמאָל איבערגעפרעסן פאַרן שלאָפן גײן, וואָס ער שרײַט אַזוי פון בויך-ווייטאָג.

אינדערפרי טוט אים שטענדיק וויי דער קאָפּ. דער גאַנ-צער כאַלעם שטײט אים פאַר די אויגן. מאָדנע זענען זיי טאַקע. עפּעס אַזעלכע ווילדע בריעס, וואָס מעכל האָט זיי נאָך אין זײַן לעבן קיינמאָל נישט געזען. קימאַט אַלע האָבן באַקאַנ-טע פּנעמער. יעדעס מאָל האָט עס אַ שייכעס מיטן רעבן, וואָס קנאַפּט זיי אין די הינטערשטע טײלן. ס׳שטעלט זיך אים פאַר אַ נאַקעטער רעבע, וואָס קנאַפּט דעם טאַטן, די שוועסטער און די מאַמען. טײלמאָל כאַפּן זיי זיך אין אַ ווילדן טאַנץ מיט אַזעלכע מאָדנע כאַיעס – לײבן, בערן, וועלף און הײשע-ריקן. אַלעמאָל וויל זיי מעכל ראַטעווען. ער כאַפּט זיך צו אַן אײַזן, צו אַ שטעקן און וויל דעם רעבן הארגענען אויף טויט.

סאָף-קאָל-סאָף דויערט דער לימעד בײַ ביניאָמען קנאַפּער נישט מער ווי אַ האַלבן זמאַן. דעריבער גײט די דאָזיקע צײַט גיכער פאַר מעכלען פאַרבײַ.

אַרן-שמיל „שמאַסער"

דער צווייטער מעלאַמעד, צו וועמען מעכל קומט אָן אין דער זעלבער טאַלמעד-טוירע הייסט אַרן-שמיל. דאָס איז אַ ייד אַ בײַכיקס מיט אַ געלע לאַנגע באָרד. זי איז אַזוי געל, אויסגעטריקנטער פאַרמעט, אָפּגעבלאַקעוועט פון דער זון ... ט. אַ פּאָנעם פון אַ קאַצעוו, גראָב, רויט און אָנגעפּרעסן. ... צענדיק צעיאַכמערט, צעפּלאָשעט די קאַפּאָטע, וואָס איז אַ ...

אַכצן פּאָלעס צעריסן און פֿאַרשמוציקט. גרויסע גלאָצעוואַטע אויגן און אָן ברעמען. דאָס היטל איז שטענדיק פֿאַרוקט אויף שטערן. די קודלעס, פֿאַרשוויצטע, געפֿינען קיינמאָל קיין אָרט נישט אונטערן היטל.

אַרן-שמיל קען קיינמאָל נישט איינשטיין אויף איין אָרט אַ לענגערע צייט, דאָס נערוועזישקייט קען מען ביי אים גלייך באַמערקן. ווען ער רעגט זיך אויף, און דאָס טרעפֿט זיך ביי אים גאַנץ אָפֿט, דעמאָלט רוקט זיך ביי אים דאָס היטל נאָכמער אַראָפּ אויפֿן שטערן. דער גאַנצער קאָפּ הייבט זיך אַראָפּ און אַרויף. ס׳מאַכט דעם איינדרוק, ווי דער קאָפּ-שאַרבן וואָלט געווען ביי אים אויף „זאַוויאַסעס".

די קינדער און אַלע אַרומיקע שרעקן זיך פֿאַר אים אײ־מעס-אַמאָוועס. און ווײ איז צו די, וואָס פֿאַלן דעמאָלט אַריין אין זיינע הענט.

אין קעגנזאַץ צו ביניאָמענען, וואָס פֿלעגט אַרומשפּאַציר ביים לערנען, זיצט אַרן-שמיל אין מיטן כיידער אויף זיי בענקל, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויפֿן שטול, וואָס האַלט אונטער דעם שווערן געמאָרע-קאָפּ זיינעם. ס׳איז נישט צו באַ מערקן ר׳זאָל ספּעציעל אַכט לייגן אויף די קינדער צי זיי לער נען ווי ס׳דאַרף צו זיין.

דאָס לערנען כומעש, ראַשע, און געמאָרע קומט נישט פֿאָ ווי אין אַנדערע שולן, פּאָשעט און גאָר, אַז יעדער שילע דאַרף זיך אויסלערנען זיין לעקציע, נאָר אין אַלגעמיינעם גו זאַגג פֿון דער סעדרע אָדער פּאַרשע, ווי אַלע קינדער צו זאַמען זינגען דעם ניגן און דעם טייטש פֿון דער העברז אישער באַדייטונג פֿון דער פּאַרשע.

— „אָמער אַבאַיע" — האָט אַבאַיע געזאָגט". — אָדער: „ווז יושעוו מוישע". — האָט זיך מוישע געזעצט.

און זאָל זיך טרעפֿן, אַז אַ קינד פֿאַרגעסט זיך א האַלט נישט אונטער דעם ניגן, דאַן גיט זיך פּלוצים א באַוו ביי אים דאָס היטל, ווי ביי אַ הונט די אויערן. ווען ער דע שפּירט אַ פרמדן נאָענט פֿון זיך. זאָל עס נאָך אַ ביסל לענגע

דריפֿן דאָס פֿאַרגעסן זיך פֿון יינגל, דאָן הייבט אָן דאָס היטל שנעלער זיך צו באַוועגן און אַזוי וואָס שנעלער, ביז דער „מאָטאָר" אַרבעט שוין נאָרמאַל. דאָס היטל פֿאָרט אַראָפּ עטוואָס נידריקער צום שטערן צו. אַלע יינגלעך ווערן אָנגעשטעקט. יעדער האָט מיט עפּעס געזינדיקט און אלע הייבן אָן זיך אַרומקוקן צו וועמענס קאָפּ, דאָס הייסט הונטן עס וועט באַלד אויסגיין. זיי דאַרפֿן לאַנג נישט וואַרטן. ס'דערהערט זיך אַ פּלוצימדיקער און אַ שניידנדיקער אויסגעשרי ווי, מיט אַ שאַרפֿן דראָט אַדורכגעשניטן די לופֿט:

— כאַסקעלע, זינעלע, זיי מע-מויכל, קים נאָ אַהער צי מיר!

דאָ האָבן אַלע געזינגען און קיינער וואָלט זיך אויף גאָרנישט נעריכט און מיט-אַמאָל ווערט דאָס קאָל איבערגעשניטן אין דערמיט, ווי מיט אַ מעסער. ס'איז שטיל געוואָרן ווי אויפֿן בייס-עולם

דאָס קינד, כאַסקעלע, שפּרינגט אויף, ווי אַן אונטערגעצינדענער ווערט רויט און דערנאָך באַלד בלאַס ווי די וואַנט און הייבט זיך אָן שאָקלען פֿאַר שרעק הין און צוריק. עלעמענס אויגן זענען געווענדעט נאָר אויפֿן רעבן, וואָס, ווי זייגמאָל גאָרנישט, זיצט אַלץ ווייטער אין דער זעלבער פּויזע און צישעט די ווערטער דורך די ציין:

— כאַסקעלע קרוין, — ס'שטייסטע עפּעס פֿון דערוואַטנס?

— האָ-נישט קאַמוירע! קים צי נענטאָ אַביסעלע!

דאָס קינד רוקט זיך פּאַמעלעך אַרויס פֿון הינטער דער באַנקע און גייט מיט פּאַמעלעכע טריטצו צום רעבן און בלייבט פֿאַר אים שטיין.

די זעלבע פּויזע ביים רעבן, נישט געענדערט אויף אַ האָר:

— וואַרף אַראָפּ זינעלע, די הייזעלעך, לייג אַוועק דאָס טאָכעסל אויפֿן בענקעלע און נעם מיר אַרויס ס'בעזעמל פֿון פֿון דער קאַפּאָטע!

ציטערנדיק טוט דאָס קינד נאָך מעכאַניש דעם באַפֿעל,

אָבער ביים ארויסשלעפּן דאָס בעזעמל, דעם קאָנטשיק מיט צוועלף ריטער פון ארן-שמילס קעשענע, ברעכט דאָס קינד אויס אין אַ יאָמערליך געוויין, וואָס רייסט אַלע מיט.

דעמאָלט פּלאַצט דאָס גאַנצע שטילקייט. אַרן-שמיל פאַר-ענדערט זיך אין איין רעגע, ווי איבערגעטוישט מיט אַ קישעף-שטעקעלע. ער גיט אַ שטעק אויס זיין בייכל פאָראויס און דערנאָך דעם גאַנצן גוף, ער שפּרינגט אראָפּ פון בענקל, ווי ר'וואָלט פון דאָרטן אַרויסגעשאָסן געוואָרן.

מיט איין האַנט נעמט ער אָן דאָס קינד ביים נאקן און מיט דער צווייטער ביי די פיס און אין דער זעלבער צייט לויפן באפעלן:

— דאָווער — די פיס, מענדל — ביים קאָפּ, כאיעם — די הענט!

ס'דויערן סעקונדעס און די ארויסגערופענע יינגלעך פליען פון הינטער די לאַווקעס און שוין שטיין זיי ביים קאָרבן און האלטן צו דעם קאָפּ, די פיס און די הענט.

דאָס בעזעמל טאַנצט אליין אַרויס פון ארן-שמילס בוזעם-קעשענע. יעדער וואונדערט זיך, ווי איז דאָס מעגלעך אַזאַ גראָבן „בעזעם" צו האלטן אין בוזעם-קעשענע ר'זאָל זיך דאָרט גאָרנישט אָנזען.

קימאַט ווי שפּילנדיק זיך, לייכט אָן ריגזע שוין, ווי ר'וואָלט זיך אונטערגעזינגען, פּאָנפּעט ראַב אַרן-שמיל אַ גע-מאָרע ניגן און שמייסט דאָס נאקעטע טאָכעסל.

ראַב ארן-שמייסער האָט קאָשער פאַרדינט זיין נאָמען, זיין געדעכעניש זאָל זיין אין ליכטיקן גאַן-איידן אויב ער לעבט נאָך אפילע. ער האָט געקענט גוט שמייסן, — אַוי האָט ער געקענט. זעלטן ווען א קינד האָט געקענט מיט אייגענע קויכעס אליין זיך אַויפהייבן פון בענקל און אראָפּגיין צו דער לאַווי-קע. אזעלכע שמייסערייען זענען פאָרגעקומען קימאט יעדע שאָ.

נישט געווען קיין איינער אין כיידער, וואָס זאָל האָבן אדורכגעגאנגען ארנס-קיטע און דורך אים נישט ווערן געשמיסן. ס'וואָלט פּאַשעט געווען אַ כאַרפּע פאַרן נישט-געשמיסענעם.

שמיל — באשליק.

מעכל קוליק לערנט שוין ביי ארן-שמיל שמאסער דאָס צווייטע יאָר. ביי אים לערנען אלע אזוי, ווייל ער לערנט כימעש איין יאר און ס׳צווייטע יאר ראשע און געמאָרע. פאר דער גאנצער צייט איז ער נאָכנישט געשמיסן געוואָרן. אַזעלטנ-הייט, וואָס איז נאָך ביי ארן-שמילן קיינמאָל נישט געוועך. וואָס איז די מייסע? אַ גאָר פּאָשעטע. מעכל קויפט אונטער דעם רעבן. ער גיט אים כאַבאַר. טאקע אַזוי. מעכל ווייסט גוט די טוירע, קען זיך גוט לערנען, ער פאַרשטייט אַלץ, וואָס קומט אַרום אים פאָר און נישט איינמאָל האָט ער געזען ווי אזוי די מומע רעלע, אָדער זיין אייגענע מאַמע גיט דעם גראָבן פּאָליציאַנט, דעם שיקערן פעלדפעבעל אלע זונטיק א האלבן רובל קימאַט אָפן פאַר אַלעמען אין די אויגן. דאָס זעלבע זעט ער אומעטום. נישט בעכינעם שטאַמט ער פון דער וואָלוּוקע. פון וואַנען נעמט מעכל אויף כאַבאַר צו געבן?

אויפן זיבעטן יאָר נאָך מענדלס כאַסענע מיט שיינדלען האָט זיך די גאנצע מישפּאָכע איבערגעטראָגן אין אַ גרעסערע דירע אויף דער זעלבער גאַס מיט א דריי טויערן ווייטער. דאָ פאַרנעמט שוין די פאַמיליע צוויי שטובן מיט א קיך. אַלע האָבן זיך טאקע געוואונדערט, וואָס ס׳איז פּלוצים מיט מענדלען נעשען. צי איז ער באַגליקט געוואָרן? צי עפשער האָט שיינדל עהאט א פארבאָרגענעם אויצער. דאָס אַלץ נישט. גאָר פּאָשעט.

מאטיל איז דערגאַנגען, אַז מ׳קען וואוינען אין צוויי שטובן מיט אַ קיך און ס׳זאָל נישט קאָסטן קיין דירע-געלט, אזא בעריע איז שיינדל און זאָל אַ צווייטע אויך פרוּוון דאָס זעלבע נאָכמאַכן.

מענדל קוליק האָט געהאַט א שווער לעבן ביז ר׳האָט יך געלאָזט גאַנצע צוויי יאָר איבעררעדן און ארויסציען זיך ון זיין אַלטע דירע וואו ר׳האָט געוווינט גאַנצע ־רייסיק יאָר, וואו ר׳האָט דערלעבט צאָרעס און פרייד, נאַכעס ון לייד.

באַשלאָסן איז באַשלאָסן. גענומען די בעבעכעס און אַר־ בערגעצויגן זיך אין אַ מאַזלדיקער שאָ. מיילע דאָס לויפן אויף גאַטס־וואונדער פון אַלע אויסגעגעבענע קינדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט גלויבן אין שיינדלס בעריעשאַפט פון וווינען אין אַ דירע אָן געלט — דאָס בין איך מויכל. די צאָרעס און קאָפּ־אָנזעצעניש, וואָס מענדל האָט דערפון געהאַט, — דאָס גליי־ כעץ. אָבער אַ פאַקט איז, אַז שיינדלען איז איר שפיצל יאָ גע־ לונגען.

אַריינגעצויגן זיך מיט גרויס פּאָמפּע אין אַ מאַזלדיקן דינסטיקדיקן טאָג, איז באַלד נאָגעלאָפן די צווייטע פון די על־ טערע כאַיע־רויזעס טאָכטער, זלאַטע די רעבעצן און באַלד נאָך איר האָט דער מאַן אירער געשלעפּט אויף זיךביידע קינדערלעך.

— ס'טייטש, דער טאַטע מיט דער „מומע" מאַטל־שיינדל וועט וווינען אין פּאַלאַצן און יאָך וועל זאָרקוועטשן אין אַ „אַלקאַוש" ביי יענעם. ווי כ'קען צומאָל קיין קוינע אין פאַבריקל נישט פאַרבעטן? און צווייטנס, כ'וויל דאָך נישט באַכינעם. „יאָך קען נאָך געלויבט דער אייבערשטער, וואָס כ'בין נישט ווערט זיין הייליקן נאָמען אַנצורופן, — צאָלן מיין „כיילעק".

— פאַרפאַלן, מ'עט דאָך באַלד זאָגן, אַז זי איז אַ שטיף־ מאַמע און אַ שלעכטע דערצו — זאָגט שיינדל צום מאַן, — זאָל זי שוין דאָ וווינען.

זלאַטע האָט זיך אַריבער געפּעקלט מיטן גאַנצן כאָמעצדיקן און פליישיקן געפעס אין דער לעצטער שטוב אַריין.

אָבער אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, מיט דעם נישט גע־ ענדיקט.

ביים אויבסט־הענדלער, ווי שיינדל פלעגט קויפן אַביסל אָפּגעפּרוירענע, צעקוועטשטע עפּל, פּאָמעראַנצן פאַר די קינדער־ לעך נעבעך, איז ס'ווייב אָפּגעשטאָרבן. א ראַכמאָנעס אויף די קינדער פאַרשטייט, זיך און ווי איז שיינדל אין אַזעלכע פאַלן, האַ?

שיינדל ט׳זיך טאַקע „נאַ־פּעסט״ גענומען צו דער אַרבעט.

— נאָכוואָס דאַרף יאַך מאַך שלעפּן אויפן פאַרדן שטאָק צו די קינדערלאַך, אַז בייטאָג קענען זיי דאָך דאָ זיין מיט מיינע קינדער צוזאַמען ?

גערעדט און געטון. דעם אויבסט־הענדלערס פינף קינדער האָבן זיך אַריינגעקליבן צו שיינדלען אין שטוב אַריין.

מאָלט זיך אויס, אַז ס׳האָט זיך נאָר שיינדלען גערעדט, אַז בלויז בייטאָג וועלן די קינדערלעך זיין ביי איר אין שטוב. געשען איז גאַנץ אַנדערש.

שמיל־באַשליק, דער אויבסט־הענדלער איז א געזונטער, ברייט־פּלייציקער ייד מיט אַ דיקלעך פּאָנים און אַ קורץ ארומגעשינדן בערדל, וואָס גיט צו אַ פאַרשייטן שמייכל זיין געזיכט, וואָס קוקט לאַכעדיק אַלעמען אָן. א כוץ אויבסט־הענדלעריי האָט ער נאָך אַ פאַך. ער איז א פאסער. קויפט אָפּ א ביסל שאָריע. און ווי ס׳מאַכט זיך ביי אַזעלכע יידן, זיצט מען גאַנץ ווינציק אין שטוב. אַלע זייטיקע געשעפטלעך ווערן אָפּגעקלאפּט אַמבעסטן אין קנייפּע ביי שאָלעם שלאָך אויף ניסקע גאַס, פּונקט אַנטקעגן דעם הויז, ווי מענדל וווינט.

און געבליבן איז אזוי: דער פּאָטער, שמיל־באַשליק, קומט שפּעט אהיים. די אַלטע מאמע זיינע, וואָס פארטרעט די פאַרשטאָרבענע ווייב ביים אויבסט־האַנדל, איז קוים וואָס זי קריכט אויף די פיס. ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל זיך פאַרנעמען מיטן לייגן שלאָפן די קינדער. פון אַלע גוטע שכיינעס איז נאָר פארבליבן שיינדל. „די גאַבעטע, דער קאָך־לעפל, די גאַנצע קלאל־טוערין״ — ווי מענדל רופט איר. די ערשטע נאַכט זענען די קינדער פארבליבן, ווארטנדיק אויפן פּאָטער, און אַנטשלאָפן געוואָרן דאָרט ווי זיי זענען געווען: אויפן טיש, אויף אַ בעט, אויף אַ קאַסטן, אויף דער ערד און אונטער אלע לעכער, ווי זיי האָבן זיך נאָר אין שפּילן פאַררוקט.

שמיל־באַשליק איז א ייד נישט קיין נאַר און געזען, אַז די קינדער זיינע זענען פארזאָרגט ביי שיינדלען, האָט ער זיך

גענומען אונטערכאַנפּענען, פּוצן זיך און שמייכלען! צו שיינדלען. געזאָגט איר אַ פּיינעם וויץ פון אַ ליעך, און וואָס ס׳האָט איר אַמבעסטן געפאָלן ביי אים — ר׳האָט זיך געלאָזט דערציילן און דערציילן גאַנצע פּודן מיט מייסעס פון איר, קיין איין מאָל איר נישט איבערגעריסן. דאָס וועגט אַלץ איבער. שיינדל באַשטייט, אַז ראַב שמיל-באַשליק זאָל זיך אַריינציען צו מענדלען אין דער מיטלסטער שטוב מיט זיין גאַנץ הויז-געזונט און אַז זי שיינדל-מאַטיל וואָס קאָכט סיי-ווי טעפּ מיט עסנס פאר אירע און נישט אירע קינדער, וועט קאָכן נאָך א פּאָר טעפּ פאר נאָך עטלעכע קאָשערע יידישע קינדער.

איי וואָס, צווישן שמיל-באַשליקס קינדער איז דאָ איינער איינגאַנצן א טאם און אביסל א ווילדער, א מעשוגענער, וואָס מ׳דארף זיך מיט אים קענען ספּעציעל באַגיין, — דאָס איז א נאַרישקייט מ׳עט אים לאָזן לויפן און גאָר.

יאָסל גוילאָם גיט איר אָבער צו שמעקן פעלדשענע ניס. זי דערפילט פון זיי אזש די גרינע גאל. פון אלעם אין שטוב מאַכט ער א טעל. פריער ביי שמיל-בשאַליקן איז ער ביי טאָג געווען צוגעבינדן צום בעטל אָדער צו דער וואַנט און זיך נישט געקענט זיך באַוועגן. איצט איז ער פלוצים באַפרייט געוואָרן אויף אַזא אויפן — ער זעט ארום זיך אזוי פיל קינדער, אזוי פיל שיינע זאַכן וואָס מ׳קען זיי מיט דער האַנט, מיט זיין אייגענער האַנט אָנטאַפּן! און אַלץ טאַפּט ער טאַקע און פּראָבירט אויס ביזן סאָף.

עפּשער קלערט ווער, אז דאָס טרעפט שיינדל-מאַטלען שוועריאַז זי פאַרלירט דעם קאָפּ ביי אזוי פיל אַרבעט? קען ער איר זיכער נישט.

אין מאַטל-שיינדלען ברענט א פייער, א היץ צו אַרבעט. מ׳קען איר קיינמאל נישט טרעפן אָן א נאָדל, אָן א בעזעם, אָן א מעסער אָדער אָן א וואַשטיכל אין דער האַנט. שטענדיק פאַרנומען, שטענדיק פאַרהאַוועט און שטענדיק פאַריאָגט. יעדעס מאָל זאָגט זי: ס׳איז נאָך דאָ אזוי פיל צו טון און ס׳איז שוין „שיטער טאָג". און נישט געקוקט אויף דער געוואַלדיקער אַר-

בעט אין שטוב קען זי זיך נאָך אָפּרייסן פון אלעמען און צו יעדער צייט, ווען מ׳גיט איר נאָר א רוף, לאָזט זי אלץ שטיין, זי ווישט זיך נאָר אויף גיך אָפּ די פארשווארצטע הענט און נאָך שמוציקערן פארטעך, ווארפט פון זיך אראָפּ דאָס פארטעך און שליידערט עס אויפן בעט, — זי לויפט שון הענדעם-פענדעם. דאָ שטעלן ביינקעס אָדער אָפּנעמען א קינד, אויסשמירן א קראנקן אָדער אָפּשפּרעכן אן אייען.אָרע. צו קימפעטאָרינס לויפט זי בייטאָג און ביינאכט, — זי לאָזט איבער די שטוב אויף העפקער, אין מיטן דער גרעסטער גראטשקע אין האנדל, — אזא מיצווע, פאָרען זיך אויף סימכע ס, — ווער קען דאָס נישט פארשטיין?

גאנצע שאָען זיצט זי אָפּ פארנאכט און רעדט מיט שמיל באשליקס מאמע, וואָס קומט אין שטוב א מידע, א קוים לעבעדיקע פון מוראנאָווער מארק, וואו זי מוז אגאנצן טאָג באדינען אזוי פיל קוינעם. איצטער דרימלט די אלטיטשקע צו ביסלעך. זי דרעטלט צוגלייך מיט מאטל-שיינדלען זאָקן פאר די אייניקלעך און הערט זיך צו מיט די האלב-טויבע אויערן צו שיינדלס מייסעס. דערביי שאָקלט זי קעסיידער מיטן קאָפּ. דער שאָקל מיטן קאָפּ איז גאָר פון דרימלען אָבער מאטל-שיינדל איז זיכער, אז דאָס שאָקלט זי אזוי אויף אירע טשעקאווע מייסעס.

שיינדל-מאטיל מאכט נישט קיין אונטערשיד צווישן אירע און נישט אירע קינדער. עפּשער פארקערט, ווערן נאָך די אָרעמע יעצוימעמלעך דורך איר בעסער באהאנדלט. דערפאר זאָרגט שוין שמיל-באשליק און זיין מאמע יעדעס מאל צו ברענגען פאר שיינדלס קינדער אין שטוב א מאטאָנע אן עפּלע, א צוקערל.

דער קליינער וועוריק, מעכל, דערשמעקט באלד אין שמיל-באשליק אן אויצער. ער נעמט ארום אים ארומטאנצן, ווי ארום בלעמער סימכעס טוירע מיט די אקאָפּעס. שמיל-באשליק כאפּט אים טאקע אויף: „א צוואנע ייגגל, זאָגט ער, וועט דאָס אויסוואקסן אָדער א ראָוו אָדער א גרויסער גאנעוו”.

און מעכל וואקסט. ער העלפט, נישט וויסנדיק, שמילבאשליקן אין זיינע אומריינע געשעפטן מיט א גאנג, אָפּטראָגן, קיינער זאָל נישט וויסן, א פּאָר שטיקלעך געלאקכנטענע מעציעלעך. ווער וועט כוישעד זיין אזא קליין באָכערל, אין קיילעכיקן מיצקעלע, אין לאַנגן קאַפּאָטקעלע און אין די לאנגע פּארדרייטע פּייעלעך א „בלאַט" יאטעלע?

דעריבער האָט מעכל אלעמאָל ביי זיך געלט. ער קויפט פאר דעם אָדער נעמט פּאָשעט אראָפּ ביים איבערטראָגן פאַרשידענע קליינקייטן, באָכנעס, מעסערלעך, שערעלעך

ווילנדיק, אז דער רעבע זאָל אים נישט שמייסן טראָגט ער יעדן טאָג קימאט אונטער דעם רעבן אן אנדערע זאך און פרעגט אים:

— רעבע, רעבע נאָר זעען סאַרע שיין מעסערל כ'אָ געפונען. ס'אי' נישט אַמאָל דעם רעבנס?

דער רעבע קוקט צומאָל אויף מעכלען נישט, נאָר שטעלט אויס א פּאָר גיריקע אויגן אויפן און זאָגט ווי צו זיך:

טכע, טכע, טאַקע פּאָדאָבנע צו מיין מעסערל, וואָס יאַך באָב נאכטן פארלוירן.

—ווי ס'טע עס געפונען הא?

מעכל דרייט זיך שוין ארויס. אַמאָל געפונט ער הארט ביים רעבנס טישל, אמאָל ביי דער טיר פון כיידער, אמאָל אין בעס-קיסע, דעמאָלט, ווען דער רעבע איז נאָרוואָס פון דאָרט אַרויס. אָבער דער רעבע איז אַ „גוטער" גיט מעכלען א גלעט איבערן בעקל און פאַרענדיקט מיט א זיס קניפעלע:

— אן ערלעך קינד כ'לעבן. גיי קאָשער קינד! ביסט א וואויל יינגל!

און מעכל איז אן ערעך קינד, לערנט זיך גוט און ווערט נישט געשמיסן...

„ז'אס אויערל טראָגט זיך אַזוי לאַנג ביז ס'קריגל ברעכט זיך אָפּ", עפשער זאָגט מען פאַרקערט דאָ יעדנפאַלס קומט אַזוי פאָר.

שמיל-באַשליק טראָגט אַזוי לאַנג „אויערלעך", ביז זיין קריגל ווערט פאַרפוילט און ברעכט זיך אָפּ. שמיל באַשליק ווערט איינגעזעצט. מעכל האָט שוין נישט קיין מעסערלעך פאַרן רעבן.

ס'איז אַדורך אַ וואָך און צוויי, דער רעבע איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. די קינדער פילן די בליקן, וואָס ער וואַרפט פון דער וייטנס אויף מעכלען און זיינע קאַצאַווישע-קעל-בערנע אויגן פאַדערן, פרעגן און רופן:

—„וואָס איז געשען, מעכל, געפינסט שוין נישט די גוטע זאַכן?

מעכל פּראָבירט נאָך פון צייט צו צייט אַזוי עפּעס צו לאַקכענען אין שטוב און ברענגען דעם רעבען. דאָס זענען אָבער נישטיקע קלייניקייטן, דער רעבע איז שוין געבעך צוגע-וואוינט צו בעסערס.

פאַרפאַלן, ס'איז ביטער ווי גאַל, מעכל קען שוין נישט קוקן דעם רעבן אין פּאָנעם. ער פילט, אַז ס'טראָגט זיך אָן פאַר אים אַ יאָם-אַדין. דער רעבע וואַרט נאָך אָבער אויף עפּעס און אַזוי גייען נאָך אוועק דריי וואָכן מיט גאָרנישט.

אין דער היים באַמערקט די מאַמע, אַז מעכל איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. שטענדיק זיצט ער פאַרטראַכט נישט ווי אַלעמאָל דער פריילעכער, לעבנסלוסטיקער מעכל, וואָס קען קיינ-מאָל אויף קיין אָרט נישט איינזיצן און מוז אַלעמאָל „אַרומוווירוען" אין שטוב מיט די איבריקע קינדער. און די מאַמע פרעגט אים:

— מאַכעלע, וואָס ס'טע עפּעס געבליבן אין שטוב און

גייסט נישט אַביסל ארויס זיך שפּילן? ד׳קאָפּ טוט דאָר נישט וויי, וואַז אים נאָר אַ הער!

און באלד קלאָגט זיך מעכל פאַר דעם מאַמען:

— אוי מאַמעליו, ס׳ טיט מאָ אַזוי וויי ד׳קאָפּ, די זאטן, און דאָ און דאָ, אַלץ טיט מאָ-וויי.

שיינדל טולעט אים אַביסל צו זיך, דערנאָך שמירט זי אים אויס מיט אַלערליי שמירעכצן, אָבער פון דעם ווערט אים גאָרנישט בעסער.

— ס׳קינד איז עפּעס נישט מיט אַלעמען — קלאָגט קעסיידער שיינדל.

ביז ס׳איז געשען די בראָך.

צום שמייסן איז שוין מעכל לאַנג צוגעגרייט, ס׳כאָלעמט זיך אים שוין דאָ אויך יעדע נאַכט און יעדעס מאָל אויף אַן אַנדער אַרט קומט אים צו כאָלעם דאָס בילד פון שמייסן. עפּעס שטענדיק וואַקסן די הינטערשטע טיילן פון קערפּער ביי יעדן אַזוי הויך אויס, ווי ריזיקע בערג. ער מעכל און דער רעבע אַרן-שמיל גייען אַרום און אַרום די אומגעהוירע בערג, קריכן איבער זיי, פאַרגיין אַריין צו זיי אינעגווייניק און טוען עפּעס דאָרטן אַזעלכע אוממעגליכע, נישט קיין מענטשליכע זאַכן. און וואָס לענגער מעכל וואַרט אויף די שמיץ, אַלץ אָפטער און אַלץ אומגעלומפּערטער שטעלן זיך אים פאָר די בילדער אין די כאלוימעס.

די צייט לויפט, אַזוי בלייבן אומגעענדערט איז אוממעגליך. ס׳מוז עפּעס געשען, ווייל לענגער וואַרטן קען סיי דער רעבע און סיי מעכל נישט אויסהאַלטן. און אַזוי ווי ספּעציעל ארויספאָדערנדיק ווערט מעכל. ער פארנאַכלעסיקט דאָס לערנען, זינגט נישט אונטער ווי פריער, ווען ער איז זיכער געווען ביי זיך, הערט אויף מיטצוהאַלטן דעם ניגן און געזאַנג פון די קינדער. געשפּאַנט וואַרט ער אויפן סאָף, — ביז ער קומט.

האַלב-צעבראָכן, נידערגעשלאָגן פון די קעסיידערדיקע כאלוימעס, אביסל פאַרקילט, קומט דעם טאָג מעכל אין כיידער

אויפגערעגט ביז צו דער לעצטער סטרונע, זעצט ער זיך אַוועק אויף זיין אָרט, און קוקט אויף דער וואַנט אָן שום געדאַנק.

דער רעבע לערנט איין די פּאַרשע: „וואייקראַ" „און נאָט האָט גערופן". די קינדער נעמען זיך גלייך נאָכזינגען דעם גאַנצן מיזמער.

מיטאמאָל:

— מעכעלע! זיס קינדעלע! קים נאָ אַהער צי מיר!

מעכל פילט, ווי ער וואָלט אין דער זעלבער צייט באַגאָסן געוואָרן מיט קאַלטע און מיט הייסע, קאָכעקע וואַסער. ווי מ'וואָלט אים מיט אַ שווערן ציגל געשפּאָלטן דעם מויעך. דער קאָפּ פיבערט נישט פון היינט אָן. די פיס האָבן זיך אָנגעשיקערט און קענען נישט איינשטיין. די הענט זענען פּלוצים אויפגעוועקט געוואָרן פון שלאָף און פאַרשטייפט געוואָרן. וואָס איז עס אַזוינס געבליבן שטעקן אין האַלדז, — ר'האָט דאָך היינט נאָך גאָרנישט געגעסן. ווי נישט פון דער וועלט, גאָרנישט פילנדיק, טראָגט ווער צו מעכלען צום רעבן. דער רעבע האָט צומאָל גישט באַדאָרפן קיין צווייט מאָל אַרוף טון.

מעכל בלייבט שטיין זער נאָנט פון רעבן און קוקט אויף אים מיט שטאַרע, נישט- זעענדיקע אויגן.

— זיס מאַכעלע, קרוינעשי! צי אַראָפּעט די הייזעלעך, לייג אוועקעט ס'טאָכעסל אין שלעפּ מאָר אַראָס ס'בעזעמל!

מעכל קנעפּלט זיך אויף די הייזעלעך און גייט צו צום בענקל. ווי נאָר ער דערזעט עס, בלייבט ער שטיין, ער קוקט זיך ווילד אום אויף אלעמען. פּלוצים גיט ער זיך אַ ריס פון אָרט און איז שוין ביי דער טיר. אָבער איידער דער קליינער מעכל באַווייזט זי אויפצועפענען, — די קלאַמקע איז צו הויך פאַר אים, —גיט ארן-שמיל אשפּרינג אויף פון זיין אָרט און ווי אַ שווערער קלאָץ וואַרפט ער זיך ארויף אויף מעכלען. מיטן קלאָצעוואַטן פוס גיט ער אים אַ דריי איבער מיטן הינטן ארויף. מיט איין האַנט בלויז כאַפּט ער אים אָן ביי די צעעפנטע הייזלעך און טראָגט אַים צו אויפן בענקל.

קיינער העלפט אים שוין נישט צו. ארן-שמיל רופט דאָס-מאָל קיינעם נישט צו הילף.

אָפּגעשמיסן, לויפט מעכל גלייך ווידער צו צו דער טיר, און וויל נאָכאַמאָל ארויס. ווידער פאַלט אויף אים אַרויף דער רעבע, ווי אַ הונט צום ביין, און שמייסט אים נאָכאַמאָל אָפּ.

מעכל לאָזט קיין פּיפּס פון מויל נישט אַרויס. קיין איין געשריי גיט ער נישט. נאָכן צווייטן מאָל אָפּשמייסן פאַלט ער נאָכאַמאָל צו צו דער טיר. באַקומענדיק דאָס דריטע מאָל געשמיסן פאַלט שוין מעכל אָן קויכעס אַראָפּ פון בענקל און בלייבט ליגן אויף דער ערד. אָן אַ טרער, אָן געוויין. אַ טרייסלעניש ווי אַ קאַדאָכעס וואַרפט אים דאָס קערפּערל. אַלץ צאַפּלט ביי אים שווער.

ארן-שמיל, אַ פאַרמאַטערטער, שטייט עטלעכע מינוט ביים קאָרבן און וואָרטשעט אונטער דער גראָבער נאָז צו מעכלען:

— שטיי אויף! אַקשיי די אַיינער! אַ ז אַ פאַראַקשנטאָר! ווילסט נאָכאַמאָל?

אָבער מעכל רירט זיך גישט פון אָרט.

ארן-שמיל שאַרט אים מיטן פוס צו צום שטענדיקן אָרט און זעצט זיך צוריק אַוועק לערנען מיט די קינדער. ער הייבט אָן מיטן כומעש-ניגן:

— „וואַייקראָ" — און גאָט האָט גערופן". — אַלע קינדער העלפן צו.

מעכלען פירן אָפּ די כיידער-קאָלעגעס אהיים. קוים, וואָס ער שטעלט אַ טריט.

ביינאַכט קריגט מעכל שטאַרקע היץ. אין מיטן נאַכט לויפט מאַטל - שיינדל צו איר באַקאַנטן פעלדשער איטשע-מאיער פון די ברייטע מילע גאַס. ער באַטראַכט דאָס קינד און הייסט אים באַלד אָפּפירן אין שפּיטאָל אָדער רופן אַ דאָקטאָר.

ס'קומען צו מעכלען גאַנצע דריי דאָקטוירים. איינער זאָגט, אַז מעכל האָט פלעקן-טיפוס. דער צווייטער, אַז דאָס איז בויך טיפוס, דער דריטער שטעלט פעסט:

— „שאַרלעך"!

דריי כאַדאָשעם, אין שטאַרקע היץ, ליגט מעכל אָפּ. ער רעדט עפּעס מאָדנע רייד, וואָס קיינער פון די שטובּיקע פאַרשטייט נישט קיין איין וואָרט פון זיי. שמיל באַשליקס מאַמע פלעגט אים מיט־שטיקלעך, עטוואָס פארפוילטע, פּאָמאַראַנצלעך.

די צייט, ווען מעכל פילט זיך שוין אויף אַזוי פיל גוט, אַז ער מעג שוין אַראָפּגיין אויפן גאַס, פארברענגט ער אויף דער וואָלוווקע. אויבּ ביז אַהער פלעגט ער פארברענגען אויף דער וואָלוווקע נאָר אין דער פרייער צייט נאָכן צווייטן האַלבּן טאָג פון כיידער, קומט ער שוין איצט נאָך דער קרענק יעדן טאָג אַרויס אויפן מארק. דאָ פארברענגט ער קימאַט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט.

די מאמע זעט אים צו מיט עסן. זי פּאַשעט אים נאָך דער קרענק ר׳זאָל זיך עטוואָס פּאָפּראווען און שיקט אים צום גאָרטן ביי דער וואָלוווקע שעפּן לופט.

מעכל קריכט אַרום אַביסל ביים גאָרטן, אָבער דאָרטן איז נישטאָ פאַר אים קיין אינטערעסאַנטס צו זען. אויף דער וואָלוווקע גופא זעט ער עפּעס בעסערס נאָכצוקוקן. דאָרט, ביי די קרעמער, ביי די מארק־הענדלער, וואנדערט ער אַרום אַ גאַנצן טאָג. אומעטום, אין יעדן קרענצל, שטעלט ער זיך אַוועק און קוקט זיך צו ווי אַזוי דער האנדל גייט צו.

שוין פון פריער, ווען ער איז נאָך געגאנגען אין כיידער, האָט ער זיך שוין באַטייליקט אין אַלע פּאַך־אַרבּעטן פון די וואָלוווקע הענדלער. ער ווע׳דט די גאַנצע צייט אויסגענוצט דורך די קרעמער און הענדלער. ער העלפט צו שלעפּן פּעק, שטופּן וועגעלעך די טרעגער און סאָכרעם. ביכלאל האָט מעכל ליבּ יעדן איינעם צוצוהעלפן אין דער אַרבּעט.

די ערשטע פּראַקטיק אויף דער וואָלוווקע הייבט מעכל אָן ביי די פּוילישע קורפּיאזשעס. דאָס איז אַ באַזונדערע גרופּע פּוילישע הענדלער, — די איינציקע אויף דער וואָלוווקע. זיי האָבּן זייער שטענדיקן פּלאַץ ביים קלאָזעט, נאָנט פון גאָרטן.

די סכוירעס זייערע ליגן אויסגעלייגט אויף פּעק אויף דער ערד. אין שיין אויסגעפּאָרטירטע רייען ליגן: גלאנקעס צו

גלאנקעס, פשיסוועס און באַזונדער כאָלעוועס, וואָס האָבן נאָך גוטע טילקעס. אָפּצאסן, נאָך גאַנצע שטיקער אלטע זוילן, וואָס ווערן צעראָפּגעטרענט פון אַלטע שיכוואַרג. אַלץ איז צוגעפּאַסט צו זיך און דרוקט אויס די פאכמענישקייט פון הענדלער. באזונדער אין אַ זייט, אויף דער גאָלער ערד, ליגן אָנגעוואָרפן אין אום-אָרדנונג „פרישער רוי-שטאָף" — אַלטע שיכווארג, נאָרוואָס געב-ראכטע פון מאַרק.

ביים האַנדל שטיין נאָר די שיקסעס, — טעכטער און שוועסטער פון די הענדלער. די מענער אליין קויפן נאָר איין די „רוי-שטאָף" אין זייער פרייער צייט. דערנאָך לאָזן זיי אַלץ איבער פאר זייערע פרויען און קינדער און גיין אוועק צו זייערע „אייגענע" געשעפטן. די דאָזיקע געשעפטן זענען „בלאַטע": געניייוועס און קאָמבינאַציעס. פון די „קורפיאַזשעס" צייכנט זיך באזונדערס אויס בראָנעק ציבוך.

בראָנעק איז אביסל העכער פון מיטלגעוואוקס. ער האָט ברייטע פלייצעס און אַ פּאָנעם פול מיט קרעץ. די נאָז איז אַביסל צו לאַנג און און שמאָל. די אויגן און די נאָז זענען שטאַרק רויט. אויב די נאָז גלאַנצט נישט אַזוי שטאַרק, זענען שוין דערפאַר די אויגן מיטן ריכטיקן שיקערן גלאַנץ צו יעדער צייט, — סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט.

האָט ווער צו אַ סוינע אַ פרעטענסיעלע, וויל ווער גע-בען עמעצן פון זיינע באַקאַנטע „איבער דער נאָז", — "ר'זאָל האָבן צו געדענקען". — גייט ער אַוועק צו בראָנעקן און פאַר-בעט אים אויף אַ קליין שנעפּסל מיט אַ גרעסערן צולאָג פון גראָב בייכיקע פלעשלעך שנאַפּס. ביי דער סידע „איז ער מויכל" און לייגט אַרויס אויפן טעלער, — דערציילט „פּאָדראָבנעמן" זיין „בויכווייטאָג". בראָנעק ציבוך איז אַ פיין-פילנדיקער פארשוין, ער קען קיין אַוולעס נישט פארליידן. נאָכמער פאר גוטע ברי-דער, וואָס שטעלן אַ קויסע.

נאָך דער גאַנצער „שאַשקעריי" ווערט בראָנעק שטאַרק איבערגענומען מיטן פּאַרדרוס פון זיין גוטן פריינט אויפן סוינע. גלייך פון אָרט טראָגט אים עפּעס אַ שטאַרק אָנגעצינדענער

פון הייליקן קאָס, וואָס כאַפּט אים אָן, און „גייט דערציילן אַמייסע״ דעם סוינע.

דאָס „דערציילן די מייסע״ קאָסט דעם גוטן ברידער עטלעכע רובל אויף שנאַפּס, אָבער דעם סוינע קאָסט עס א אונטערגעהאַקטע לונג, עטלעכע טונקעלע צייכנס אונטער די אויגן און אַ פּאָר אויסגעהאקטע ציין פון מויל.

אָבער שרעקליך איז עס נישט, בראָנעק „פאַרשטייט אן אייזעק״. עפשר מאָרגן קען גאָר דער סוינע ווערן זיין גוטער פריינט. ער קאָן דעריבער אַזוי „דערציילן״ אויף „טרוקן״, אַז קיינמאָל וועט פון דער „מייסע״ קיין נאַסער צייכן אויף לאנג נישט בלייבן.

אַלע פוילישע „קורפיאזשעס״ שטאַמען פון איין מישפּאָכע, אלע קימאט פון איין און איינציקער פאַמיליע „ציבוך״, פון די אַלטע ציבוכס ארויס. בראָנעק האָט אַ האַלב-טיץ שוועסטערן, יעדע פון זיי האָט קאָכאנקעס און מענער פון זעלבן וואָרצל, וואָס שטאַמען אַרויס ארויס פון געוויקס „ציבוך״. זיי זענען אַזוי פאַרצווייגט, אז ס׳איז אוממעגליך אויסצופאָרשן דעם גענויעם שטאם פון קאָכאנעק און פון מאן.

אלע זינטיק קומען זיי זיך צונויף ביי בראָנעקן אָדער ביי אנדערן צווייג פון דער פאמיליע און זענען זיך אביסל מעסאַמייעך מיט מאשקע. אזוי לאנג, ביז וואנען ס׳הייבט זיך אָן אַ געוויינליך זונטיקדיקע קריג אויף מעסער און נאָך אזעלכע קיילעס, שטייפע און שארפע. נאָרמאַל פאַרענדיקט זיך אַזאַ געשלעג מיט עטלעכע פארבאנדאזשירטע קעפּ און טיילן פון קערפּער. זעלטן קומט מען אָן צו „פּאָגאָטאָוויע״״ אָדער אין שפּיטאָל. פּראָבירט אָבער ווער אַ פרעמדער זיך אריינמישן אין „אייסעק״ און אָננעמען זיך פאַרן געשלאָגענעם, דעמאָלט ענדערט זיך אַינגאַנצן אלץ אויף איינמאָל.. — ביידע, סיי דער געשלאָגענער און סיי דער שלעגער נעמען זיך צום פרעמדנם כוצפּע. ער וועט שוין פארזאָגן אַ צענטן נישט צו מישן זיך אין פרעמדע אייסאָקים.

אין האַנדל איז אויך דאָס זעלבע. מ׳קאָנקורירט מיט זיך אויף וואָס די וועלט שטייט. מ׳קויפט זיך אויס סכוירע,

מ׳שלעפט צו זיך קוינעם, מ׳פאַרנאַרט זיי צו זיך, מ׳דערציילט איינער אויפן צווייטן ס׳ערגסטע, וואָס איז נאָר מעגליך. זאָל יענער אָבער זיין אַ כאָכעם און איבערדערציילן, וואָס ר׳ האָט געהערט, דעמאָלט וואָלט קיינער נישט „גערענטשעט״ פאָר זיינע גאַנצע ביינער. דעמאָלט ווערן אַלע ציבוכס געאייניקט און דער־לאָזן נישט, אַז פרעמדע זאָלן זיך אַריינמישן אין זייערע מיש־פּאָכע געשעפטן ס׳וועלן דאָ קיין שום דערקלערונגען נישט העלפן, אַז מ׳כאַזערט נאָר איבער, וואָס מ׳האָט געהערט. ער באַקומט זיין כיילעק „לעמאַן־ייסקאָר״, ר׳זאָל געדענקען לעדוירע דוירעס.

מעכל ווערט אַ „קורפּיאַזש״

די באַקאַנטשאַפט מיט דער מישפּאָכע קורפּיאַזשעס מאַכט מעכל אויף אַ גאַנץ געוויינלעכן אופן. ס׳פעלן נישט און האָבן קיינמאָל נישט געפעלט קיין קינדער אויף דער וואָלוועקע, סיי יידישע און סיי קריסטליכע, פון דער אַרומיקער געגנט. די וואָלוועקע גיט אַזוי פיל צוציענדיקע שפּילערייען און צייט־פאַר־טרייבונגען די קינדער, אַז זי איז פּאָשעט אַ מאַגנעט, וואָס זאַמלט ארום זיך קינדער און דערוואַקסענע, — וואָס זוכן און ווילן עפּעס געפינען אויסערגעוויינליכעס אין זייער פאַראָרימטן, פאַריאָגטן לעבן.

געשלעגן און סטאַם קריגערייען קומען פאָר נישט נאָר צווישן די יידישע און פּוילישע קינדער, נאָר אַפילע צווישן גרופּעס יידישע קינדער פון איין און דערזעלבער גאַס. אויף אַזאַ אופן מאכן זיך „קאָלעקעס״ יינגלעך פון צוויי שכיינישע הויפן, וואָס פירן צווישן זיך אַ מילכאָמע אויף טויט און לעבן און שלאָגן זיך מיט שטיינער־וואַרפן, מיט נאָנטע אָנפאַלן און סטאַם „באָקסן״. דאָרט ווי מעכל וואוינט, אויף סטאַווקע גאַס, וואוינען אויך די פּוילישע קינדער פון בראָנעקס מישפּאָכע,

מעכל אַלס „פירער״ פון די יידישע קינדער פון זיין הויף, גייט אָן אַלס „שטארקער״ ביי זיינע כעוורע-יאַטן. דער-פאַר פירט ער אויך אָן מיט זיינע „קאָמפּאַניאָנען״ פון בראָנעקס מישפּאָכע. ער קומט דעריבער צו שטענדיק ווי אַן אייגענער צו זייער האַנדל און העלפט זיי צו ארבעטן. ער טרענט די זוילן, רייסט די גלאַנקעס, טילקעס און פּאָרעט זיך סטאַם אַרום ביי זיי, ווייזנדיק, אַז ער טויג אויך צו עפּעס.

קיינער קען זיך נישט פאָרשטעלן ס׳פאַרגעניגן, וואָס מעכל האָט זיצנדיק אויסגעזעצט צו גלייך מיט אלע בראָנקעס „בענקאַרטעס״ אויף דער ערד ביים קלאָזעט. ער הערט זייערע זידלערייען און געוויינליכע געשפּרעכן, וואָס זענען אַלע געהאַלטן אין אַ לאָשן, געמישט מיט פאַרשידענע „מאטשס״. ווען מען גייט דעמאָלט אָן דער געשטאַנק, וואָס טראָגט זיך פון אַזוי נאָענטן אָפּטריט? ער איז דאָך אדורכגעפּלאָכטן מיט רייעך פון די צעריסענע כאָלעוועס, און שמאטעס, וואָס ליגן דאָ אויסגע-שפּרייט אַזוי פיל אין אַלע זייטן, אַרום און אַרום.

אלע קינדער האלטן מעסערס, אָנגעשאַרפטע, שפּיציקע, אָן האלטערס, נאָר אַרומגעזיימט מיט לעדערלעך. מ׳שניידט און מ׳טרענט. מ׳רייסט די פּאָדעשוועס, די נאָסקעס, — מ׳לייגט אלץ אויס אין גלייכע רייען, וואָס שנעלער, — אלץ בעסער. דער געווער, ווער ס׳וועט מער און בעסער אויסארבעטן זיינע קור-פּיעס, גייט מיטן גאַנצן קנאַק. ווער קען זיך פאָרשטעלן אזאַ פאַרגעניגן?

עטלעכע כאַדאָשעם פאַרברענגט מעכל אין זיינע פרייע שאָען ביי די קורפּיאַזשעס, ביז אלץ ענדיקט זיך מיט אַגעוויינליך געשלעג. מעכל האַקט אונטער זייטן און קריגט אליין אויך אָנגעבויקערט פון בראָנעקס „בענקאַרטעס״.

דעם עמעס געזאָגט איז אים דאָס פאַך שוין לאַנג פאַר-מיאוסט. ס׳איז אים אָבער ביז איצט געווען אַ כאַרפּע גלאַט אַזוי, פון זיך אליין, אוועקצוגיין. דער גאַנצער געשלעג איז דורך אים אליין אַרויסגערופן געוואָרן אומישנע.

ס׳קומט איצט אויף אַ ניי-פאַך אויף דער וואָלוווקע. דאָרט

ציט אים טאקע. אונטער אלע געוועלבער, האַרט ביים גאָרטן, איז פאַראַן א ליידיקער פלאַץ, וואָס איז ביז אהער דורך קיינעם נישט אויסגענוצט געוואָרן. ס'זענען דאָרט פאַראַן געוועלבער, — סקלאַדעס פון שמאַטעס פון הורטאָווע סאָכרעם. זיי זענען אָבער אזוי ווייניק פאַראַן, אַז מ'טרעפט דאָרט קימאַט קיינמאָל קיינעם נישט. דער פלאַץ איז אַ זאַמל-פונקט פון אלע קינדער פון וואָלוווקע-געגנט אויף פאַרשידענע שפּילערייען.

איצט, ווען דאָס נייע פאַך קומט אויף, זענען דאָס אַלע אָנפאַנגער, וואָס זענען גלייך פון אָנהייב פארמישפּעט אויף נישט צו פארדינען.

איינציקע יאווען זיך שטעפּער, קליינע באלמעלאָכעס, וואָס האָבען ביז איצט נישט געהאַט וואו אהינצוטון זייערע אויסגעארבעטע סכוירעס, — פאַרטיקע נייע שיך און כאָלעוועס פון פון די ערגסטע סאָרטן. דאָ, אויף דער וואָלוווקע, רעכענען זיי, וועט זיך זיי איינגעבען זייער אויסארבעטונג צו פארהאנדלען פאר ביליקע גראָשנס.

זעט אויס, אַז זייער אויסרעכנונג איז אַ ריכטיקע, ווייל אין אַ פּאָר כאַדאָשעם אַרום באווייזן זיך אויפן פלאַץ גאָר גרויסעביידלעך פון גרעסערע סאָכרעם, שוין גאָרנישט קיין באַלעמעלאָכעס, נאָר אַזעלכע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אויפקויפן ביי די קאַמאַשנמאַכער זייער אויסגעפערטיקטע סכוירעס. דאָ ברענגען זיי אַרויס די סכוירעס צו פאַרקויפן.

א וועגעלע — פירער

פוילישע און יידישע שוסטער באווייזן זיך אויפן פלאַץ פון שטעפּער — האַנדל. ס'ליידעכץ גייט מיטן גאַנצן קנאַק.

מעכל דערשנאַפט באַלד, אַז דאָ איז זיין אָרט. מיט דער הויף-באַנדע זיינער נעמט ער שמעקן, וואָס ר'האָט דאָ צו טון. ס'ווייזט זיך באלד ארויס, אז ער האָט א גוטע גאָז.

די קרעמער און באַלמעלאָכעס האָבן גוטע און שלעכטע סכוירעס. אָבער אַפילע די שלעכטע סכוירע, אַלס נייע, האָט אַ מאַמאָשעסדיקן ווערט פאַר גאַנאָוועס, וואָס וואָלטן גערן זיך גענומען אויסליידיקן די איבערגעלאָזטע אויף העפקער ביידלעך מיט סכוירעס. די ערשטע, וואָס לאָזן טאַקע איבעו' זייער סכוירע און באַניגענען זיך מיט די לייכטע שלעסעלעך, דערפילן דאָס באַלד. יעדעס מאָל, אינדערפרי, דערהערט זיך אַ געשריי פון אַ באַגאַנוועטן, וואָס רייסט אַדורך די לופט:

— אוי, אַ בראָך איז צי מיר! מ'אָט מאָך באַגאַנוועט! אַ קלאָג צי מאַנע יאָר!

עטלעכע אַזעלכע געשעענישן ווירקן שטאַרק אויף די קרע-מער, וואָס נעמען זיך פעסט טראַכטן טאכבילעס צו באַוואָרענען זייער סכוירע. צום ערשט דינגען זיי א היטער צו די ביידלעך. ס'ווייזט זיך אָבער באַלד ארויס, אז דער גאנצער שוימער גאנוועט אויך. באזונדערס איז דאָרט שווער צו היטן צוליב דעם, וואָס די גאַנצע אַרומיקייט איז אַ פוסטע, אַ פרייע, און גייט אַרויס אין פעלד, וואָס רינגלט אַרום פון גאַנצע דריי זייטן. זיי נעמען דעריבער זוכן אַנדערע וועגן צו זיכערן זייער סכוירע.

אייניקע פירן פּאָשעט אַהיים די פראַצע אין שטוב. אַנ-דערע דינגען אָפּ ביי די אייגנטימער פון די געוועלבער „ערטער", וואו איבערצולאָזן ביינאַכט זייערע סכוירעס. ביי די דאָזיקע איבערטראָגונגען באַקומען ארבעט די יינגלעך פון מעכלס באַנדע.

די אַרבעט איז זער אשווערע. שלעפּן גרויסע קאסטנס, פיל געפּאַקטע מיט לעדערווארג, דורך זאמדיקע וועגן אָדער איבער שטיינער, איז נישט פון די לייכטע זאכן פאר אַכט און צען יעריקע קינדער. ס'פעלט אָבער נישט קיין באַלאָנעם אויף אזעלכע „לייכטע" פארדיסטן. א „ניי-פאך" אנטשטייט אונטער מעכלס אָנפירונג.

די ארבעט צאָלט זיך אין אָנפאנג מיט נראָשנס. פאר א „פירער" אָדער א „זעקסער" ברעכן זיך די יינגלעך האלדז און

נאקן שלעפנדיק די שווערסטע קאסטנס. באצאָלטס קריגן זיי אויך גלייך גישט. יעדן פרייטיק קומט פאַר די „וויפלאטע".

די ארבעט הייבט זיך אָן אלעמאל אין די נאָכמיטאָג שאָען און פארענדיקט זיך אין די פארנאכטן. מעכל איז קימאט שטענדיק, אפילע דעמאָלט, ווען ער גייט אין כיידער, — „נאָ-פלאָצו".

אכוץ די ארבעט ביים שלעפן די וועגעלעך מיט קאסטנס כאָלעוווקעס, האָט מעכל נאָך פיל אנדערע באשעפטיקיננען אויף דער וואָלוווקע.

„סעפל מיטן צעפל" און ארן כאַזער

אויף דער וואָלוווקע איז דאָ אַ טרעגער ארן-כאַזער. אַ ייד, אַ האַלב צעבראָכענער, אַ „געבערעכטער" מיט קרומע פאַרדרייטע פיס, וואָס איז אים געקומען פון שלעפן די שווערע פעק מיט סכוירעס. ער פאַרמאָגט זיין אייגנס א לאַנגע האַלב-גראָע באָרד און אַן אַייגענע, אויך אַ לאַנגע, פיר אויף זעקס רעדער. די פיר האָט אַ לאַגגן „דישעל". אין איר גייט איינגעשפאנט אַ דייטש „סעפל מיטן צעפל". דער דאָזיקער דייטש קען בע-סער רעדן און לעזן יידיש ווי א ייד און רעדט אויף עטלעכע שפראכן. רוסיש, דייטש, יידיש, פויליש און פראנצויזיש. שטענדיק ליגט ער אין א ביידל, אין שכיינעס מיט רעלעס בו יד. דאָס ביידל שטייט ליידיק, ווייל דער אייגנטימער האָט אַן אייגענע „שטעל" מיט אייזערנע מאַכשירעס: מעסערלעך, קין-געשיר, און צווענגלעך.

לאָזער קילע, דער אייגנטימער פון ביידל, האָט קיינמאָל קיין קילע נישט געהאַט. אַ הויכער ליטווישער ייד, זער אַ שטאַרקער און פעסט-געבויטער. יעדער, וואָס קוקט אים אָן האָט פאַר אים מוירע. ער שלאָגט זיך אָבער נישט מיט קיינעם. פאַר אים איז געגווג, אַז אַלע ציטערן פאַר אים. ער האָט צו

טון מיט א סאַך טונקעלע געשעפטן. ביים שטעל איז שטענדיק פאַרנומען זיין ווייב, אויך אַ ליטווישע יידענע. זי איז אויך א געזונטע און טאָמיד מיט רויטע בעקעלעך. ביי די זעלנער האָט זי אַ סאַך „פּאָוואָדזעניע". אין די זונטיק טעג שטיין אָפּ ביי איר קרעמל גאַנצע שאָען און דינגען זיך מיט איר רוסישע זעלנער און פוילישע קוינעם. אין אַזעלכע מאַרק-טעג איז שטענדיק דאָרט פאַראַן איר טעכטערל, וואָס איז ענליך אין אָנבליק צום הויכן, גאָלד-האָריקן פאָטער. ביידע, די מוטער און די טאָכטער, אַרבעטן אויף אַלע זייטן און פלירטעווען מיט וועמען ס'לאָזט זיך. נישט איינמאָל מאכט זיך און די זעלנער ווערן צופיל צודרינגליך. דעמאָלט קומט, ווי פון אונטער דער ערד קאַפּויער דער הויכער לאָזער-קילע. ער גיט אַ נעם דעם זעלנער אונטערן אָרעם און הייבט מיט אים אָן איינצושמועסן וועגן זעלנערישע הויזן און מאַנטלען צי ער האָט נישט צו פאַרקויפן. דער „געפּאַקטער ביי דער האַנט" זעלנער וויל אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון קלוימערשטן אייפערזיכטיקן מאַן. ער נעמט אים צוזאָגן אַלץ צו ברענגען און פאַרקויפן פאַר שפּאָט ביליק. לאָזער-קילע לאָזט אים שוין אָבער נישט אָפּ. ער גייט מיט אין „ציטאַדעל" ארויסקריגן פון אים די סכוירע.

ביים דאָזיקן לאָזער קילע ליגט סעפל מיטן „צעפל", דער דייטש, אָפּ גאַנצע טעג. ער לייענט שטענדיק יידישע, פוילישע און רוסישע צייטונגען און ביכער. מעכל איז מיט אים אַ גאַנצער „פּאַן-בראַט". ער העלפט אים צו אין דער ארבעט, שלעפּן דאָס וועגעלע און טאַינעט מיט אים שטענדיק איין.

מעכל געדענקט ווי אין כאָלעם די געשעענישן פון יאָר 1905, די איינציקע קימאַט, וואָס איז אים פאַרבליבן אין זיקאָרן. „סעפל מיטן צעפל" איז דעמאָלט פאַרשווינדן געוואָרן פון דער וואָלוווקע עטלעכע טעג פאַר די „ראָזרוכעס". ער געדענקט עס טאַקע צוליב דעם, ווייל די מאַמע זיינע האָט ליב וועגן דעם שטענדיק איבערצודערציילן און אויפווייזן פאַר יעדן איינעם מעכלס בעריעשאַפט.

דעמאָלט איז נאָך מעכל געווען אַ קליין יינגל, קוים זעקס

יאָר אַלט, ער איז צופֿעליק געגאַנגען אין „בלוטיקן מיטוואָך" צו זײַן שוועסטער אויף פּאָקאָרנע צו גאַסט.

עטלעכע שאָ נאָכן פֿאַרברענגען בײַ דער שוועסטער, ווען קײנעם אין שטוב האָט זיך וועגן גאָרנישט געכאַלעמט, האָט זיך אָנגעהויבן צו טון אַזוינסוואָס מעכל האָט געמיינט, אַז עס קומט אָן דער מאַבל און די גאַנצע וועלט גייט אונטער. ס'האָבן זיך דערהערט אין שטוב נאָנטע געזאַנגען פֿון מאַרשירנדיקע. דאָס געזאַנג איז געווען עפּעס אַ „דורכנעמענדיקס", וואָס האָט געמאַכט פֿיבערן דעם גאַנצן קערפּער. די עלטערע אין שטוב האָבן זיך גענומען שושקען. צו מעכלען זענען נאָר דערגאַנגען איינצלנע ווערטער, וועגן „ציציליסטן", קאָזאַקן און פּאָליציי, וועגן אַ „ראַבונעק", וואָס וועט זיכער באַלד פֿאָרקומען און נאָך אַזעלכעס. די שרעק פֿון די דערוואַקסענע האָט אָנגעשטעקט די קינדער. דאָס האָט זיך נאָכמער פֿאַרשטאַרקט דערנאָך, ווען פֿון דערבייאיקן פֿערטן „צאַרקל" אויף מוראַנאָווסקע, אין שכײנעס צו פּאָקאָרנע, האָט זיך דערהערט אַ גאַלאָפּעריי פֿון פֿערד-רייטער, קאָזאַקן און פּאָליציי, וואָס האָבן זיך ווי אַ ווינט געטראָגן דורך דער ניסקע, ברייטע-מילע צו דער דזשיקער גאַס צו. די פֿענסטער פֿון דער שוועסטערס דירע זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער „טויטער" ניסקע.

באַלד נאָך דער פֿערדישער גאַלאָפּעריי איז געוואָרן אויף אַלע אַרומיקע גאַסן אַ געוואַלדיקע סומאַטאָכע, אַ געלויפֿעריי פֿון אַלע זייטן. דאָס שיסן פֿון ביקסן האָט זיך געהערט פֿון גאָר נאָנט.

צווישן די לויפֿנדיקע, מיט גאָלע קעפּ, מענטשן, האָט מעכל דייטלעך געזען, ווי „סעפּל מיטן צעפּל" לויפֿט איינער פֿון די ערשטע און וואַרפֿט עפּעס אַרויס שטיקלעך „פּאַפּיר" פֿון היטל אַרויס, צעזייעט עס אויף דער ערד און אַ מינוט אַרום ווערט ער איינגעשלינגען און אַנטרונען אין דער מאַסע, ווי אין דער ערד אַרײַן. גלייך נאָכדעם איז אין דער קימאַט ליידיקער ניסקע גאַס אַרײַנגעלאָפֿן אַ יידישער יינגערמאַן. נאָך אים האָט זיך דערהערט אַ שאָס פֿון אַ רעוואָלווער. דאָס היטל איז פֿון אים אַראָפּגעפֿלויגן. צעשיט האָבן זיך ווייסע לאַנגע שטיקלעך פּאַפּירלעך, וואָס זענען זיך צעפֿלויגן, צעטראָגענע פֿון ווינט, אין אַלע

זייטן. דער ייִנגערמאַן איז גלייך אומגעפאַלן אויף דער ערד און געבליבן דאָרט לאַנג, לאַנג ליגן, ביז וואַנען ס'זענען אָנגעקומען קאָזאַקן אויף ניסקע גאַס ארויס. עטלעכע זענען אַראָפּגעשפּרונגען, אָנגענומען אים ביי די פיס און הענט און צוגעבינדן אים צו איין פערד. דערנאָך זענען זיי מיט אים אָפּגעפאָרן:

מעכל איז די גאַנצע צייט געשטאַנען האַרט אין ווינקל ביים אָפענעם פענסטער און גאָרנישט אַדורכגעלאָזט. און כאָטש דאָס הע־צל האָט געציטערט פון שרעק, די פיסלעך האָבן זיך געטרייסלט, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון אָרט. ווען נישט די מוירעדיקע שרעק פון אַלע אין שטוב, וואָלט זיכער עמעץ פון די עלטערע אַוועקגעריסן מעכלען פון אָרט. אַלעמען איז אָבער דאָס לעבן געווען בילכער. ס'האָט זיך קיינער נישט געוואָלט איינשטעלן פארן סמארקאַטש, וואָס האָט אויף אַלע זייערע געשרייען, ר'זאָל זיך וואַרפן אויף דער ערד, גאָרנישט געענטפערט, און ווי א שאָטן זיך געשטופּט טיפער אין דער וואַנט אַריין. מעכלען איז אַבער געווען באַשערט צוצוזען נאָך א שטיקל ארבעט.

קורץ פאַר אַוועקרייטן פון די קאָזאַקן מיטן גערהאַרגעטן ייִנגנמאַן, איז צו צו אַ פענסטער פון דער זייט פון דער פּאָקאָרנע, אַן איינוווינער פון זעלבן הויף און געוואָלט פאַרמאַכן ס'פענסטער. דאָס האָט דערזען אַ קאָזאַקישער אָפיציר אין אַ הויכער קאַסקע. ער האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיין רעוואָלווער — א געשריי געטון: „זאקרוי־איט" און גלייך אויסגעשאָסן.

גלייך מיטן שאָס האָט זיך דערהערט אַ געשריי. מעכלען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער אַליין האָט אויסגעשריגן און דעמאָלט איז ער אומגעפאַלן פאר אומגעהויערן שרעק, וואָס איז אים באַפאַלן.

א לענגערע צייט דערנאָך האָט מעכל געוואָלט דערגיין, וואָס ס'איז דעמאָלט פאָרגעקומען. אַלע אָבער צו וועמען ר'האָט זיך געווענדעט, האָבן אים גאָרנישט געוואָלט זאָגן. זיי

האָבן אים געענטפערט מיט אַזעלכע אויסריידן וואָס מכעל האָט באַלד אין דעם געזען, אַז זיי נאַרן אים אָפּ.

פון די אונטערגעהערטע געשפּרעכן פון די דערוואַקסענע האָט ער גאָרנישט געקענט פאַרשטיין. ערשט שפּעטער, מיט פילע יאָרן, ווען מעכל האָט זיך דערמאָנט וועגן די געשעענישן, וואָס ער האָט צוגעזען אין זיין זעקס יאָריקער קינדהייט, האָט ער צו פיל זאַכן וואָס זענען דעמאָלט פאַרלאָפן, צוגעגעבן זיין אייגענע אויסטייטשונג.

„סעפל מיטן צעפל", דער דייטש האָט פון אים אַממערסטן געהאַט צו „זינגען און צו זאָגן". ווען ער איז ווידער קאַפּויער געקומען אין דריי כאַדאָשעם אַרום אויף דער וואָלווקע. די ערשטע פראַגע, וואָס מעכל שטעלט אים, איז די טונקעלע פאַר אים געשעעניש, ווי ער איז דעמאָלט אַנטרינען געוואָרן.

אַ שטאַרק איבערגעשראָקענער קוקט זיך „סעפל" אום אויף אַלע זייטן. ער גיט מעכלען אַ כאַפּ אויף דער האנט און טראָגט אים אַריין צו זיך איןביידל אויף דער פיר. ער נעמט זיך באַלד אים פאַררעדן די ציין מיט אַלץ אין דער וועלט, אָבער וועגן די עצעם־זאַך זאָגט ער אים גאָרנישט.

מעכל פאַרשטייט באַלד, אז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדנונג. ער קוקט אויף סעפלען מיט שטאַרקן כשאַד. מער קיין פראַגן וועגן דעם שטעלט ער אים שוין נישט.

„סעפל מיטן צעפל" ווערט מעכלס לערער

מעכלען ציט שטארק צום דייטש, וואָס קען אים אויף אַלע זיינע פראגן ענטפערן מיט אַזעלכע פאַר אים פארשטענדלי-כע ווערטער, אַז אַלץ וואָס אים אינטערעסירט פרעגט ער נאָר דעם דייטש. סעפל בלייבט אים קיינמאָל נישט שולדיק קיין ענטפער. אַלץ ווייסט סעפל, וועגן אַלעם קען ער געבן גוט צו פאַרשטיין. מעכל זאָגט איס טאַקע שטענדיק אָפן, אַז ער וואָלט

געקענט בעסער לערנען פון זיין רעבן. „סעפל" צולאַכט זיך דעמאָלט שטאַרק און נעמט מעכלען אויף זיינע ברייטע אַקסלען. ער שאָקלט אים אויף אַלע זייטן ווי מיט אַ לילעוו.

אויב מעכלען ציט צום דייטש, נוצט אים סעפל שטאַרק אויס. ער שיקט אים מיט פאַרשידענע שעליכעסן זיינע.

סעפל אינטערעסירט זיך מיט יעדער קלייניקייט. ווי נאָר ער באַקומט אַ שטיקל צייטונג, ווערט זי דורך אים אויסגענוצט פון אַלע זייטן. מעכל שלעפט פאר אים אַלע טאָג דריי צייטונגען: דעם „היינט", „מאָמענט" און דעם „פריינד", וואָס ער נעמט ביים בלינרן מאָניש פאַר אַ צווייער אויף אויסלייען-געלט. דערפאַר לערנט אים דער דייטש לעזן הויך אויפן קאָל אַלע נייעסן און גיט אים צו פארשטיין יעדע זאַך, וואָס ער פאַרשטייט נישט.

„סעפל מיטן צעפל" הייסט אין דערעמעסן קאַראָל היינץ. אָבער וועגן דעם ווייסט קיינער נישט אכוץ איינצעלנע, נאָענטע פון אים. מעכלען געטרויט קאַראָל אַלץ. צום סאָף דערציילט ער אים אַ מייסע, אַז די פּאָליציי איז אַ שלעכטע און האָט נישט ליב קיין יידן און דייטשן. דערפאַר היט עס זיך אַזוי „סעפל" פאַר דער פּאָליציי. וואו ער שלאָפט און וואו ער פארברענגט די ליידיקע צייט ווייסט קיינער נישט. באלד אינ־דערפרי, אַזייגער זעקס, באווייזט ער זיך, אַן ארומגעבינדענער מיט גראָבע שטריק ארום דער גאַרטל און אַביסל אַן איינגעהוי־קערטער, גייט ער צום ביידל, ווי זיין „געשפאַן", די פיר שטייט.

„סעפל" איז שטענדיק א ראַזירטער. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס ראַזיר-מעסער איז נישט קיין שארפס, ווייל טאָמיד קומט ער אַרויס אויפן מארק מיט אַסאַך בלוט-פלעקן אויפן פּאָנעם. אין עטלעכע ערטער אויפן געזיכט געפינען זיך צעש־ניטענע שטיקלעך הויט, צעדראַפּעטע, צעקאַלעטשטע דורכן ראַזיר-מעסער.

מעכל האָט א כוצדעם אים איינמאָל געפּאַקט ביי אַ זאַך, וואָס האָט אים אַמשטאַרקסטן געוווּנדערט. ער האָט אים געוואָלט

איבערשרעקן און אינדערשטיל, מיט פּאַמעלעכע טריט, צוגע־רוקט זיך צום ביידל. דעמאָלט האָט ער באמערקט, ווי דער דייטש דרייט עפּעס מיטן פינגער זיינעם אין ראָד און דערנאָך האָט ער זיך אויסגעשמירט דאָס פּאָנעם מיט דעם שוואַרצן שמירעכץ פון דער פיר. ער האָט דערביי ארייַנגעקוקט אין אַ שפּיגעלע און נאָכגעזוען ווי אַזוי עס קומט ביי אים אַרויס.

דאָס כּודעשט מעכלען שוין גאָר שטאַרק. דער דייטש לערנט אים זיך האַלטן קלאָר און ריין און אַליין שמירט ער זיך אויס און גייט אַרום אַזאַ פאַרשמירטער און אָפּגעלאָזענער... נישט איינמאָל פרוווט מעכל אים שטעלן וועגן דעם פראַגן, — ער האָט שוין אָבער גוט באַמערקט, אַז „סעפּל" האָט נישט ליב, ווען מ'פרעגט אים וועגן זיך אַ סאך אויס.

ביי „סעפּלען" לערנט זיך מעכל אויס לעזן און שרייבן רוסיש און פּויליש. סעפּל ווייזט אים די אַנאָנסן אין די צייטונגען וואו די פאַמיליען נעמען ווערן געדרוקט אין צוויי אָדער אין דריי שפּראַכן. ער הייסט אים לעזן ביים גיין אויפן גאַס אַלע שילדן און איבערזעצן יעדעס וואָרט, וואָס שטייט אויף יידיש אויפן זעלבן נאָמען אין דער פּוילישער אָדער אין דער רוסישער שפּראַך. ווען מעכל לערנט זיך שוין עטוואָס אויס לעזן, גיט אים דעם דייטש צו לייענען פאַר־שידענע ביכלעך. מעכל לייענט די ביכער, ער פאַרשטייט אָבער קי־מאַט פון זיי גאָרנישט. אַסאַך מאָל, ווען ער וואַרט אויפן דייטש אין ביידל, פאַרשטייט נישט מעכל וואו ער ווערט עס אַזוי אין טייל שאָען פון טאָג פאַרשווינדן. אַז „סעפּל" קומט אָן, אַביסל אַ צערו־דערטער, זעצט זיך מעכל גלייך אַוועק ביי אים אויף דער קני, ער נעמט אים אַרום און פרעגט אים אויס וועגן אַלעם אין דער וועלט.

אָפטמאָל זענען דאָ זאַכן, זער מאָדנע, וואָס מעכל קען זיי ביי קיין פאַל נישט פאַרשטיין און טייטשט זיי אויס, אַז אַפילו אַזאַ קלוגער דייטש, איז אויך אַ נאַר און האָט עפּעס מאָדנע איינפאַלן.

דאָס איז טאַקע דעמאָלט, ווען דער דייטש קומט צוריק פון זיינע פאַרבאָרגענע ערטער. ער זעצט מעכלען אוועק ביי

זיך אויף דער קני און האָט „ליב" אויפצוטרענען די נעט פון מעכלס פּאַלטן, פון די הייזלעך אָדער אנדערע טיילן פון זיין גאַרדעראָב און גלייך אויפן אָרט זיי צוריק צו פאַרנייען.

מעכל קען דערויף קיינמאָל נישט קוקן. די אויגן זיינע ווענדן זיך אליין אין אַן אַנדערער זייט, ווי ס'וואָלט זיי אַ כאַרפּע געווען פארן קלוגן דייטש, וואָס ווייזט זיך אַרויס פאַר אזאַ גרויסן נאַרן-קאָפּ.

מיט יאָרן שפּעטער ווערט דער דייטש פון זיין ביידל ארויסגעצויגן דורך פּאָליציי. באַלד דערנאָך ווערט לאָזער קילע פארהאלטן. נאָכן ארויסקומען פון ארעסט נעמט ער פאר אלע-מען דערציילן:

— צ'אָט געזען אַ פּאָניע! איך האָב אים באַדאָרפן סאָגן, אז „סעפל מיטן צעפל" איז געווען א „ציצילים"!

— איך האָב זיי געזאָגט: „יאָ ניץ ניע וויסא, קלאַפּא דע נאָזדרא, שיסאַ דע ביקסאַ"! איך קען זיך אויף דעם ניסט ס'איז ניט מיין וואַרע! איך האַנדל ניט מיט דעם! צעפּעט זיך פון מיר אָפּעט!

ערשט דעמאָלט האָט מעכל עפּעס אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז צוליב די „ציציליסטישע" אַרבעט האָט עס זיך „סעפל" אַזוי געהיטן פאַר אים.

מעכל פּרוווט אָפּט פרעגן די מאַמען, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ "ציצעליסט". זי דערשרעקט זיך אָבער און נעמט אים וואָרנען, אַז מ'טאָר גאָרנישט וועגן דעם רעדן, די קאָזאַקן וועלן אים כאַפּן שיסן אָדער הענגען. מעכלען עגבערט אָבער דער געדאַנק, ער נעמט אויף זיין שטייגער אַליין אויסטייטשן, אַז עס מוז נישט זיין אַזאַ שלעכטע זאַך, ווייל „סעפל" האָט נישט געקענט זיין קיין שלעכטער.

אַין אַ צייט אַרום, נאָך „סעפלס" ארעסט, געפינט מעכל אויף אַן אָרט, ווי סעפל האָט פאַרנייט אין זיין כאַלאַטל, אַ שטיקל „ביבעלע" פּאַפּיר. מעכל קען גאָרנישט איבערלעזן דאָס פאַרפּאַטשקעטע שרייבעכץ. דאָס פּאַפּיר נייט צוריק מעכל איין אין כאַלאַטל און וויל זיך מיט דעם נישט שיידן גאַנצע צוויי

יאָר. ער היט עס ווי אַן אויג אין קאָפּ. ערשט דעמאָלט פֿאַרשטייט מעכל, אַז זיין „סעפל" איז שוין נאָר קיין נאַר נישט געווען. דאָס פּאַפּירל היט אָבער מעכל ווייטער.

אָשער טינעף האַלט מילכאָמע מיט מעכלען

צוליבן העלפן דעם דייטש זיין אין אַרבעט, לאָזט מעכל שטאַרק אָפּ די אייגענע געשעפטן ביי די שטעפער.

ארן-כאַזער האָט זער פיל אַרבעט אויף דער וואָלוווקע. ער מוז אַריינפירן פון אַלע ביידלעך די סכוירעס אויף ביינאַכט אין די געוועלבער און אויפצומאָרגנס באַלד אינדערפרי זיי צוריק אַרויספירן.

די שווערסטע ארבעט האָט ער ביי דער מומע רעלען. דאָרט זענען פאַראַן ביי אַ דרייסיק שווערע פעק, וואָס ווערן יעדעס מאָל דורכן דייטש געפּאַקט און אין צוויי יאַזדעס מוז ער זיי אָפּפירן צו באַשע די ווערטין אין געוועלב. דאָרט האָט די מומע רעלע אָפּגעדינגען דאָס צווייטע האַלבע געוועלב אויף אַריינצולייגן איר סכוירע.

אַריינפאָרנדיק מיט דער סכוירע שטופט מעכל אונטער דאָס פירל. צוריק פאָרנדיק ליידיק זעצט ער זיך ארויף אויפן פירל און סעפל מוז אים שלעפן. אָפטמאָל שפּאַנט ער זיך אַליין איין אין דער צוים און שלעפט דאָס ליידיקע פירל צוריק. דאָס איז אמבעסטן.

דערווייל יאָווען זיך אויף דער וואָלוווקע פּרעמדע, עפּעס ווי דער ווינט וואָלט זיי אָנגעטראָגן — כעוורעס יאַטן, זיי נעמען באַלד קאָנקורירן מיט די שוין איינגעפונדעוועטע שלעפּיינגלעך. זיי ליגן פאַר די קאַמאַשנמאַכער ביליקערע פּרייזן פאַרן אריינשלעפן די קעסטלעך און פעקלעך סכוירעס אין די געוועלבער אַריין.

די יינגלעך זענען אַליין אויף דער וואָלוווקע נישט ארויס.

געקומען. דאָס ברענגט זיי אַזוי אַרויס דער גראָבער אָשער, וואָס האָט אַ שאַרפֿן צונאָמען „אָשער טינעף", ווייל מ'פֿילט שטענדיק פֿון אים זײַער שטאַרק. אָשער טינעף האָט זיך פֿאַרנומען אויף מעכלס כעוורע און וויל נישט צאָלן דעם איינגעשטעלטן פּרייז. ער זאָגט, אַז אַזעלכע כעווערניקעס זענען נישט קראַנק צו שלעפּן פֿאַר אַ צווייער זיינע שווערע פּעק. די יינגלעך האַלטן אָבער נישט פֿון דעם. אָשער טינעף מוז אַ לאַנגע צייט נעבעך אַליין שלעפּן די שווערע פּעק זיינע. איצט דערשנאַפּט ער פֿון אַלדע שוואַרצע יאָר אַ פּאָר יינגלעך, אַ צען שטיק, און ברענגט זיי אַראָפּ אויף דער וואָלוווקע. ער נעמט אַריינרעדן אין זיינע באַקאַנטע שטעפּער, אַז מ'דאַרף פֿאַרקלענערן די פּרייזן און דער איקער פּאָשעט איבעררייסן מיט מעכלס „קאָלעקטע באַניקערן". ער וויל איבערגעבן דאָס שלעפּן די קאָסטנס דער נייער גרופּע, וואָס ער האָט אַרויסגעברענגט.

ס'גאַנצע גליק איז, וואָס אַ סאַך פֿון די שטעפּער ווילן אָשערן אונטערשטעלן אַ פּיסל. זיי שטיצן שטילערהייט אונטער מעכלען און זיין כעוורע. אַנדערש וואָלט זיך אָשערן זיין „גראַנדע" איינגעגעבן.

מעכל מיט זיין באַנדע נעמען זיך שטאַרק און איינאַנדער סוידען. זיי שמועסן זיך אָפּ מיט אַלע קויכעס נישט צו דערלאָזן אַראָפּ צושטויסן זיך פֿון „זייער" וואָלוווקע, פֿון זייער שטענדיק אָרט.

קאַפּ נעמען זיך שפּאַלטן. גאַנצע רעקלעך ווערן צעריסן. אַלע טאָג קומען פֿאָר שטאַרקע געשלעגערייען. יעדן טאָג ברענגט מעכלס גרופּע אַראָפּ „קאָלעקעס" מיט „שטאַרקע". די צווייטע גרופּע טוט אויך אַזוי. דאָס געשלעג צעברענט זיך פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מערער.

די געשלעגן קומען מערסטנטיילס פֿאָר נישט אויף דער וואָלוווקע. די עלטערן וואָלטן זיי דאָרטן געשטערט דערין. זיי ווערן ספּעציעל איבערגעטראָגן אויפֿן נאָענטן מוראַנאָווער פּלאַץ פֿאַר דער ציטאַדעל. דאָרטן קומען פֿאָר געוואַלטיקע „מילכאָמעס", וואָס פֿאַרענדיקן זיך מיט צעשלאָגן זיך ביז בלוט און פֿאַרטרייבן

איין פאַרטיע די צווייטע. אַסאַך מאָל ווערן ביידע באנדעס צעטריבן דורך פּאָליציי אָדער דורך קאָזאַקן, וואָס רינגלען זיי אַרום פון אַלע זייטן, אַרויסקומענדיק פון נאָענטן ציטאַדעל.

די געשלעגן באַשטיין נישט אין נאָענטע אָנפאַלן פון איין פאַרטיע אויף דער צווייטער. אַלע וואַרפן נאָר מיט שטיינער אין ספּעציעלע „לעדערלעך". די עקן פון די „לעדערלעך" זענען פאַרבינדן מיט שטריקלעך. דאָרט ווערן אַריינגעלייגט די שטיינער. דערנאָך דרייט מען מיט די שטריקלעך דאָס לעדערל. מ'דרייט עטלעכע מאָל. פאַרמעסטנדיק זיך האַסטיק הויך, זער הויך, ווערן די שטיינער אַרויסגעוואָרפן אין דער לופטן, אין דער ריכטונג פון „סוינע." מעכלס כעוורע גייט אָן אַלס ספּעציאַליסטן פון „לעדערוואַרפעריי".

נישט איין לאָך אין קאָפּ קריגן קינדער, נישט איין שויב ווערט אויסגעהאַקט ביי אַזאַ מילכאָמע.

בעריש ראָצער דער רוידעף־שאָלעם

די מילכאָמע וואָלט זיך לאַנג פאַרצויגן, ווען נישט בעריש ראָצער, איינער פון מעכלס יאַטן. אים רינט טאַקע שטענדיק פון דער נאָז. ער קריגט מיט אַ שטיין אַ פּעסטן לייג אין דער האַנט. דאָס צינדט אים אַזוי שטאַרק אָן, אַז ער מאַכט באַלד אַ געוואַלט פון גרויס ווייטאָג:

— די כאָלאַרע זאָל כאַפּן אָשער טינעפן! א ריך אין זיין טאַטנס פאָר אין מיטן וועג אַראַן! אוי וואָלט יאַך עים אָנגעלאַרנט! מ'וואָלט דאָך עים געקענט דאַציילן אַ מאַסע, ווען אַלע וואָלטן זיך אַ נעם געטין אין פאַרלאַנגט טאָפּלטע אויסאָפעס! מ'וואָלט געמאַכט א שיטפעסדיקע קאָסע אין ציזאַמען געשלעפּט די קעסטלאַך!

זיין געשריי רופט צום ערשט אַרויס אַ גרויס געלעכטער

בײַ אַלע יאַטן בלויז מאָטל בערדיטשעווער, מוישע קעפּל און מעכל קאַנטשאַזש קוקן זיך איבער אָן ווערטער. באַלד ווערט עס דורך זיי אַרומגערעדט. זיי האַלטן, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, וואָס בעריש ראָצער האָט געזאָגט.

אַלע פיר — מוישע קעפּל, מאָטל בערדיטשעווער, מעכל און בעריש, וואָס טשעפּעט זיך צו, ווי אַן אונטערפירער, גייען גלייך צו צו דער צווייטער גרופּע אונטערהאַנדלען וועגן אייסעק.

ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי „אונטערהאַנדלען״. פאַרגעקומען איז עס גאָרנישט אַזוי לייכט. צו לאַנג האָבן געדויערט די געש־לעגן, מ׳זאָל קענען אַזוי פּאַשעט צו גיין אָן אומצוטרוי און אויסשמועסן זיך איין גרופּע מיט דער צווייטער.

ווען די קאָנקורענץ־גרופּע באַמערקט פון דערווייטנס די פיר פאַרלויפערס דערנענטערן זיך, ווערט בײַ זיי באַלד אַ גע־וואַלדיקע סומאַטאָכע. געוויינלעך פלעגט פריער איין גרופּע דער צווייטער נישט אָפּטרעטן דאָס אָרט. די שטאַרקערע פלעגן טאָמער אָפּשטופּן און נישט אַדורכלאָזן די שוואַכערע.

און דאָ גייען צו, צו אַ גרעסערער גרופּע, פיר קניאַקערס פון די קאָנקורענטן, וואָס ווילן מיט זיי „וואַלטשען״. גאָר אָן מוירע דערנענטערן זיי זיך צו דער צווייטער גרופּע.

דער כשאַד איז אַ באַגרינדעטער. אַלע פון דער קאָנקו־רענץ גרופּע שטעלן זיך פאַנאַנדער, געגרייט ענג צונויפגעפּרעסט, איינער צום צווייטן.

די פיר ייִנגלעך דערנענטערן זיך:

— העי! כעוורעי — שרייט אויס מוישע קעפּל און בלייבט שטיל, צוריקגעהאַלטן, שטיין.

— גענאָר אַ קיק! וואָסטע עפּעס פאַרלוירן ס׳לאָשן? געב קלאָץ־קאַשע! אָסט אָנגעמאַכט אין די הויזן! שטאַרקאָר־מאַנאָר!

מעכל קען זיך נישט איינהאַלטן. ער הייבט אָן צו וואַרפן מיט ווערטער ווי קלעצער:

— הער נאָר! די שטאַרקאָר צעלייגאָר! אריך אין דאַן טאַטנס באָבן אַראַן, — צ׳ווילט מאַכן שאָלעם?

די קאָנקורענטן בלייבן שטיין. זיי קוקן זיך אָן איינער דעם צווייטן און פאַרשטיין נישט קיין איין וואָרט, וואָס מעכל רעדט. ענדליך כאַפּט זיך איינער פון זיי און שרייט אויס:

— אַהאַ? צ׳האָט בויצע געקריגן! אין אַיאָר טאָטנס, מאַמענס פיטאָר אַראַן!

מעכל רייסט אים גלייך איבער און לאָזט אים נישט ענדיקן.

— זאנאָר שטיל, טרעלפאַס די איינאָר! ווער פין אינץ האָט געקריגן לאַכאָר אין די קעפּ און ווער פין ענק? ציילץ נאָר איבאָר! געב אַ קיק! אָ! שטייט דאָרטן באַ ענק כאיעם דרייער אַרומגעבינדן די אויערן — נאַדאָר אין דער זאַט — מענדל סאָנפאַק שלעפּט דאָך קאָם מיט אַ פיס און שאָלעם גאַנעוו ליגט נישט אין בעט? אַלע באַ ענק זענען דאָך צעהאַרגעט אין צעמיימעסט ווי די כאַזיירעם!

— יאָ! ס׳איז עמעס! באַ אינץ זענען אָך דאָ אַסאַך צעקאָטעוועטע מיט צעבראָכענע זאַטן! אָבאָר אַסאַך ווינציקאָר ווי באַ ענק! ס׳גייט אינץ אַצינד נישט אין דעם! אינץ וואָלטן מאָר געוואָלט, אַז מ׳זאָל אָשערן, דעם פאַרשעוואַטן טינעף, אָנלארנען אַזוי, ר׳זאָל אינץ געדענקען לעאָלעם וואָעד!

— זאָג נאָר שלוימע באָנק! ביסט ציפרידן צי שלעפּן אַזאַ גרויסן קאַסטן באַ אָשערן פאַר אַ צווייער? יאַך כאָב דאָך פאָרן זעלבן קאַסטן גענימען ב׳אַרן אַ זעקסאָר א וואָך! ס׳אי דען נישט ווערט אַזאַ דראן זאָל צאָלן?

כעוורע צעהיצט פון די ווערטער, נעמט איבעררייסן מעכלען. זיי נעמען זיך באלד פאָרוואַרפן פארשידענע כאַטאָעם, וואָס איינער איז קעגן אנדערן באַגאַנגען. מ׳זידלט זיך אין טאַטן און אין דער מאַמען, נישט פאַרגעסן קיינער כאַס-וועשאָלעם אין די עלטער-זיידעס און באָבעס. דאָס איז שוין אָבער אין גוטן מוט, צעגויפגעמישטע אַין מער-ווייניקער פריינדליכן געמיט, אַרומגערינגלט איין גרופּע מיט דער צווייטער. אלע פּאַטשן זיך אין די פּלייצעס, פריילין דערלאַנגען זיי זיך די

הענט, „טשענסטעוועץ" זיך מיט פאַפּיראָסן און נאַשוואַרג.

די מאַפּאָלע, וואָס אָשער טינעף ליידט, איז פאַר אים אַ אומגעריכטע און זער אַ שווערע. אויפצומאָרגנס קומט ער שוין ניט ביכלאַל ארויס אויפן מאַרק. ער שיקט זיין ווייב האַנדלען. ערשט נאָך אַ דריי-פיר וואָכן באַווייזט ער זיך אויף דער וואָלוווקע. דעמאָלט באַגעגנט אים כעוורע מיט אַ געוואַלטיקן „בע", אז א פאַרשעמטער ווערט ער באלד פאַרשוווּנדן.

ביי די אויערן אין כיידער אריין

אין צווישן צייט פאַרלאַנגען די עלטערן פון מעכלען ר'זאָל ווידער אָנהייבן גיין אין כיידער. מיט געוויין און מיט דראָאונגען, פירט מעכל אויס ביי דער מאַמען, מ'זאָל אים שוין אין טאַלמעד-טוירע נישט שיקן.

די מאַמע שלעפּט אים אַרום אויסזוכן אַ גוט כיידער, וואו דער מעלאַמעד זאָל נישט שמאסן און נישט קנאַפּן. מיט מאזל געפינט זי פאַר אים אַזאַ כיידער. דעמאָלט נעמט שיינדל-מאַטל אירע ביידע יאַטלעך און פירט זיי מיט גרויס קאָוועד — הערשלען ביי דער האַנט און מעכלען ביים אויער — אין כיידער אַריין.

דאָס כיידער אויף שמאָלע-מילע געפינט זיך אין אַ שולכל. אַפּרומער ייד, מיט צאָרעס און אומגליקן, דאַרף האָבן פּאַרנאָסע און נישט שטאַרבן פאַר הונגער. פאַר אים פאַרלייגן די שול-יידן דאָס כיידער, וואָס רופט זיך אויפן נאָמען פון דער שול-כעוורע: „בריס-אַטוירע".

אין דעם כיידער לערנען אינגאַנצן אַ „מענדל" קינדערלעך. אלע צוזאַמען לערנען אינאייינעם אַלץ, וואָס אין דער טוירע שטייט. ס'איז אוממעגליך אין דעם איינעם שטיבל פון כיידער אָפּצוטיילן איין קינד, וואָס לערנט זיך „טראַף" פון צווייטן, וואָס לערנט „דאַרדעקע" אָדער פון עטלעכע, וואָס לערנען שוין

כימעש און ראַשע. אַזוי אַרום מוז זיך מעכל באַטייליקן אין געזאַנגען פון „איוורע"-איבערכאַזערונג. די אַנדערע קינדער ווידער נעמען אַנטייל אין זיין ראַשע און געמאָרע-געזאַנג.

מעכלס ייִנגסטער ברידער הערשל, גייט אויך מיט אים אין זעלבן כיידער. ער לערנט זיך ערשט „איוורע". אין דער היים אָבער קען ער אויף אויסנווייניק די גאַנצע פאַרשע כימעש פון דער וואָך. די מאַמע קוועלט אַזש פון סימכע, וואָס איר בען-זעקיינעמל, וואָס איז מיט גאַנצע דריי יאָר ייִנגער פון מעכלען, קען פונקט אַזוי גוט ראַשע און געמאָרע, ווי מעכל. איצט „ווייזט" זיך גאָר אַרויס, אַז מעכל איז גאָרנישט קיין „אילע". דער ייִנגסטער הערשל נעמט גאָר שטאַרק שטייגן אין די מאַמעס אויגן.

— אַוורייי! עץ זעט דאָך! אַזאַ קלייִנאָר קען דאָך בעסאָר ווי דער גרויסאָר!

מעכל באַמיט זיך איצט מיט אַלע קויכעס די מאַמען איבער-צורעדן, אַז ער לערנט זיך גוט. דער רעבע אַליין זאָגט עס איר אויך. ס'העלפט גאָרנישט. שטענדיק ווייזט אים די מאַמע אָן, אַז זיין קלענערער ברידער קען פונקט אַזוי ווי ער.

ס'העלפט אויך נישט, וואָס איצט שטעלט זיך שוין מענדל אליין איין פאַר מעכלען. דאָס איז ביז איצט קיינמאָל נישט געשען:

— האַרשל קען דאָך נאָר פין אויסנווייניק! אין כימעש איז ער דאָך אַן אַם-אָרעץ!

— דאָס איז דאָך נאָכמער קינץ! אַזאַ קלייִנאָר זאָל אַלץ קענען פון אויסנווייניק! אַדעראַבע, זאָל מאכל עפעס זאָגן אַזוינס, וואָס הערשל קען נישט!

דאָס קען טאַקע מעכל נישט. ער פאַרלירט ווידער פיל אין די מאמעס אויגן.

בײם בלינדן שלוימען אין כײדער

דאָז כײדער אויף מילע גאַס קען זיך לאַנג נישט האַלטן. ס׳טרעפט זיך, ווי בײ ייִדן „נישט פאַרגינערס״, געפינט זיך דאָ אויך אַזאַ אײנער, וואָס ווײסט ווי אַ פּיפּס צו טון. „מאַלכעס״ קומט און שליסט ס׳כײדער.

מיט דעם ענדיקט זיך עס נישט. ס׳נעמט אַרומוואַנדערן פון אײן אָרט אויפן צווײטן. אומעטום וואַרעמט עס זיך נישט אויף לאַנג, אין פאַרלויף פון אײן יאָר טוישט דאָס כײדער גאַנצע פיר דירעס.

דער מעלאַמעד, דער בלינדער שלוימע, איז נישט בלינד, ער טראָגט נאָרברילן פאַר קורצזיכטיקע. ער איז אַ הויכער, שטאַרק אײנגעהויקערטער ייִד, מיט אַ קלײן בערדל, ער אַלײן ציפּט יעדעס מאָל בײם לערנען גאַנצע פעדעם פון בערדל. ער וויקלט אַרום די האָר איבערן גראָבן פינגער פון דער לינקער האַנט. דעם בלינדן שלוימע האָבן אַלע קינדער ליב. ער איז טאַקע אַ גוטער מענטש. אַ קינד הערט פון אים נישט קײן אײן שלעכט וואָרט. ער האַלט אין אײן שווײגן. מעכל זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ גוטער רעבע, נאָר אַ שלעכטער מעלאַמעד.

אין מיטן לערנען שטעלט ער זיך אַוועק פאַרטראַכטן. ער קען אַזוי אָפּשטײן גאַנצע שאָען און קוקן דורכן פענסטער אויף אײן פונקט, נישט אָפּרײסנדיק פון דאָרט די אויגן. די קינדער לערנען דערווײל אַלײן און זינגען איבער אײן פאַרשע נאָך דער צווײטער. זײ שפּילן זיך הינטער דער לאַווקע אין פאַרשידענע שפּילערײען און טוען אָפּ אַלץ, אונטער דעם רעבנס נאָז, וואָס ס׳פאַלט זײ נאָר אײן.

קײנמאָל פאַלט שלוימע נישט אַרײן אין קאַס. נאָר אַז מ׳ברענגט אים נישט דעם סכאַר-לימעד-געלט, שטעלט ער זיך אַוועק לעבן קינד און שטײט אָפּ אַנטקעגן אים גאַנצע

שאָען און קוקט אים אָן מיט אָפענע, האלב פארגלאָצטע אויגן.

זיין כיידער געפינט זיך אַלעמאָל אין אַ קיך. די יינגלעך האַלטן פאַר זייער כויוו צוצוהעלפן דער „רעבעצן” אין איר אַ־בעט. אַלע רייסן זיך דערצו. ס'גליסט זיך קיינעם נישט צו זיצן אויף דער ”לאַווקע” מיטשרייען און מיטזינגען צום ווייפלסטן מאָל דאָס זעלבע. ס'איז פּאָשעט אַ גאַן-איידן פאַר אַזאַ יינגל, ווען ער רייסט זיך אָפּ פון דער באַנק און לויפט העלפן דער „רעבעצן” אין איר ארבעט אין שטוב, האַקן האָלץ, ברענגען מעל, ברויט און ציבעלעס.

פון אַלע כיידאָרעם, וואָס מעכל קען, האַלט ער שלוימעס כיידער פארן בעסטן. די צייט, וואָס ער פאַרברענגט דאָרטן געדענקט ער לאַנג צום גוטן.

דאָס גוטע ענדיגט זיך און פאַרגייט זער שנעל. סיי מעכלען און סיי מאטל-שיינדלען ווערט פארמיאוסט דאָס קעסיידערדיקע פאַראומערן זיך די יאָרן. מאַטל-שיינדל „יאדעט” מעכלען אַזוי לאַנג אַרום מיט זיין „טאכלעס”, אז ס'וועט פון אים ארויסוואקסן אַ פּאָשע-ייסראָעל, אַ „זוילע-וועסויוועניק”, א גוי, אז זי נעמט, אין אַ פּאָשעטן פרייטיק, פעסט מעכלען אונטערן אָרעם און פירט אים אוועק צוריק אויף מילע אין טאַלמעד-טוירע.

דאָסמאָל קומט שוין מעכל אָן אין א געמאָרע-קיטע. ער לערנט זיך דאָרט אַ קנאַפּ יאָר. די גרויסע ניין און צען יעריקע יינגלעך פון כיידער זענען אַנטקעגן מעכלען שטאַרק אונטערשטעליק.

מעכל האָט ליב אלעמאָל אַליין זיך צו גריבלען, צו דערגרינטעווען אין סייפער. די ערשטע וואָך לערנט ער זיך אויס אַלץ, וואָס שטייט אין סייפערל. דערנאָך ווערט עס אים באַלד פארמיאוסט, ווייל דאָס כאזערט זיך אזוי פיל מאָל איבער. געמאָרע און טויסוועס לערנט ער זיך אויס אין אַ גאָר קורצער צייט. ערשט, ווען דער טאטע פארהערט אים און בלייבט א דערשטוינטער פון זיין שנעלן אויסלערנען זיך, נעמט ער ווי-

דער ארומרעדן מיט מאַטלען וועגן איבערשיקן אים אין א יעשיווע זיך לערנען.

מעכל „שפּיאָנעוועט” די סובלאָקאטאָרן

צייט מענדל קוליק האָט זיך אַרויסגעצויגן פון זיין פּרי-ערדיקער דירע, האָט זיין פאמיליע קעסיידער עטלעכע מאָל אין יאָר, געענדערט די וווינונגען. זיי וואנדערן אַרום פון איין טויער צום צווייטן, אָבער ווייט פון דער וואָלוווקע פאַרקריכן זיי קיינמאָל נישט.

דינגען דירעס, פאַרדינגען שטיקלעך ערטער סובלאָקאַטאָרן, – מיט דעם אַלעם פארנעמט זיך מאַטל-שיינדל.

די סובלאָקאטאָרן זענען פון דער פּראָווינץ. אלע אָן אויסנאַם זענען אזעלכע, וואָס קומען אין דער גרויסער שטאָט זוכן ארבעט. די אדרעסן צו מאטלען באַקומען זיי פון באקאנטע, פריערדיקע מאטלס לאָקאטאָרן.

די ערשטע צייט, ווען די לאָקאטאָרן קומען אָן, פאַר-נעמט זיך מיט זיי, אויף זיין שטייגער, מעכל.

ער מוז אונטערהערן, געגנוי נאָכקוקן, פון א באהעלטעניש ארויס, באטראכטן, וואָס די לאָקאטאָרן טוען, וואָס זיי זינגען, ווי אזוי זיי פארברענגען זייער פרייע צייט. מעכל לאָזט נישט אדורך קיין איין זאך – ער מאכט זיך קלוימערשט נישט קוקן און אלץ זעט ער, הערט און ווייסט.

קומט אַ מיידל צו א „קאָלעזשאַנקע” פון דער זעלבער שטאָט, – פּאָרעט זיך מעכל פאַרטון ביים סייפערל. ער טוט זיך שטאַרק אריין אין ביכל פון די מייסע-נוירעס פון באַל-שעם-טאָוו, וואָס די מאמע רוקט אים אַלעמאָל אונטער. מיט אַ א האלב אָפן אויג קוקט ער אָבער זייטיק ארויס פון סייפערל און געניייוויש באטראכט ער יעדע מינע פון די קאָלעזשאנקעס,

שנעל כאפט ער צוריק זיין בליק און פארטיפט זיך ווייטער אין טייפערל.

ציפוירע איז אויך א פראָווינצער מיידל. זי איז אינ־גאַנצן א שווארצע, טונקעלע אויגן און גרויסע שווארצע ברע־מען. זי האָט שטאַרק ליב מיט מעכלען צו טשעפען. זי קען זער שיין זינגען. מעכל קען אָפשטיין גאנצע שאָען און אויס־הערן איר געזאַנג, וואָס צענעמט אים אינגאנצן.

מעכל קאָן אָבער נישט ליידן, ווען זי רייסט אים ביי די פייעס און ביי די אויערן. ער שעמט זיך שטארק און פאַר־שטעקט זיך אין א ווינקל. ווען ציפוירע אָבער רוקט נישט צו, שאַרט ער זיך פון ווינקל צוריק ארויס און שטעלט זיך אוועק אין מיטן שטוב. אַ סאַך מאָל באהאלט ער זיך אונטער דער דער שאנק און הערט זיך צו לאנג און שטיל צו די גערעדערייען פון די מיידלעך.

אַלץ, וואָס טוט זיך ביי די סובלאָקאטאָרן, ווייסט ער. נישט אלץ אָבער פארשטייט ער. ס'איז נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן זיך וועגן דעם. די דערוואקסענע ווילן אים קיינמאָל נישט אויסטייטשן זיינע אלע פראגן.

נאָך ציפוירען ציט זיך אריין אַ מיידל שיפרע. זי איז אַ געלע, א קליינע און האָט א סאך זומער־שפרענקלעך אויפן גאנצן פאָנעם. מעכל האלט איר פאר א מיאוסקייט. ער קען זיך גאָרנישט אָפוואונדערן ווי אזוי דער שיינער באָכער, א געוויקסיקער מיט א גרויסער טשופרינע שווארצע האָר, וואָס קומט שטענדיק צו שיפרען, נעמט איר ארום און טוט אלץ פאַר איר מיט אזוי פיל גוטסקייט.

צוזאמען מיט דעם שווארצן קומט נאָך איינער— אויך מיט א געל מיידל. די צוויי, — כאָסן־קאַלע, — זינגען זער שיין. אַלע פיר, און אָפטמאָל מער באָכערעם און מיידלעך, שפילן אין אַזעלכע שיינע שפילערייען מיט פאנטן. ביי די שפילן טוישן זיך די יינגעלייט מיט די מיידלעך און קושן איין באָכער דעם צווייטנס מיידל. די מיידלעך כיכיקען און לאָזן זיך נישט

ןשן און ארומנעמען. זיי קוויטשען דעראָלט מיט אַזעלכע באַ-
ומענע קוילעס, אַז מעכל טראַכט זיך, אַז ער וואָלט זיי גאָר
פּאָשעט צעפּלאַסקעט די געלע פּיסקלעך פאר אזעלכע נארישע
מינקעס. ער זעט דאָך שטענדיק, אַז זיי מאכן זיך נאָר אזוי,
דערנאָך דערציילן זיך די מיידלעך אינדערשטיל וועגן דעם
און מיט צופרידנקייט גיבן זיי זיך איבער וויפל קושן זיי האָבן
באקומען פון דעם אָדער יענעם.

מעכלען אינטערעסירן אָבער אמשטארקסטן אנדערע סובּ-
יאָקאטאָרן. דאָס זענען אַזעלכע יינגעלייט, וואָס קלייבן זיך
אריין אויף איינצלנע כאדאָשעם. אָפטמאָל אפילע אויף קיין גאנצן
כוידעש אויך נישט.

אין די אָוונטן קומען זיך בּיי זיי צונויף מיידלעך און
יינגלעך. זיי קושן זיך דאַווקע שוין נישט און שפּילן זיך
אויך נישט אין די אַלע פריערדיקע שפּילערייען. זיי זיצן
שטענדיק מיט ערנסטע פּענעמער און לעזן ביכער אָדער אַזעלכע
מאָדנע צייטונגען, וואָס מעכל קען זיי נישט קריגן צו קויפן,
כאָטש ער פרעגט זיך שטארק נאָך אויף זיי בּיי מאָנישן דעם
צייטונגס-פּארקויפער.

אין אַזעלכע אָוונטן גיבן די יינגלעך מעכלען אויף צו-
קערקעס און הייסן אים אביסל זיך איבערגיין שפּאצירן. מעכל
שיט זיך שנעל אראָפּ פון א האלבן שטאָק שטיגן, נאָר באַלד
פּאַרקערעוועט ער אויף צוריק. שטילערהייט רוקט ער זיך ארונ-
טער הינטער דער טיר מ'זאָל נישט ארויסזען, אז ער הערט זיך
אונטער. דאָס, וואָס ער הערט, איז פאַר אים אַזוי ניי און
אומפארשטענדלעך, אַז ער פארשטייט נישט ווי אזוי די זעלבע
באָכערעם, וואָס האָבן מיט אים פריער גערעדט ווי פּראסטע
מענטשן, האָבן פּלוצים גענומען דרייען מיט דער צונג אַזעלכע
אומפארשטענדליכע ווערטער, וואָס נאָר איינצלנע פון זיי דער-
מאָנען אים זיין פּאָשעטן לאָשן...

אָבער אַמשטארקסטן געפעלן אים זייערע לידער, וואָס זיי
זינגען שטענדיק פאַרן אהיימגיין. זיי זינגען אַלעמאָל אזוי שטיל
מיט אזעלכע הארציקע טענער, וואָס מאכן אים פּייכט די אויגן

און אזוי טרויעריק פארטראכטן זיך. פאר קיין געלט וואָלט ער דעמאָלט פון אָרט זיך נישט גערירט. אַזוי צענעמט עס אים.

ביי טאָג נישטערט ער ארום אין די זאכן פון די יינגעלייט. אָט פאקט ער אזא צייטונגל מיט עפּעס מאָדנע נעמען, אָדער ביכער מיט גאָר אומפארשטענדלעכע ווערטער.

די יינגעלייט באטראכט ער מיט דרעכערעץ. ער נעמט קוקן אויף זיי מיט אזעלכע בליקן פון באַוואונדערונג, וואָס זיי קענען לעזן אזעלכע זאכן און דערצו רעדן זיי אויך מיט אזאַ לאָשן פון די ביכער. מעכל טראכט זיך, אז ווען ער וועט גרויס ווערן וועט ער זיך אויך קויפן אזעלכע ביכער. די אייניציקע זאך, וואָס שטערט אים איז נאָר דאָס, וואָס ער האָט מוירע צו פרעגן זיך ביי זיי וואו מ'קריגט די ביכער צו קויפן.

ס'זענען פאַראַן ביי זיי זאכן, וואָס מעכל הערט אונטער ביים רעדן, וואָס ער פארשטייט זיי יאָ און וואָס מאַכן אים נאָכמער וואונדערן זיך.

אָפטמאָל קומען צו די לאָקאטאָרן זייערע באַקאַנטע יינג-לעך אדער מיידלעך. זיי סוידען זיך שטילערהייט און דערציילן זיך גאַנצע מייסעס וועגן געשעענישן אין זייער שטעטל אָדער גאָר אין ווארשע ערגעץ אין די ווייטערע גאסן... וועגן די זאכן קען מעכל קיין איין וואָרט נישט געפינען, ווען ער זוכט ביי סעפלען אין די צייטונגען. דאָס זענען מייסעס, דערציילט מיט פארשידענע אומפאשטענדליכע ווערטער, אָבער דעם טאָך פון זיי, וועגן פּאָליציי, ארבעטער, און וועגן אַרעסטן פון זייערע באַקאנטע, — דאָס פארשטייט שוין מעכל יאָ. און ס'וואונדערט אים שטארק, וואָס אזעלכע גוטע מענטשן, זאָל מען גאָר אַרעסטירן ווי פּראָסטע גאַנאָווים פון דער וואָלווקע? די מאמע געטרויט זיי דאָך אַלץ?...

דער נײַן יעריקער מעכל מאַכט „בלאַט" מיט אַ זעכצן יעריקער „פּאַננע"

צו מאַטל-שײַנדלען ציט זיך אַרײַן אַ גאַנצע פאַמיליע פון אַ מאַן, װײַב און טאָכטער פון אַ יאָר זעכצן.

זײ פאַרנעמען אַ טײל קיך און באַזעצן זיך דאָרט אויף זער אַ לאַנגע צײַט.

סימכע קלאָץ איז אַ הויכער ייד מיט אַ געלער, לאַנגער, פאַרשמוציקטער באָרד. ער איז שטענדיק אָנגעטון, סײ זומער און סײ װינטער, אין אַ לאַנגן כאַלאַט, װאָס האָט אַ סאַך לאַטעס פון פאַרשידענע קאָלירן. זומער גײט ער אָנגעטון אונטערן כאַלאַטל נאָר דאָס ברודיקע העמד, און אַ סאַך מאָל זעט זיך אויך אַרויס דאָס נאַקעטע לײַב. װינטער טראָגט ער אונטערן כאַלאַטל אַ שפּענצער, אַ „פלאָקן", זער אַ װאַרעמען. מיטן „פלאָקן" דעקט ער זיך בײַנאַכט צו די פיס, זײ זאָלן זיך דערװאַרעמען.

דאָס װײַב זײַנס איז אַ הויקערל, אַ קלײנס מיט אַ לענגליך אויסגעצויגן פּאָנעם. זי האָט טרויעריקע גרינע אויגן, װאָס קוקן אומהיימלעך יענעם אָן, סײ מיט טרויער, סײ מיט סינע, װי אַ הונט.

זי קריגט פון סימכען שטענדיק געשלאָגן. ער קאַטעװעט איר נאָר דעמאָלט, װען ער איז זיכער, אַז קײנער זעט דאָס נישט. מעכל דערשנאַפּט עס אָבער באַלד. ער באַמיט זיך אַלעמאָל צו זײַן אויף דער האַנט, צו שטערן אים אין זײַן מעלאָכע. סימכע קלאָץ קריגט אים דערפאַר שרעקלעך פײַנט. מיט אַזאַ סינע, װאָס ברענט פאָשעט פון זײַנע אויגן. פונקט אַזוי מיט אַזאַ פײַנטשאַפט צאָלט אים מעכל אָפּ.

עלטשע איז געגראָטן אין טאַטן. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט ברוינע האָר. מאָדנע זענען זײ געקרײַזלט. אַ סאַך האָר בלײַבן טאָמעד איבער אויפן קעמל גאָכן פאַרקעמען זיך.

די אויגן האָט זי די מאַמעס. גרינע, בײַ איר זענען זײ

גאָר פריילַיכע, מיט אַזעלכע מאַמזעריש פייערלעך, אַז מעכלען בליסט שטענדיק אָפּצוטון לאָבוסעוואַטע שקאָצישע שטיק אין אירע אויגן, קעדיי אַרויסצורופן ביי איר אַ געלעכטער אָדער זי זאָל כאַטש אויף אים אַ קוק טון.

ביידע נעמען זיך באַלד כאַוורן. דאָס געשעט ביי אַ געלעגנהייט. די מאַמע אירע, מינטשע, האָט עפּעס זער שלעכט אָפּגעקאָכט ס׳מיטאָג און ציטערט, אַז סימכע וועט איר שוין דאָ מעקאַיעם-פּסאָק זיין. עלטשע מוז גראָד ערגעץ אַוועקגיין. זי האָט שטאַרק מוירע איבערצולאָזן די מאַמע אַליין.

אויף איר מאַזל קומט גראָד מעכל אָן. אַ דערפרייטע, לויפט עלטשע צו צו מעכלען און פרעגט אים צי ער בלייבט אויף לאַנג אין שטוב. מעכל וויל טאַקע אַראָפּלויפן צו זיין באַנדע אויפן הויף, ער פאַרשטייט אָבער אַז זי דאַרף אים צו האָבן און ענטפערט:

— כ׳ווייס נישט! כאָב צייט! ס׳עט זאָך מאָר גליסטן וועלאָך בלייבן! דאַרפסט מאָך צי האָבן?

— אוי מאַכעלע קרוין! וואָלסט נישט געקענט אַביסל אינטערוואַרטן ביז יאָך וועל צוריקקימען? כ׳על מאָך נישט לאַנג זאָמען! עסט עס מאָר צעליב טין?

באַלד גיט זי אים אַ קליין מייסע-ביכל פון אַ פרינץ מיט אַ פרינצעסן, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווילדע הינט דורך אַ קישעפמאַכער און דערנאָך ווערן זיי אַרויסגעראַטעוועט דורך אַ קליין מיידעלע, וואָס קריגט פון פרינץ זיין האַלבע מעלוכע.

באַלד, ווי סימכע קלאַץ קומט נאָר אָן, דערהערט זיך גלייך פון קיך אַ הויך געררעדעריי. כאָטש מעכל האַלט אין מיטן לייצנען, וואָס האָט אים באַלד פון אָנהייב שטאַרק גענומען אינגאַנצן גיט ער אַ כאַפּ דאָס ביכל און לויפט אַריין אין קיך צו מינטשע, און נעמט אין איר אַריינרעדן.

— אוי מינטשע קרוין! אָב יאָך געקריגן אַ שיין ביכעלע צו לייענען! זעט נאָר! כעב עפּעס אַד איבערלייגן! הערטס מאָך אָס!

צו סימכען וויל מעכל ניִשט רעדן. אלעמאָל ווען סימכע נעמט העכער רעדן צו מינטשען, הייבט מעכל אָן נאָך שטאַרקער און העכער צו לייענען זיין ביכל.

ינטשען היט ער אָפּ און לאָזט איר נישט קיין מינוט קיין פרייע. זי קען נאָר צוטראָגן צום טישל ס׳עסן פארן מאַן און אויך דעמאָלט לאָזט ער איר אויך נישט אַליין. ער גייט איר נאָך און לעזט נאָך העכער ווי פריער.

ער פארשטייט שוין איצט פאַרוואָס עלטשע האָט אים איבערגעלאָזט אין שטוב.

ווען עלטשע קומט אָן איז שוין זער שפעט. מעכל זיצט אין שטוב שטארק פארזונקען אין לייענען דאָס ביכל.

עלשטע רעדט עפעס מיט איר מאַמען. דערנאָך קומט זי אַריין אַ שמייכלנדיקע, אַז מעכלען ווערט באַלד פריילעך אויף דער נעשאָמע. זי גייט צו אים צו און לייגט אים פאָר זיך שפילן אַביסל.

ביידע נעמען זיך פאר די הענט ארומדרייען אין א „קאַרו-זעלע״, ביז וואנען זי נעמט אים אזוי שנעל דרייען, אַז ער פליט שוין איבער דער עדד ארום איר. זי האַלט אים פעסט צו די הענטלעך און לאָזט אים נישט אָפּ. דאָס געפעלט אים שטאַרק. ער בעט זיך גלייך נאָכאַמאָל דאָסזעלבע.

ביים צווייטן מאָל, אַן אָפּגעשוואכטע, לאָזט זי אים אינ-מיטן ציען אָפּ. מעכל פאלט אַראָפּ און גליטשט זיך צו ביז צום בעט. ביים ראנד בעט גיט ער זיך אַ פעסטן לייג אין קעפל.

עלטשע לויפט שנעל צו אים צו און נעמט אים פרעגן צי ס׳טוט אים שטאַרק ווי. כאָטש דער ווייטאָג איז א גרויסער, רעדט ער קוים אַרויס.

— ס׳עט מאָר גאָרנישט זאַן! איידער כ׳וועל ווערן באַל-מיצווע וועט עס זאָך מאָר אויסהיילן!

עלטשע נעמט אים ארום און גיט אים א קוש אין קעפל. דאָס היילט אים באלד אויס דעם ווייטאָג פון קלאַפּ.

פון איצט אָן ווערן זיי גוטע פריינט. מעכל העלפט איר אלעמאָל צו. ער לויפט פאַר איר „אין פייער און אין וואסער״.

שוסטער „לאַטשאַזשעס“ אויף דער סטאַווקע

סימכע קלאָץ האָט א „שטעל“ אויף דער סטאַווקע גאַס מיט א „ווארשטאט“ צו פאריכטן שיך.

די „לאַטשאַזשעס“ זיצן אַלעמאָל ביי זייערע „וואַרשטאַטלעך“, וואָס באַשטיין פון פאָשעטע קליינע בענקלעך. אויף די קליינע בענקלעך זענען אויסגעלייגט פארשידענע שוסטער־מאכשירים: צוועקלעך, נאָלן, טשוועקעס, קאָפּיטעס און שטיפטן. אויף דער ערד ליגן אָנגעוואָרפן פאַרשידענע אַלטע, צעריסענע שיכווארג. דערביי שטייט אַ קליין שוסטער־בענקעל, אַ קיילעכיקס. אויף דעם בענקל זיצט קיינער נישט. אין א זייט שטייט אַ אַ האַלב־צעבראָכענע שטול אָדער אַ פּאָשעט בענקל פאַר די קוינעם, וואָס דאַרפן קומען.

אויף דער גאַנצער לענג סטאַווקע, פון דער וואָלווקע ביז צו דער דזשיקע, זענען אויסגעשטעלט אַזעלכע שוסטער־„ווארשטאטן“. ס׳זיצן דאָרטן די „לאַטשאַזשעס“ וואָס ארבעטן צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער. אַנטקעגן זיי זענען פאַראַן די געוועלבער און זייערע דירעס.

פון פאָרנט, ביים אריינגאַנג אין געוועלב, שטייט די ניימאַשין. אַ כוץ די קינדערלעך געפינען זיך נאָך אין ענגן געוועלב פארשידענע קרעמלעך פון סאָדע־וואסער, טיי און עסנווארג. דער איפּעש, וואָס טראָגט זיך פון אזאַ געוועלב, איז גאָר אַ שטארקער. טאַקע דערפאַר שטעלן די שוסטער אַרויס זייערע „שילדן“ אַנטקעגנאיבער. ס׳גיין אַדורך פאַרשידענע מענטשן פון דער באַן און פון דער וואָלווקע. די שוסטער און זייערע קינדער רופן זיי צו זיך:

— פּאַניע לעבן! לייגן אַ רובטשיק? אויסגלייכן אַ טילעק?...

סימכע קלאָץ האָט זיין אויך א„וואַרשטאטל“ אויפן זעלבן פלאַץ. די מאשין איז אַ „סובלאָקאַטאָרקע“ אין אַ שפּייז־גע־

— א װעלבל אַנטקעגנאיבער. סימכע האָט גרויסע, לאַנגע פּיס, ס׳קומט צו א קוינע צום „װאַרטשאַטל״, שטעלט ער אַרויס די עמע סע „ראַגלאַים״. ער לאָזט איבער דעם קוינע אַן „איינ־געזייפטן״ אין די סקאַרפּעטקעס און לויפט װידער „פּאַרקאָרקע־װען״ אַ צװייטן מיט א „רובטשיק״ לייגן אויף דער זויל, ביים װאַרשטאַטל.

עלטשע קען נייען אויף דער מאַשין. זי זיצט קימאַט א גאַנצן טאָג ביי דער מאַשין. ס׳מאַכט זיך אָבער זער אָפט, אַז זי מוז אװעקגיין. דעמאָלט האָט סימכע אַרבעט פאַר זיינע פּיס.

דאָ אַהער קומט מעכל יעדן טאָג צו עלטשען, קלוי־מערשט פאַרבייגייענדיק פון גאַס אָדער פון ביידער, װאָס איז גאָר פון א צװייטער זייט, נענטער צו דער שטוב.

עלטשע באָרגט ביכער אין א „טשיטעלניע״. אַ סאַך מאָל ברענגט איר מעכל די ביכער אין געװעלב אַריין. דער פאָטער לאָזט איר נישט לייענען. זער פיל מאָל צערייסט ער איר די ביכער, ארויסשלעפנדיק זיי מיט געװאַלט פון אירע הענט. אָפטמאָל קומט איר צוהילף מעכל, װאָס נעמט זיך אמפּערן מיט סימכען, ער זאָל צוריק אָפּגעבן דאָס סייפערל, װאָס ער האָט צוגענומען ביי עלטשען.

סימכע קען זיך נישט אויף דער קליינער איװרע. ער קוקט אים אָן מיט שטאַרקן כשאַד, אָבער ער קליינער האַלט אויס זיין בליק. מעכל צעשרייט זיך נאָך שטאַרקער און פאָדערט „זיין״ סייפערל.

אָמערגסטן איז שאַבעס, װען סימכע קומט צוריק פון שול און פאַקט עלטשען ביים לייענען.

— אַזאַ פלאָנדערע! נישט קראַנק און געשװאָלן צו לייע־נען אַ טאַטש־כימעש! א צענע־רענע? אַזאַ מאָדטשיסקע, װאָס דאַרף שוין באַלד כאַסענע האָבן! אַז מ׳האָט אַזאַ שטיק פלאַק פאַר א װייב קען עפּעס טויגן?

מעכל װיל אים דעמאָלט אויך אָפּנאַרן און זאָגן, אַז עס איז זיין סייפערל. ער קריגט אָבער פון אים דעם צמעסדיקן באָרעך־אַבאָ:

--זאָג נאָר! די גוווניאַזש איינאָר! אַזאַ טאַטערל! קוים פון דער ערד אויפגעוואָקסן און שוין אַזאַ מאַמזאָר! אָפּנאַרן גאָר אן עלטערן ייד! דערעכערעץ ווי איז? כע'שוין דער־ציילן דאַן טאַטן! עסט זאָך שוין אָסראַכטן א שוואַרץ־יאָר!

בלויז צו איין שיינדל־מאַטלען האָט סימכע צוטרוי. ער רופט זי ביים יאָנטעוודיקן נאָמען „מאַטלשי קרוין״.

פאַר שיינדל־מאַטלען רעדט ער זיך אָפּ ס'האַרץ. ער האָט זיך פארקויפט פאַר אַ הויקער. מ'האָט אים אָפּגענאַרט. אַנשטאָט טויזנט גילדן האָט אים דער שווער געגעבן אויף א שוסטערישער ניי־מאַשין. פאר כאַרפּע איז ער אַנטלאָפן קיין ווארשע, אָבער צוליבן קינד, וואָס ער האָט שטאַרק ליב, האָט ער זיך איבערגעבעטן מיטן ווייב און זיי ארויסגעבראכט צו זיך קיין ווארשע.

אַלע ווייסן, אַז סימכע „אוכאַזשעוועט״ אַ גראָבע מויד, וואָס האָט אויך אַ שוסטערישע „ניי־מאשין״ לעבן זיין בודע, אז ער ליגט דאָרט ביי איר אָפּ גאַנצע אָוונטן און טעג.

כאַווע פלאַק האָט אַ הונטן און אַ פּאָרנט מיט זייטן, אויף וואָס ס'איז דאָ צו קוקן. איר אויבערשטע שטארקע און שאַרף ארויסשטאַרצנדיקע ציין, זענען ווי פערדישע, שטארק אַריבער איבער דער אונטערשטער ליפּ. די אויגן, ריזיקע פון אַ געל־בליך־רויטער קאָליר. זיי קוקן אָקסיש און שטענדיק אוועקגע־דרייט אין אַ זייט. זיי קענען נישט אויסהאלטן קיינעמס בליק.

מעכל גיט אלעמאָל עלטשען צו וויסן ווען ער זעט איר פאָטער אריינגיין צו כאווע פלאַק. עלטשע ענטפערט מעכלען גאָרנישט אויף דעם. אָבער ווען דער קליינער זאָגט אגוטן־טאָג און גייט אַוועק, לויפט זי ארויס פון איר געוועלב, גייט אריין צום טאטן און רופט אים ארויס מיט פארשידענע טעריצים.

מעכל שטעלט זיך אוועק אין א זייט און קוקט זיך צו צו אַלעם. ער פילט צו עלטשען אַ שטארקן ראכמאָנעס.

שאַבעס אין שול אויף וואָלינסקע

די שול אין וואָלינסקער געסל געפינט זיך אין א ספּעצ-יעל געמויערטער געביידע, וואָס שטייט אינמיטן הויף אַנטקעגן דעם טויער.

דאָ, אין שול, האָט מעכל אויך זיינע יינגלעך. ער פירט שוין דאָ מיט זיי נישט אַזוי שטאַרק אָן. דאָ נעמט שוין נישט אויס זיין שטאַרקייט נאָר גאָר אַן אַנדערע זאַך.

די ביכלעך, וואָס עלטשע קויפט אים פאַר אַ צווייער אָדער פאַר אַ פירער, זענען אַלע פון איין שניט, וועגן קישעפ-מאַכער, גאַזלאָנעם מיט אַכט קעפּ, וועגן וואונדערליכע, מייסע נויראָעס פון גוטע יידן, וואָס האָבן אָפּגעטון פאַרשידענע שטיק ניסעם און ניפלאָעם. וועגן געזיילעס און געניוועס פון פאַלשע פרומע יידן, וואָס זענען אויפגעדעקט געוואָרן דורך אַנדערע עמעסדיקע גוטע-יידן

אַלע ביכלעך אַרבעט מעכל איבער אויף זיין שטייגער. ער גיט אַביסל צו, נעמט עטוואָס אַראָפּ, צעדרייט און צעקאַ-לעטשעט דאָס אַדורכגעלייענטע. ס'קומט פון דעם אַרויס אַ גאָר נייע זאַך. ס'טרעפט זיך נישט איינמאָל, אַז אַ יינגל, וואָס האָט שוין גראָד געלייענט דאָס זעלבע ביכל, כאַפּט זיך אינמיטן, אַז ער האָט שוין ערגעץ געהערט אַ „פּאָדאָבנע" מייסע. אַלע איבריקע יינגלעך שלאָגן אים באַלד איבער די רייד צוליב נייגעריקייט. דער איבעררייסער ווערט גלייך אַנטשוויגן.

די מייסעס דערציילט מעכל שאַבעס פאַרנאַכט פאַר אַוו-דאָלע. די יינגלעך זעצן זיך אויס אין אַ ווינקל פון שול האַלב אינדערפינסטער. אַלע ערטער אויף די שטענדערס פאַר-נעמען זיי און רינגלען אים אַרום פון אַלע זייטן.

די פינסטערע אַרומיקייט פאַרשטאַרקט נאָכמער די מאָרע-שכוירע פון די שרעקלעכע מייסעס. ביי די קינדער אַרבעטן צו

די מויכעס זייער אייגענע אויסבילדונג וועגן יעדן וואָרט, וואָס מעכל לאָזט אַרויס.

די שול האַלט אָפּגעדינגען אַ גאַבע, ראַב נויעך, וואָס האָט אַ כוץ דעם אַן אייגן שפּייז-געוועלבל אויף ניסקע גאַס.

אַלס זון פון שאַמעס האָט מעכל זיין אָרט אויפן בעלעמער, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט הילצערנע שטאַכעטן, אויף עטלעכע שטיגן אַרויפצוגיין. מעכל זיצט אויף דער באַנק, אָדער אַמאָפּסטן פּאָשעט אויף די שטיגן, אויף דער ערד אונטערן בלעמער. ער קען זיך פון דאָרט צו אַלעם צוקוקן און אַלץ זען. דאָס האָט ער אַמשטאַרקסטן ליב.

ראַב נויעך גאַבע איז אַ ייד אַן עטוואָס איינגעהויקערטער פון אַלטקייט. די פאַרשמוציקטע, טונקל-ברוינע באָרד, איז שטענדיק פול מיט נאָס-טאַבאַק. ער שטייט אַריינגעגראָבן מיט דער לאַנגער שויפּערדיקער נאָז, איינגאַנצן אַ פאַרשטאָפּטע מיט טאַבאַק, אין סידער אַריין. שטיל זאָגט ער נאָך דעם כאַזענס ווערטער. פון צייט צו צייט פאַרגעסט ער זיך. ווען דער כאַזן האָט שוין פון לאַנג אויסגעשריגן זיינע פּסוקים, נעמט ראַב נויעך אין עטלעכע ווײַלעס אַרום נאָכזאָגן דאָס זעלבע. ער שרייט זיי אַזוי אויס אין זעלבן ניגן, ווי דער כאַזן. די דאַווענערס קענען דאָס נישט פאַרטראָגן, זיי אָכצן און מרוקען מיט הויכע קוילעס צום גאַבע: ני, ני! — „איינע מאַפּסיק"! דאָס העלפט אָבער קיינמאָל נישט. ראַב נויעך גאַבע מאַכט זיך דערפון גאָרנישט.

כאַסקל-אווײַגדער-שאָלעם — דאָס וואָלינסקער רעבעלע

אין שול איז נאָך דאָ אַ ראָוו, אַ מוירע-ראָע און אַ רעבע אין איין פּערזאָן. ער האָט גאַנצע דריי נעמען: כאַסקל-אווייגדער-שאָלעם.

די אַרומיקע גאַסן רופן אים פּשוט: „דאָס וואָלינסקער רעבעלע“

דער ראָוו פּאַסקנט שאלעס איבער טרייפענע שיסלען און לעפעלעך. ער גיט-אָפּ מענער און ווייבער, שטעלט „שטילע“ קופּעס, „טונקעלע“, פאַר פּאָרלעך, וואָס באַצאָלן אים דערפאַר. שאַבעס פאַרנאַכט רעדט ער טוירע פאַר זיינע יידן פון דער זעלבער שול.

אַ טייל דאַוועגערס האַלטן אים פאַר אַ צאַדיק, אַ לאַמעד-וואָוניק, וואָס באַווייזט זיך נאָר אין באַזונדערע זינדיקע צייטן. אַנדערע רעדן אויף אים אויס אַלדאָס-בייז. זיי דערציילן וועגן אים פון שנעלע געטן, וואָס ווערן דורך אים געגעבן אינדער-גיך, אָן דער אָפּוועגדונג, וואָס דאַרף „אַלפּידין“ קומען פון ראָוס-זייט, וועגן כופּעס פאַר „קאַלעס“, וואָס דאָס אָסטראָווסקע געסל פירט אַרויס קיין בוּנאָס-איירעס און נאָך אַזעלכע שיינע זאַכן, וואָס ס׳רעבעלע טוט אָפּ.

אַלע ווייסן אויך וועגן זיינע צאָרעס פון די טעכטער, קינדער און אייניקלעך, וואָס גיין נישט אין זיינע דראָכעב. וועגן אַ טאָכטער, רעדט מען, אז זי איז אַנטלאָפן מיט אַ שייגעץ און איבערגעלאָזט דעם מאַן אירן, אַ קעסטקינד פון דער יעשי-ווע, דעם טאַטן אויפן קאָפּ. אַ צווייטע טאָכטער איז פאַרבליבן אָן אַגינע, — דער מאַן האָט איר אַוועקגעוואָרפן צוליב וואָרפן אייגעלעך און „נאָך עפּעס“ מיט אַנדערע מענער. די שטוב ביי אים איז שטענדיק פיל מיט קינדער איינס קלענער פון צווייטן,

דער ראָוו איז אַ הויכער, שוין זער אַן אַלטיטשקער, וואָס האַלט זיך נאָך גוט. ער האָט אַ שניי-ווייסע באָרד מיט געלע פלעקן פון טאַבאַק. אַ לאַנג אויסגעבלייכט פּאָנעם און נאָך האַלב-שוואַרצע ברעמען. פון אונטער די ברעמען קוקן דורכדרינ-גלעך אפער עטוואָס גרינליכע אויגן, שטאַרק אומהיימליכע, וואָס מאַכן נישט איינעם ציטערן און איבערשרעקן. ספּעציעל מורע פאַר זיינע אויגן האָבן שטאַרק פרומע יידן און ווייבער. די לעצטע אָממערסטן. יעדער בליק, דעם ראָווס, ביים פרעגן

שאַלעס אָדער פּאַסקענען דינעם, ברענט זיי, מאַכט פּלאַטערן ס'האַרץ און ביז רויטקייט ס'פּאָנעם.

די לאַנגע, ערטער־ווייז צעריסענע, אַרומגעגאַרטלטע, אַטלאַסענע קאַפּאָטע, ציט זיך קימאַט ביז צו דער ערד. ס'איז נישט צו פאַרשטיין ווי אַזוי דער ראָוו גייט אַזוי געלאַסן און פאַלט נישט איבער איר.

דער ראָוו שטייט שטענדיק אויף איין אָרט אין שול, אין דער רעכטער זייט האַרט ביים אָרן־קוידעש און ביים פענסטער. שאַבעס און יאָנטעוו איז זיין צייט. דעמאָלט ליגן די אויגן פון אַלע דאַווענערס אויף זיין קאָפּ.

נאָכן לייענען די סעדרע פון דער וואָך, רעדט ער שטענדיק טוירע, אַדורכגעפלאָכטן מיט פּסוקים, וואָס אַסאַך דאַווענערס פאַרשטיין דערפון נישט קיין איין וואָרט. אָבער מען פאַלט אַריין אין היספּאַלעס, מען פאַרקוועטשט מיט די אויגן און מען שיט מיט שוואָכים:

— איי, איי, טצע... טצע... זענען דאָס ווערטער...

שאַבעס נאָכמיטאָג, נאָכן קיגל און טשאָלענט, נאָכן שאַבעסדיקן דרימעל, קומען געציילטע כאָשעווע באַלעבאַטים און באַטלאָנעם, אַריין צום רעבן אין שטוב אויף שאַלעס־סידעס. צטלעכע הערינג און אַ פּאָר בריטלעך שיקט אַריין פון מיצווע־וועגן ראַב נאָסן סאַנדיק. דאָס איז אַ קרעמער פון זעלבן הויף, אַ נידריק יידל, וואָס לויפט שטענדיק אַרום אַ שטאַרק פאַרהאָווטער און ווישט זיך דעם שווייס, וואָס רינט אים שטאַרק פון זיין פּעטן פּאָנעם.

אַ פּעסל ביר שטעלט ראַב באָרעך באַל־גיף פון וואָלינסקער געסל. דעמאָלט טוט זיך ביים ראָוו כוישעך.

האַלב־פאַרשלאָפענע, פון אויפגעכאַפּטן שאַבעסדיקן נאָכן טשאָלנט שלאָף, גיין קעסיידער יידן, פאַרשלאָפענע, נישט אויסגערוטע. זיי גענעצן הויך און ציען אים די מידע, צעבראָכענע ביינער. זיי קנאַקן זיך די פינגער און פאַרנעמען אַלע בענק אַרום טיש, אַלע פרייע שטולן אַרום רעבן. זיי באַזעצן די קאַנאַפּע, וואָס שטייט אַ האַלב־איינגעפאַלענע, די פאַראַפּעטן פון די

פענסטער, וואָס גיין ארויס אויף ניי-קאַרמעליצקע גאַס פון דער פאַרטער ווינונג. אַלץ ווערט באַזעצט. די, וואָס קומען שפּעט, שטעלן זיך ארום אין אַ קרייזל ביים ראָווס הויכע אָנלען-שטול.

האַרט ביי דער שטול שטעלט זיך שטענדיק אוועק צאָדיק-גלאָמפּ, אַן איינגעדאַרט יידל, אַ געלער, וואָס לאָזט קיינעם נאָענט צו דער שטול נישט צו. ער האַלט נאָר אין איין דערציילן, אַז „די שטול איז אַ זייכער פון גרויסן גניעשאָווער צאַדיק. זיין זכיס זאָל אונז ביישטיין לעאוילאָם-וואָעד, — אָמיין!"

דעם ראָווס טוירע ציט זיך אַ צוויי שאָ. ער רעדט זער שטיל, מיט אַ זעקיינישער שטים, אַז קויב מ'הערט אַ וואָרט. דער גערויש פון גאַס, וואָס דערגייט דורך די אָפענע פענסטער, העלפט צו שטערן אויסהערן דעם ראָווס טוירע. אַסאַך האַלבּ-מידע קערפּערס פון די באַלבאַטעם ווערן פאַמעליך אַנטדרימלט. זיי כאַפּן זיך אָבער שטענדיק פּלוצים אויף, ווען די שכיינעם באַמערקן דאָס און נעמען שנעלן זיי אין דער נאָז, אָפּטועו שפּיצ-לעך די פאַרשלאָפענע יידן.

א בעריע דערויף איז אַ יידל, אַ מאַמזער, א קליינטשיקס, אַ נידעריקס און אַ גראָבּס. ער שפּרינגט אַלעמאָל אונטער פאַר סימכע, ווען ער קען אָפּטוען עמעצן א שפּיצל. דאָס יידל הייסט אויזער-דאַלעם. ער איז גאָרנישט קיין אָרימאַן. ער פאַרלאַנגט אָבער שטענדיק סימכעס-טוירע פאַר זיך דעם „אויזער-דאַלעם" אַרומצוטאַנצן ארום בעלעמער. דערפאַר איז ער פארבליבן מיט אַזאַ צונאָמען.

שקאָצישע שטיק קען ער אָפּטוען. איינעם גיסט ער אריין הייסע וואַסער אין קעשענע און בריט אים אָפּ ס'גאַנצע לייב. א צווייטן גיסט ע־ אומריינקייט אין קעשענע. ער בינדט צו צו דער באַנק אָדער צום טיש אַ דרימלער. אויב ער פאַקט אָן צוויי שלעפער איינער לעבן אַנדערן, בינדט ער זיי ביידע צו זיך צו. אַ טייל יידן לאַכן אינדערשטיל. די איבריקע ווייסן נישט וואָס צו טון, — לאַכן פאַסט נישט, מ'איז דאָך עפּעס ביים ראָוו און מענטשן דערוואקסענע. דער ייצער-האָרע איז אָבער

אזאַ שטאַרקער און אַן אַקשן, אַז ער קיצלט אזוי לאַנג ביז ער נעמט אַפּי׳ע אייניקע פון די שווער-פאַרהאָרעוועטע פרומע יידן. זיי שמייכלען אויך אונטער, מרוקענדיק זייער צופרידנקייט אין לייכטע פאָרוואורפן דעם שקאָצישן אויזער-דאַלעם פאַר זיין לאָבוזערסטווע.

נאָכן ראָווס דראָשע, דויערט נישט קיין רעגעס, כאַפּן זיך אַלע יידן אויף ווי אויף ספּעציעלע ספּרענזשינעס. זיי לויפן גיך אויפן הויף וואשן די הענט „אַשער-יאָצער״. שנעל און גיך ווערט דאָס אָפּגעטון. ס׳געפינען זיך אפילע אייניקע, וואָס גיין צומאָל נישט צום „פלומפּ״ וואשן זיך. זיי ווישן אָפּ זייערע הענט אין דער פייכטקייט פון די שויבן. דיזעלבע פאַרשמוציקטע הענט פאַר-אומרייניקן זיי נאָכמער אין די אויסגעשמירטע כאַלאטן און קאַ-פּאָטעס. מיט פארגלאָצטע אויגן זאָגן זיי הויך, אויפן קאָל די בראָכע צום עסן.

אַלע כאַפּן. אפילע די רייכערע באַלעבאָטעם כאַפּן אויך א שטיקל טרוקן ברויט מיט הערינג. גלייך פון קומען פון „פלומפּ״ שטעלן זיך אַלע יידן אוועק וואַרטן אויפן רעבן. דער ראָוו קומט אַריין מיט געלאַסענע ראבייאישע, אָפּגעמאָסטענע, טריטלעך. ער שטעלט אָן די אויגן צום סופים, הייבט אויףביידע כאַלעס, וואָס זענען צוגעדעקט מיט א קליין, קאָלירט טישטעכל און מאַכט הויך „אַמויצע״.

די יידן, ווערגנדיק זיך, שלינגען שנעל אַראָפּ דעם „אָמיין״. באַלד ווערט אַ שטופּעניש און אַ קוועטשעניש פון אַלע זייטן. די שטולן און בענק מאַכן „קאָזשאָלקעס״ און שלעפּן מיט עטלעכע יידן, וואָס ווילן מיט געוואַלט צושטופּן זיך צום טיש פאַרכאַפּן פאַר זיך אַ שטיקל ברויט מיט אַ „קאָפּ״ הערינג.

אויבביים ברויט און הערינג איז אַזאַ שטופּעניש, ענדערט זיך שוין ביים ביר טרינקן אלץ אינגאַנצן. דאָ הערשט שוין אָרדנונג.

צוויי יידן, אַלטער שטשעטשינאַזש, דער שול-כאַזן און מיילעך קאָזע, א ייד, אַ ברייט-פלייציקער מיט אַ ציגן-בערדל —

— זיי ביידע צאַפּן שטענדיק ס׳ביר. זיי פאַרטיילן צום ערשט די בעסערע באַלעבאַטעם, וואָס פאַרנעמען דעם אויבנאָן ביים רעבנס טיש. דערנאָך וואַרטנדיק אויף די ליידיקע גלעזער און טעפּלעך, פאַרטיילן זיי די „געמיינערע" דאַוונערס דאָס פאַרבליבענע ביר.

נאָך „מעלאַווע-מאַלקע", צעזינגענע, צעיאַכמערטע, צוגיין זיך אַלע יידן צו זייערע וואָכעדיקע געשעפטן.

מעכל האָט דאָ צוויי יינגלעך פון שול-הויף, וואָס מיט זיי האַלט ער זיך שטאַרק נאָענט און גייט מיט זיי ארום ביים לייענען די טוירע שפּאַצירן. דאָס זענען דעם ראָווס אייניקל שיע און מאַטעס, דעם זשאָנדצעס זון פון זעלבן הויף.

זיי, ביידע שיע און מאַטעס, זענען די אָנפירער פון אַלע הויף-יינגלעך א גאַנצע וואָך.

אין דער צייט פון דער סעדרע-לייענען, לאָזט זיך כעווערע ארויס אין גאַס. זיי לויפן אין אלע ווינקעלעך, אויף אָסט-ראָווסקע, סמאָטשע, און שפּילן זיך אין יאָגעלעך און באַהעל-טעניש.

איינמאָל נעמט שיע מעכלען שלעפן אויף א שפּאַציר. ער פירט אים אַוועק אויף דער נאָנטער אָקאָפּאָווע גאַס. דאָרט האָט זיך געעפנט א נייע קאַרוזעלע אַויף א ליידיקן פלאַץ. שוין דאָס גיין אַהין אין א שאַבעסדיקן טאָג איז מעכלען שטאַרק קאָשע, כאָטש ער ווייסט, אַז שיע גייט אָן פאַר אַ שטאַרקן אַפּיקוירעס ביי אַלע יינגלעך. אָבער דאָס זאָל האלטן אַזוי ווייט, — אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט.

אויפן פלאַץ פון דער קאַרוזעלע נעמט שיע אַרויס אַ „פּי-רער" און צאָלט איין פאַר ביידן אויף „פערד" אַרומצודרייטן אויף דער קאַרוזעלע. מעכל ווערט שטאַרק דערשראָקן און זאָגט זיך אָפּ. שיע גיט אים אָבער פעסט אַ נעם אונטערן אָרעם און גיט אים די עמעסדיקע גאָב:

— זאַ נישט קיין יאָלד! כונע-כאַלאַוועט! זעץ זאָך!

אָבער ס׳ערגסטע קומט דערנאָך.

אַהיימגייענדיק, א שטאַרק איבערגענומענער, זעט מעכל ווי שיע שלעפּט אַרויס פון קעשענע א שאַכטל מיט פּאַפּיראָסן און

נעמט זיך פאַררויכערן. דאָס פירט אים שוין גאָר אַרויס פון די קיילעם. ער הייבט אָן צו רעדן אַ שטאַרק אויפגעבראַכטער:

— נאָך ווינציק, וואָס די ביסט אַן אפּיקוירעס, וואָס די ביסט נישט ווערט, וואָס די וועלט טראָגט דאָך, — שלעכסטע מאָך נאָך מיט אין דאַנע שלאַכטע וועגן!

שיע לאָזט אים אָבער נישט צום וואָרט קומען. ער חאַקט אים איבער אינמיטן. ער גיט זיך צו אים א נעם. געבן ראַיעס און אויסעס פון דער טוירע, אַז דאָס אַלץ, וואָס שטייט דאָרט איז איבערגעדרייט געוואָרן, אַז די וועלט איז קיין וועלט נישט און אַז גאָט איז קיין גאָט נישט. ער שלעפּט באַלד אַרויס פון קעשענע אַ קליין סייפערל. ער האָט דאָס געקריגן פון מיסיאָנערן. ער זאָגט באַלד מעכלען אָן, ער זאָל וועגן דעם קיינעם אַ וואָרט נישט זאָגן. באַלד אויף דער גאַס נעמט ער אין אים אַריינאַרבעטן. ער ווייזט אים אויף מיט פסוקעם, וואָס זענען פיל פאַראַן אין דעם סייפערל, אַז מעכל בלייבט שטיין פאַר אים א געפּלעפטער. ער ווייסט נישט וואָס א וואָרט צו זאָגן.

פון איצט אָן שושקעט זיך מעכל קעסיידער מיט שיען. ער פאַברענגט מיט אים גאַנצע שאָען און רעדט מיט אים ארום די אַלע זאכן.

אָבער מעכל לאָזט זיך נישט, ער שפּארט זיך מיט שיען די גאַנצע צייט. פונדעסטוועגן, ביים קנעלן די געמאָרע אין כיידער. שטעלט ער זיך פלוצים אָפּ, נעמט זיך פאַרטראַכטן וועגן די אַלע מייסעס וואָס שיע דערציילט אים שטענדיק. נישט אַלץ וואָס שיע לייענט אים ארויס פון סייפערל איז פאַר אים קלאָר. דערפאַר בלייבט אים לאַנג אין זיקאָרן דאָס אַלץ, וואָס שיע דערציילט אים וועגן זיין ויידנס געשעפטן מיט די געטן און כאַסענעס. ער פאַרקלערט זיך אַלעמאָל וועגן דעם, ביז דער רעבע גיט אים אין כיידער אַ שטאַרק אין דער זייט:

—וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרגאַפיעט? וואָס? עזל, מעזל... סאַמעך קעזל...

מעכל כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף. ער צעשאָקלט זיך און נעמט זינגען אויף אַ געמאָרע-ניגן:

— אווײדי — מאָצאָסי!..

דאָס קומט פאַר גראָד דעמאָלט, ווען מאַטל-שיינדל פאַר-

לאַנגט ר׳זאַל אַרויס פון כיידער און גיין אין אַ יעשיווע.

די מאַמע נעמט אים ווידער אונטערן אָרעם. זי פירט אים אַוועק אין יעשיווע אויף מוראַנאָווסקע גאַס. זי שלעפּט אים אַרויף אויפן דריטן שטאָק אין עטלעכע פינסטערע דירעס צום ראָש-יעשיווע. באַלד שטעלט זי אים פאָר איר „נאַכעס". זי ווערט גלייך מיט אים מאַשווע סכאַר-לימעד. מעכלען גיט זי אַ קוש אין בעקל און גייט אַהיים.

די מאַמע גייט אַוועק און מעכל פאַרבלייבט אין יעשיווע. די ערשטע וואָך גייט אים אוועק בלויז אויף צוקוקן זיך צו אַלעמען. ער טוט גאָרנישט. ער דאַוונט נישט, ער לייגט צומאָל נישט קיין אַכט אויפן רעבנס טייניעס, פאַרוואָס ער קוקט נישט אַריין אין סייפער. אויף אַלע פראַגן ענטפערט ער אָפּ צו דער זאַך. אָבער אַליין זיך נעמען לערנען, דאָס וויל ער נישט.

שוין לאַנג גרייט זיך מעכל עפּעס אָפּצוטון. זיינע סובלאָקאַטאָרן זוכן שטענדיק אין די צייטונגען צי ס׳געפינען זיך נישט אַ מאָל דאָרטן קיין אַנאָנסן וועגן אַרבעט.

מעכל נישטערט אַרום אין די צייטונגען און זוכט יעדיעס צי מען שרייבט נישט דאָרטן וועגן א יינגל אויף דער לער צו א באַלמעלאָכע מיט עסן און שלאָפן. קיין אַנדערע אַרבעט וויל ער נישט.

נאָכדעם, ווי ער פאַרשרייבט זיך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד די אַדרעסן, גייט ער אַרום אין דער פרייער צייט פאַרדינגען זיך. אומעטום קוקט מען אים אָן ווי אַ „שמענדעריק" מיט כויזעק. דאָרט ווי מ׳וויל אים שוין צונעמען, הייסט מען אים ברענגען דעם טאַטן אָדער די מאַמען מאַשווע-זיין זיך.

ס׳געדויערט אַ לענגערע צייט ביז מעכל פּאַקט אָן אָרט.

דאָס אָרט געפינט זיך אויף נאַלעווקעס, נאָנט פון דער שמאָלע-מילע. דער מייסטער פרעגט אים באַלד ווער ער איז און ווער זיין טאַטע איז. מעכל ענטפערט אים דרייסט, אַז זיין טאַטע איז מענדל שאַמעס פון וואָלינסקע געסל. דער מייסטער כאַפּט זיך באַלד, אַז ער קען גוט דעם אַלטן מענדל שאַמעס. ער הייסט אים קומען פון זונטאָג אָן צו דער אַרבעט און מיטברענגען דעם טאַטן.

אַ גאַנצע וואָך גרייט זיך מעכל אַוועקצוגיין פון שטוב, קיינעם דערמאָנט ער וועגן דעם קיין וואָרט נישט.

באַלד אינדערפרי, ווען דער טאַטע גייט אַוועק אין שול, די מאַמע לויפט איינקויפן עסן פאַר די קינדער, לאָזט זיך מעכל אַוועק צום מייסטער.

אַלע ביים מייסטער ליגן נאָך אויף די בעטן, האַלב-שלאָפנ-דיקע. מעכל זאָגט הויך א גוט-מאָרגן און בלייבט שטיין ביי דער טיר. אַלס ענטפער, קומט אַ הייזעריקע, פאַרשלאָפענע שטים פון מייסטער, וואָס הייסט אים אַראָפּטראָגן די עמערס אָנגעפיל-טע מיט אומריינקייט פון אַ גאַנצע נאַכט. נאָכן ארויפקומען מיט די ליידיקע עמערס גיט אים דער מייסטער אַ פרעג:

— ווי איז דער טאַטע?

— ד'טאַטע אָט געזאָגט, אז ר'דאַרף נישט קאַ געלט, נאָר מ'זאָל מאָר געבן צי עסן, צי שלאָפן און גיט אָסלאַרנצן ס'פאַך! ר'אָט נישט געגאַט קאַ צאַט צי קימען!

— זער וואויל! זער גיט! וואָס קענסטע טין?

אַלץ וואָס צ'ווילט נאָר, — אַלץ וואָס צ'וועט מאָך הייסן קענאָך!

— טאָ נעמזשע די באַרשט, קער אויס די שטוב און מאַך אלץ ריין!

מעכל גיט א נעם דעם בעזעם און וויל ווייזן, אז ער טויג צו עפעס. ער נעמט אַזוי רייניקן, אַז ס'ווערט אַ שטאַרקער שטויב אין צימער. דער מייסטער הייסט אים באַלד אויסשפריצן מיט וואָסער די פאָדלאָגע. מעכל כאפט זיך און נעמט שטארק כלאפען.

דאָס פריערדיקע לערן-ייִנגל לויפט צו צו מעכלען, ער רייסט אים אַרויס דעם בעזעם און נעמט אים לערנען:

— נאַ, כאמער-קאָפּ איינאָר! אַזוי קערט מען! אזוי שפריצט מען וואַסאָר!

מעכל לערנט זיך גוט קערן און שפריצן די פאָדלאָגעס. וויגן ס'קינד, טראָגן ס'מיסט, ברענגען פארשידענע זאכן, נאָכ-וואָס מ'שיקט אים אַראָפּ איינקויפן. אממייסטן באגייט זיך מיט

אים שלעכט דאָס פריערדיקע לערן-יינגל, וואָס איז איצט אַ גאַנצער מאכער, און האלט מיט אים אין איין שאַפן.

דאָס אלץ שרעקט אָבער מעכלען נישט אָפּ. אלץ נעמט ער פאר ליב. ער וויל זיך נאָר אויסלערנען דאָס פאַך. צו יעדער זאך כאפט ער זיך טון מיט כיישעק, אין יעדער פרייער מינוט שטעלט ער זיך אוועק ביים טיש און העלפט אלעמען צו אין דער ארבעט, ער רייסט אלץ ארויס פון זייערע הענט.

די גאַנצע צייט, אפילע די שאַבאָסעם און די פרייע אָוונטן, פארברענגט מעכל נאָר ביים מייסטער. ער פאַרלאָזט נישט אויף קיין מינוט דעם וואַרשטאַט, ווען ער פארוויגט דאָס קינד מיט די פיס, זענען זיינע הענט פארנומען מיט פאַרשידענע אַרבעטן. ער מאכט לעכער אין דער לעדער און שניידט פאַרשידענע „סאָרמען" צו די בייטלען. נישט איינמאָל שיקט אים דער מייסטער אהיים צום טאטן אָדער שפאצירן גיין, מעכל געפינט אלעמאָל נייע טעריצעם ווי זיך ארויסצודרייען פון אייסעק.

אַ בייטל-מאַכער

דער ווארשטאט און די וואוינונג פון מייסטער באשטיי פון איין און איינציקער שטוב, א זער לאנגע און ברייטע. אין שטוב געפינען זיך צוויי בעטן, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין דער לענג פון דער שטוב. צווישן די בעטן שטייט אַ נאַכט שענקעלע, א קרומס און אַ לאָמס. נאָך די בעטן שטייט א גרויסער קויש מיט וועש און א קליין, נידריק שענקעלע אויף מאלבישים. אין דער זעלבער לענג שטוב געפינט זיך נאָך די קיך. די צווייטע זייט שטוב פארנעמט דער גרויסער צושנייד-טיש, — אויף דער פאך, אונטערן טיש, ליגן ארויפגעלייגט פארשידענע שטיקלעך לעדער, לייוונט פון פארשידענע קאָלירן, שטיקלעך זייד, אלע מעטאלענע קיילעם. דער רייעך פון לעדער רייסט שטארק די נאָז-לעכער.

אין דער זעלבער זייט, נענטער צום פענסטער, שטייען נאָך צוויי מאשינען פאר די נייערס און אַ טישל האַרט צום פענסטער צוגערוקט. אויפן טישל זענען צוגעפעסטיקט פארשידענע מאשינדלעך צו מאכן לעכער, צו פארקלאפן מעשענע און אייזערנע רינגלעך און „זאוויאסעס".

ביי די מאשינען זיצן צוויי דערוואקסענע ארבעטער און זינגען פארשידענע לידלעך, וואָס ווערן שטענדיק אונטערגעהאלטן דורך די איבריקע, וואָס זיצן אַרום טישל.

דעם ערשטן טאָן אין פאַבריקל גיט טאַנכעם. ער איז אַ בלאָנדער, אַ דארער, מיט האָר, וואָס זענען גלייך פארקעמט אויפן קאָפּ. ער האָט שטענדיק פריילעכע אויגן, וואָס ווינקען צו אלעמען און רופן מיטלאכן און פרייען זיך. טאנכעם קריגט זיך שטענדיק ארום מיטן מייסטער. אויב דער מייסטער נעמט אמאָל שרייען צוליב דעם, וואָס די אַרבעט געפעלט אים נישט, רעגט זיך טאנכעם דעמאָלט נישט אויף, ער ענטפערט אים נאָר אָפּ זער קורץ, בלויז מיט עטלעכע ווערטער. יעדעס וואָרט איז א לאכעדיקס, א שפּיציק שפּילקעלע, וואָס שניידט און רופט אַרויס א מאבל מיט ווערטער פון מייסטערס זייט. אלעמאָל אין אזעלכע פאלן מוז זיך די מייסטעראָווע באלד אריינמישן און אָננעמען זיך דעם מאנס אוולע. זי נעמט גלייך „דעקן" טאנכעמען, אז ער קען נישט האלטן ס'מויל, נאָר מוז דעם מאן קראנק מאכן.

ווי נאָר דער מייסטער דערהערט ס'וואָרט „קראנק-מאכן", הייבט ער אָן צו הוסטן אויף אַ שרעקליכן אויפן. קוים, קוים, וואָס מ'קען אים מיט ביסלעך וואַסער און פאַרשידענע „קראָפּלעס" איינעמען.

אינדערעמעסן איז דער מייסטער טאַקע אַן „אַסטמאָוואַר" מענטש. דאָס איז א קליין באַשעפעניש, וואָס זעט אויס ווי ער וואָלט געהאַט אַ הויקער און ווי ער וואָלט אים נישט געהאַט. עפּעס א צעבראָכן מענטשל, אָן לונגען, אָן אַ הארץ, דער קאָפּ איז ביי אים אַ לענגליכער, מיט אַ שאַרפן שפּיץ פון

פאָרנט און ליגט אים האַרט אויף די אַקסלען. ס׳זעט אויס זוי ער וואָלט קיין האַלדז נישט געהאַט.

אויב ס׳קומט אַרויף אַ קליענט וועגן אַרבעט אָדער אַ סויכער וועגן די אויסגעאַרבעטע פאר אים סכוירעס, הייבט דער מייסטער אַלעמאָל אָן וועגן פאַרשידענע פאַך־זאַכן צו רעדן. ער פאַרדרייט אָבער שטענדיק מיט די רייד, אַז אים, אַלס „אַסטמאָוון" קראַנקן מענטשן, הייסט דער דאָקטער נאָר נעמען ספּעציעלע שוויץ־בעדער. און גלייך נעמט ער פרעגן דעם סויכער זיין מיינונג וועגן דעם. ער נעמט אים באַלד דערציילן אַלעמאָל די זעלבע מייסע. ער איז געגאַנגען „באָד־בלאַכאָן", ביי דער ווייסל־באָד און ווי נאָר ער איז אַרויפגעקומען אויף דער לעצטער באַנק אין שוויץ־באָד, און באַלד ווי דער גוי האָט אים גענומען שמייסן, איז ער גלייך געפאַלן אין כאַלאָשעס. פון דעמאָלט אָן, זאָגט ער, וויל ער אַסאַך מאָל גיין איבערכאַזערן די זעלבע קוראַציע, ס׳פעלט אים אָבער שטענדיק אויס מוט. אַלעמאָל קערט ער זיך אום אַהיים פון באָד מיט נישט קיין אויסגענוצט בעזעמל.

דערפאַר האָט־שוין דער מייסטער אַן „איישעס־כאיעל", אַן עמעסדיקע יידענע אַ קאָזאַק, — אַ ברייטקייט, אַ גרויסקייט, אַ פעטקייט, — צעגאָסן אין אַלע זייטן. קיינמאָל קען זי פאַר זיך נישט אויסגעפינען קיין פאַרטיקע פאָר שיך. אַלעמאָל מוז זי פאַר זיך גיין באַשטעלן שיך ביי אַ ספּעציאַליסט. זי דערציילט טאַקע שטענדיק פון אים גאַנצע פודן מיט מייסעס, און לעקט די פינגער פון איר שוסטער.

די מייסטראָווע מיט דער הילף פון מייסטער האָט געברענגט אויף דער וועלט אַכט שטיקלעך קינדערלעך.

דריי פון זיי האָבן גלייך די ליכטיקע שיין פון דער וועלט נישט אָנגעזען. די איבריקע פינף קינדערלעך זענען געראָטן אין דער מאַמען. ברייטע, הויכע, צעוואָקסענע און אָנגעפרעסענע. דאָס עלצטע צוועלף־יעריקע מיידל איז מיט אַ קאָפּ העכער פון טאַטן.

די מייכטראָווע מיט איין קינד שלאָפט אין איין בעט.

דער מייסטער שלאָפט אליין אין צווייטן בעט. דריי קינדער שלאָפן אויסגעבעט אויפן קויש. צום קויש איז צוגערוקט א באנק, — די זעלבע הייך פון קיישל. דאָס אָרט, וואו דער קויש שטייט, איז פונקט צוגעפאַסט צו דעם צוועק. פון איין זייט היט איין וואַנט די קינדערס קעפלעך זאָלן נישט אראָפפאַלן. פון דער אנדערער זייט היט זיי דערפון אָפּ די פענסטער-וואַנט, פון לינקס — דעם פאָטערס בעט.

דאָס יינגסטע קינד שלאָפט אין וויגעלע. מעכל, אויסגעבעט אויף דער ערד, אויף אַ שטרויענעם זאק, צוגעדעקט מיט אלטע צעריסענע קאָלדרעס, שלאָפט האַרט צוגערוקט צום וויגעלע אין מיטן שטוב. פאר מעכלען איז דאָס שלאָפן דאָ ביים מייסטער קימאַט דאָס זעלבע ווי ביי די עלטערן. אויך דאָרטן איז ער שטענדיק געשלאָפן אויסגעבעט אויף דער ערד. אָפּטמאַל אפילע צומאָל נישט אויף קיין שעניק, נאָר פּאָשעט אויף שטיקלעך אלטע פאַלטנס אויף דער ערד.

די לערע גייט מעכלען צו זער גוט. אין קורצן זאָגט אים דער מייסטער צו, אַז ער וועט צונעמען א פריש לערן-יינגל. מעכל וואָלט דעמאָלט געוואָרן אַ „פּאָדרעגטשנער". פאַקטיש וואָלט ער דאָס שוין לאַנג געקענט ווערן, ווייל מעכל ווייזט ארויס גאָר גרויסע פעאיקייטן אין פאַך. איינמאָל, אין אַ שאבעסדיקן טאָג, ווען קיינער איז נישטאָ אין שטוב, שטעלט ער אַליין צונויף אַ גאנצן דאַמען-בייטל. ער ווייזט אים אויפצומאָרגנס טאנכעמען. יענער גיט דאָס באלד א כאַפּ ווי אַ קאָשערע מעציע און לויפט אַראָפּ פון שטול מיט אַ געדילע צום מייסטער:

— נאַט אייך מייסטער! גיט נאָך א קוק מעכלס קינצשטיקן! ר'עט דאָך באלד ווערן אייער קאָנקורענט!

דער מייסטער רייסט שנעל אַרויס דאָס ווערק פון טאַנכעמס הענט און באטראכט עס אַ ווײַלע. אָן ווערטער לייגט ער עס אַריין צו זיך אין טאש. שפּעטער, ווען די אַרבעטער גיין אוועק, רופט ער זיך אַן צו מעכלען:

— אויב ד'ווילסט דאָ ביי מיר אַרבעטן, זאָלסטע זאָך

THE CHICAGO PUBLIC LIBRARY

מער מיט אזוילכענע שטיקעס נישט שפילן! בא מיר איז נישטאָ קא „כאַפּעלאָך"! אלץ דאַרף גיין מיט אַ סיידאָר!

דערווייל גיין אַדורך גאַנצע זעקס כאַדאָשעם. ס'דאַרף באַלד אָנקומען ראָש-אַשאָנע. דורך דער גאַנצער צייט איז מעכל קיין איינמאָל נישט געגאַנגען אַ קוק טון, וואָס ס'מאַכן זיינע עלטערן.

ערעוו-יאָנטעוו טראָגט מעכל אָפּ די שלעסער. אויפן הויף פון מעכאַניק כאַפּט אים אָן זיין ברידער איטשע, דער שאַכער, וואָס איז גראָד געווען אויפן זעלבן הויף און געשריגן דאָרט:

— „האַנדי", „האַנדי", „האַנדי".

איטשע לאָזט אים שוין מער נישט אָפּ. ער גייט מיט אים מיט צום מייסטער. ער לאָזט איבער די שלעסער אין וואַר-שטאַט און פון דאָרט פירט ער אָפּ דעם טאַכשעט אַהיים צום טאַטן.

אויפן וועג נעמט איטשע מיט אים איינטאַנען פאַרוואָס ער טוט אזוי אָן יעסירעם די עלטערן, פאַרוואָס ער פירט זיך נישט אויף ווי אַ מענטש. מעכל גיט אים נאָך איינמאָל אַ פרעג, צי ער וואָלט אויך וועלן ווערן א „לאַלע-קינד". איטשע מיידט אים דערויף אויס צו געבן אַן ענטפער. דאָס באַמערקט באַלד מעכל. ער וויל שוין מיט אים מער קיין וואָרט נישט רעדן. ער הערט זיך נאָר איין צו דעם, וואָס איטשע רעדט. די גאַנצע צייט שווייגט ער.

אין שטוב ביי מענדלען ווערט די עמעסע סומאַטאָכע. גלייך קומט מאטל ארויף צו פליען. זי לויפט צו צו מעכלען מיט גרויס אימפעט. ער האָט זיך שוין מיט די עלנבויגנס פאַרשטעלט פאַר אירע קלעפּ, אָבער אומגעריכט פאַלט זי אויף אים ארויף און הייבט אים אָן צו קושן און האַלדזן. באַלד צע-וויינט זי זיך הויך אויפן קאָל.

מענדל קוליק קומט אויך באַלד אָן. ער גייט אָבער נישט צו צו מעכלען. פונדערווייטנס באַטראַכט ער אים. מעכל פאַ-רוקט זיך אין א ווינקל און מיידט אויס דעם טאַטנס בליק. ס'ערשטע מאָל ווי מעכל לאָזט אראָפּ די אויגן און קען נישט

קוקן דעם טאַטן אין פּאָנעם. ער דערפילט באַלד, אַז די אויגן הייבן זיך אים אָן צו וואַסערן. מער פּרוּווט ער נישט אָנצו־שטעלן זיינע אויגן אויפן טאַטן, ווי ער האָט עס אַלעמאָל געטון.

ווידער — אַנטלאָפן אַ „יינג" בײַ אַ פורמאַן

גלייך נאָך יאָנטעוו, נישט רעדנדיק קיין וואָרט מיט מעכלען וועגן טאַכלעס, ברענגט די מאַמע אַ פּאָר נייע הויזן, אַ נײַ קאַפּאָטקעלע מיט אַ פּאָר נייע שטיוועלעך מיט גלאַנציקע כאָ־לעוועס פאַר מעכלען אַ מאַטאָנע.

מעכל קוקט אָן די מאַמע און באַטראַכט פון דערווייטנס די נייע זאַכן. ער וויל אָבער נישט צוגיין אָנמעסטן די זאַכן. וועגן אָנטון עס וויל ער גאָרנישט הערן. דער טאַטע קומט שפּע־טער צו גיין און ברענגט אויך א שיין קאַלעכיק מיצקעלע, א זיידנס, אַ גלאַנציקס. ער רעדט קיין וואָרט נישט, און לייגט עס אַוועק פאַר מעכלען אויפן טיש.

די גאַנצע צייט האָבן אַלע, אזוי ווי צונויף גערעדט זיך, זיי באַגיין זיך מיט מעכלען, אַזוי ווי מיט א צעבראָכן גלאָז, וואָס איז פאַראַכטן געוואָרן און מ׳האָט מוירע עס זאָל זיך אויפסניי נישט צעברעכן. מעכל פילט, אַז אַלע אין שטוב באַגיין זיך מיט אים ווי מיט אַ קראנקן. מ׳היט זיך פאַר אים מיט אַ הויך וואָרט ארויסצורעדן. ער פילט זיך דערפון זער שלעכט. די שטוב יוערט אים אינגאַנצן פרעמד. ער ווייסט נאָר, אַז אזוי ווייטער קען נישט פארבלייבן. ער ווארט אויף עפּעס, וואָס דאַרף קומען. ער ווייסט אָבער נישט, וואָס ווייטער צו טון. ער גייט ארום א גאַנצן טאָג אינגאַנצן אַ צעטראָגענער און טראַכט פרישע טאַכבילעס.

לאנג דאַרף ער נישט טראכטן. גלייך נאָך יאָנטעוו הייסט אים דער טאַטע אָנטון די נייע קליידער און מיטגיין מיט זיך.

מעכל וויל נישט אָנטון די נייע מאַלבישעם. באַלד גייט דער טאַטע צו אים צו און קוקט אים אָן גלייך אין די אויגן:

— מאַכל געדענק! זאָלסט מאָך נישט ארויסריפן אין קאַס! די מיניט טי זאָך שוין אָן!

אָן אַ וואָרט, בלויז שטאַרק פארבייסנדיק די ליפּן, נעמט זיך מעכל אָנטון. דער טאַטע נעמט אים אָן ביי דער האַנט און גייט מיט אים אַוועק אין דער זעלביצר יעשיווע, אויף דער ברייטער מילע גאַז.

א שאָ צייט שמועסט זיך דער טאטע אדורך מיטן מאַשגיעך. באלד נעמט זיך דער טאטע געזעגענען מיטן מעלאַמעד. אויף מעכלען וואַרפט ער צומאָל קיין בליק נישט. מעכל לאָזט נישט אַראָפּ די אויגן פון טאַטן ביז ער גייט אַרויס פון יעשיווע. מענדל קוליק גייט ארויס און שלעפּט נאָך זיך די אלטע שווערע פיס.

דריי שאָ נאָכן פאָטערס אוועקגיין, שטעלט זיך מעכל אויף. ער זאָגט דעם רעבן, אַז ער דאַרף „ארויסגיין”.

באלד לויפט ער אוועק צו דער שוועסטער, וואָס האָט אַ קליין וועש-פאבריקל אויף פאָקאָרנע גאס.

מעכל קומט א צעהיצטער צום שוואָגער אריע-לייב און נעמט אים מיט פארשידענע רייד געבן צו פארשטיין, אז ער זאָל אים צונעמען אין פאבריקל אַלס לערן-ייִנגל.

אריע-לייב קוקט אים עטלעכע מאָל אָן און פארשטייט נישט, וואָס מעכל וויל פון אים. מעכל זאָגט אים שוין איצט העכער, אז ער איז אנטלאָפן פון שטוב און וויל אַרבעטן אלס לערן-ייִנגל ביי אים דעם שוואָגער אליין. אריע-לייב גיט זיך א שטעל אויף און נעמט שיטן מיט ווערטער:

— אויב ד'טראָגסט דאָך נישט אָפּ באַלד פון דאַנעט, — לייג יאַך דאָך שוין דאָ אריבאָר איבערן בענקל! יאַך וועל דאָר באַלד לאַרנען סייכל! מיינסט עפשאָר ביסט באָם טאַטן אין וואַנגאָרטן!

נישט טראַכטנדיק קיין איין מינוט לויפט שוין אַריע-לייב מעקאַיעם-פסאַק זיין. מעכל נעמט די פיס אונטערן אָרעם און מאַכט וואַיוורעך מוישע.

אַרויסגעלאָפן פון אַריע-לייבן, בלייבט מעכל שטיין אויפן הויף. ער ווייסט נישט, וואָס ווייטער צו טון. ר'האָט אַזוי געגלויבט, קימאַט זיכער געווען, אַז אַריע-לייב וועט אים צונעמען צו דער אַרבעט, אַז ר'האָט זיך שוין פריער פאָרגעשטעלט ווי דאָס וועט אויסזען. ער וועט זיך אויסלערנען שלייפן לעכלעך אויף דער מאַשין, צושניידן אַזעלכע נייע גאַטקעס און העמדער מיט מערעזשקעס, אַזעלכע שיינע, וואָס זענען דאָרטן פאַראַן. ביי אים אין געדאַנק האָבן זיך שוין געוועבט גאַנצע בילדער, ווי ער, מעכל, וועט אַרויסרייסן פון אַריע-לייבס האַנט די שער, ער וועט זיי ווייזן, ווי שיין ר'וואָלט צעשניטן די נייע שטיקלעך לייוונט... ער וואָלט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַזוי לאַנג טראַכטן, ווי אַריע טוט עס ביי יעדן שניט. ביי אים וואָלט עס געגאַנגען, ווי ביים שניידן פּוטער, איינס און צוויי. אַלע וואָלטן געקראָכן פון דער הויט און נאָר געוואָלט זיך פרעגן ביי מעכלען, ווי אַזוי ער טוט עס. דעמאָלט וואָלט זיי מעכל דאָס אַלץ געוויזן מיט אַ מינע פון אַ גוטן מענטש.

ביי אַריע-לייבן געפעלט מעכלען ביכלאַל אַלץ. קוידעם-קאָל האָט ער ליב צוצוקוקן זיך, אַנטייל צונעמען אין אַלע אַרבעטן, וואו ס'זענען באַשעפטיקט אַ סאַך מענטשן. ווי פריילעך ס'איז דעמאָלט אויפן האַרצן, ווי ליב און גוט אויף דער נעשאָמע. ס'גאַנצע לעבן וואָלט ער אָפּגעגעבן, ר'זאָל זיך איצט קענען אוועקזעצן צוזאַמען מיט אַלע מיידלעך אין וואַרשטאַט, שניידן, פאַרגלייכן, נייען אויף דער מאַשין, אָדער כאָטש אַרויסציען די צוויטן פון די וועש. ס'אַרע מעכאַיע דאָס וואָלט געווען. דאָס איז אָבער פאַר אים, ווי ס'טעלערל פון הימל צו פאַרלאַנגען. מעכל ברעכט זיך דעם קאָפּ און קען גאָרנישט אויסקלערן. צו אַריען פילט ער איצט אַ שטאַרקע סינע.

די נאַכט פאַלט שוין צו, ס'איז שוין באַלד ניין אַ זייגער אָוונט און מעכל זיצט נאָך אַלץ אויף די שטיינער אין זעלבן הויף און קוקט אויפן דערבייאיקן שמיטעניק, פון דאָרטן גראַבלט עפּעס אַרויס די „שמיטשאַרקע", וואָס איז אַרומגעוויקלט אין צעריסענע לאַכעס. מעכל באַטראַכט איר, ווי זי

שלעפּט אַרויס אַלטע שטיקלעך פּאַפּיר, שמאַטעס, ביינער און האַקט דאָס אַלץ אַריין מיטן לאַנג שטעקן מיטן טשוואָק אויפן עק, אין זאַק אריין. זיינע אויגן קוקן איר נאָך, ווי זי גייט אַרויס פון טויער, ווי נאָר זי פאַרשווינדט, פאָרט אריין אין זעלבן הויף אַ גרויסע פלאַטפאָרמע, איינגעשפּאַנט אין אַן אַלט פערד פון אַ גראָ-העלער קאָליר.

דער פורמאַן שטייט אויף דער פיר, „צאָוועט" מיטן פערדל און שרייט הויך: — „וויאָ, וויאָ, וויאָ!".

די פיר פאָרט פאַרביי דעם שמיטעניק און די שטיינער ווי מעכל זיצט, דער פורמאַן גיט צו מעכלען אַ ווינק, וואָס דאַרף הייסן: — „קום נאָר אַהער, העלף מיר צו". מעכל לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן, און הייבט זיך אויף פלינק. באַלד שטייט ער מיט אַן עמער, „פלומפּעוועט" אַרויס אַ „קיבל" וואַסער און דערלאַנגט דאָס פערד אָנטרינקען זיך.

כאַיעם גוילאָם, דער פורמאַן, קלאַפּט מעכלען איבער דער פלייצע און מרוקעט צו אַים:

— סט' זיין אַ לאַטי, אָ, ווי די טויגסט זאָך צו פערד? ט'געזען אַ יינג!

מעכל איז צופרידן, וואָס ס'האָט זיך כאָטש געפינען עמיצער, וואָס לויבט אים. ער פאָרעט זיך אַרום פערד, אַרום דער פיר און גלייכט אַלץ אויס, וואָס ס'געפינט זיך אויפן וואָגן. ער בלייבט שוין זיצן אין דרויסן היטן דאָס פערד, ביז וואַנען דער פורמאַן וועט אָפּעסן קאָלאַציע און אַרויסגיין צוריקפאָרן אין שטאָט.

מעכל זיצט, האַלב-ציטערנדיק פון אויפרעגונג. ער וואַרט אויפן אַרויסקומען פון גוילאָם, וואָס באַלמוטשעט עפּעס אַזוי לאַנג ביי דער אַכילע.

ענדליך קומט ער אַרויס. ער באַטראַכט מעכלען, ווי ער האַלט די בייטש און די לייטשעס און גיט אים אַ פרעג:

— ס'ט מיטפאָרן?

מעכל קען קיין וואָרט פון אויפרעגונג נישט אַרויסברענגען, נאָר קוים צושאָקלנדיק מיטן קאָפּ, גיט ער אים צו פאַרשטיין,

אַז יאָ, אַדעראַבע..

ס׳ערשטע מאָל פאָרט מעכל מיט אַ פיר און האַלט די לייטשעס אין דער האַנט, דער גוילם גיט אים באַלד אויפן אָרט די ערשטע לעקציע.

— אַז ד׳עסט וועלן ר׳זאָל גיין רעכטס, ס׳טע אַ צי געבן דאָ אָן, מיט דער רעכטער האַנט. אַז מ׳דאַרף לינקס, ציסטע אַ מיט דער האַנט — און קלאַפּט מיט דער פערדישער לאַפּע אויף מעכלס ציטערנדיקע הענטלעך.

די יאַזדע, וואָס דער גוילאָם מאַכט דעם זעלבן אָוונט, דויערט ביז האַלב איינס ביינאַכט. פון די נאַלעווקעס פון די מעבלירטע צימערן, האַלט דער גוילאָם אין איין שלעפּן קאַסטנס און קעסטלעך. קליינע, גרויסע און נאָך גרעסערע. מעכל נעמט אויך פּראָבירן שלעפּן אויף זיך קלענערע קעסטלעך, וואָס זעען אויס צו זיין זער גרינגע אָבער גלייך מוז ער זיי אָפּלאָזן. אַלע קעסטלעך זענען געפּאַקט מיט שווערע אייזערנע שרויפן און פאַרשידענע מעטאַלענע מאַכשירים.

דאָס אַלץ ווערט אַוועק עקספּעדירט צו דער טערעספּאָלער באַן קיין פּראַגע. צוריקפאָרנדיק אַ היים, ווערט מעכל איינגע-שלאָפן אויף דער פיר. דער גוילם דעקט איב צו מיט דער אַלטער וואַטאָווער קאַפּאָטע, וואָס ליגט שטענדיק אונטער זיין געזעס.

ווען מעכל כאַפּט זיך אויף, ווייסט ער נישט וואו ער געפינט זיך. אַרום אים איז אינגאַנצן פינסטער. ער שפּירט אַ רייעך פון פערדישער אומרייניקייט, היי און שטרוי.

מעכל פּראָבירט זיך אויפצושטעלן, אָבער גלייך פאַלט ער אים צוליב די שמאַטעס, מיט וועלכע ר׳איז אינגאַנצן אַרומ-געוויקלט. איצט זעצט ער זיך אַויף און באַטראַכט מיט פאַר-מרוזשטע אויגן, שטאַרק אָנגעשטרענגט, אַדורכצוטאַפּן די פינס-טערניש. פון צווישן די צונויפגעקלאַפּטע ברעטער פון שטאַל, שיינען אַדורך ערטערווייז, שטיקלעך שמאָלע פאַסן זון, וואָס וויקלען זיך צונויף. ס׳מאַכט דעם איינדרוק, ווי די שטראַלן וואָלטן אַדורכגעפאַלן צווישן ביימער.

מעכל לייגט זיך צוריק אויף די שמאטעס, אבער אנט־שלאפן ווערן קען ער שוין נישט.

ארום זעקס א זייגער אינדערפרי קומט אן כאיעם גוילאם. נישט רעדנדיק קיין איין וואָרט, גייט ער צו צום פערד, פאַ־יעט אים אָן, בערשטלט אים אויס און דערנאָך ערשט גייט ער צו צו מעכלען, שלעפט ארויס א שטיק שוואַרץ ברויט פון קעשענע און דערלאַנגט עס אים אָן א וואָרט.

מעכל לייגט אריין ס׳ברויט צו זיך אין קעשענע און נעמט זיך אַרומטאַנצן אַרום כאַיעם גוילאָם, צוהעלפן אים, דער־לאַנגען דעם כאָמאָנט, די צוים, העלפן אים איינשפאַנען דאָס פערד, צונויפשלעפן די זעק און אַרויפלייגן דאָס קעסטל — „ס׳געזעס" — אויף דער פלאַטפאָרמע ארויף. אַלץ ווערט שנעל פאַרטיק. אָט זיצט שוין מעכל צוזאַמען מיט כאַיעם גוילאָם אויפן געזעס.ביידע פאָרן אַרויס פון דער שטאַל, וואָס געפינט זיך אויף סלאָדאָוויעץ, אונטער וואַרשע, צו דער נאַדווישלאַנער סטאַציע.

האַרט ביים ציטאַדעל איז דער „פאָכטאָי" פון אַלע פלאַטפאָרמען. אין א לאַנגער ריי שטיין שוין אויסגעשטעלט עט־לעכע צענדליק פירן און יוארטן אויף יאַזדעס.

די „יאַזדעס" הייבן זיך אָן פון אַרום זיבן אינדערפרי. גלייך ווי די „טאָווארָאָווע" באַן קומט נאָר אָן ווערט באלד א געפאָרעריי צו צו דער סטאַציע. די פעקלעך, קאַסטנס, קוישן און זעק ווערן געטראָגן און געשלעפט דורך אַלץ און אַלע־מען, אויף כוחן, אויף „בריטשקעס" און דראָזשקעס.

ווען כאַיעמס פיר ווערט שוין פיל, אז ס׳גייט שוין מער נישט ארויף, שטעלט ער זיך אַוועק אין א זייט און הייסט מעכלען ארויפקריכן אויפן העכסטן אָרט אויף דער פיר און גוט „רויע־זיין" אויף אלע זייטן. דאָס קען מעכל גוט פון דער וואָלוווקע. ער ווייסט שוין איינמאָל גוט ווי מ׳דאַרף אכטונג געבן, אז מ׳זאָל „אים אַליין מיט דער סכוירע נישט צוגאַנווענען", ווי כאיעם גוילם זאָגט.

נאָך זעקס וואָכן אַרבעט לערנט זיך מעכל אַליין אויס

איינצושפאַנען ס'פערד און אויסצושפּאַנען. ער פּאָרט שוין טאָקע אַליין ארויס פון דער שטאַל זעקס אַזייגער אינדערפרי. צוקומענדיק צום „פּאָסטאָי" וואַרט אויף אים כאַיעם גוילאָם מיט אַ טעפּל געקעכטס אָדער מיט אַ שטיק טרוקן ראַזאָווע ברויט מיט וורשט.

כאַיעם גוילאָם וויל מעכלען אַריינציען אין „נישט קאָשערע" געשעפטן. ער לערנט אים אויס, אז ביים אָפּלאַדעווען קליינע קעסטלעך זאָל מעכל „אַוועקדרייען" אַ קליין קעסטל ערגעץ־אין א ווינקל, און דערנאָך, ווען אַלץ וועט זיך ענדיקן, זאָל ער עס כאַיעמען צוריק ברענגען.

מעכל הערט זיך צו צו דעם, וואָס כאַיעם רעדט צו אים. אָבער ער קען עפּעס בעשים אויפן ביי זיך נישט פועלן דאָס צו טון. כאַיעם בייזערט זיך אויף אים און לאַכט אים אויס. נאָר וויפל מאָל מעכל שאַרט שוין שטיל אוועק אין א ווינקל אין א זייט א קליין קעסטל, קומט ער עס אָבער קיינמאָל שוין מער נישט אָפּנעמען.

אַזוי אַרבעט מעכל אָפּ ביים גוילאָם גאנצע פיר כאַדאָשעם. ער שלעפּט שווערע פּעק, קאַסטנס און זעק, קיין פּריטע פון כאַיעמען קריגט ער קיינמאָל נישט. ער האָט נאָר געציילטע גראָשנס, וואָס די באַלעבאַטעם גיבן אים ביר־געלד.

דאָס וואָלט זיך אזוי לאַנג געצויגן. מעכל ווערט אָבער קראַנק זיצנדיק אַ גאַנצן טאָג אין א רעגן אויף דער פיר. ער קריגט באַלד שטאַרקע היץ. דעמאָלט טאַפּט אים כאַיעם גוילאָם גוט אַרום דעם דייפּעק, דעם שטערן און קוקט אים אַריין אין מויל, אויף דער צונג. ערנסט גיט ער אים באַלד אַ זאָג :

– מאַכל וואָלסט עפשער א גיי־געטון צו ד'מאמען! הא?

מעכל פאַרשטייט האַלב, וואָס כאַיעם רעדט צו אים. ער ענטפערט אים גאָרנישט. ער שאָקלט נאָר שווער מיטן קאָפּ און פּרוווט זיך אויפשטעלן. דער קאָפּ פאַלט אים אָבער צוריק אויפן געלעגער פון שמאַטעס אויף דער פיר.

דעמאָלט בלייבט נישט קיין אַנדערע ברייַרע. כאַיעם גוי־

ואָס מוז צופאָרן מיט אים אויף סטאַוועקע, ארויפשיקן א ייִנגל און אראָפרופן מאַטלען.

באַלד לויפט מאַטל-שיינדל אַראָפ מיט אירע צוויי טעכטער צום טייערן טאַכשעט. זי שלעפט אים קוים אונטער די אָרעמס אַרויף אין שטוב. זי טוט אים גלייך אויס, ווי די מאַמע האָט אים באַשאַפן, און לייגט אים צום טאַטן אין בעט אַריין.

מעכל קרענקט אָפ דריי וואָכן אויף א שווער פאַרקילונג און ווערט ווידער געזונט.

—א „מענטש" – סרול שענקער -צילקע-„טשאַנעגענש" „מאַלקע-מאַלפּע"

דאָסמאָל זעצט זיך דער טאַטע אַוועק צו מעכלען אויפן בעט און נעמט מיט אים איינטאַנען:

— דאַכט זאָך ביסט א קלוגאָר ייִנג! פאַרשטייסט אַ סאַך און טיסט אָפ אַזאָלכענע זאַכן, – וואָס מ׳וואָלט דאָך בעדאָרפן דע-פאַר שלאָגן אויף הונדערט קאַפּאָרעס! אָדער פּאָשעט ביכט מעשיגע! קאַ זוילעל-ועסויווע ביסטע נישט, טאָ זאָגזשע מאָר פּאַר וואָס די ווילסט נישט גיין אין יעשיווע? דאָרט וועט דאָך דאָר גיט זאַן! עסט זאָך אָסלאַרנען זאַן אַ לאַט! עפשאָר וועסטי מיט גאָטס-הילף ווערן א ראָוו, אַן אילע אָדער אַ גאָען! אָסט דאָך א גיטן קאָפ ?...

מעכל נעמט זיך אָן מיט קוראַזש. ער רעדט ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער:

— טאַטעליו! יאַך בעט דאָך! יאַך וויל נישט מער לאַרנען! יאַך וויל נאָר אַרבעטן!

אַזוי דויערן קעסיידער די געשפּרעכן פון מעכלען מיטן טאַטן, ביז מענדלען געלונגט ווידער אויסצוווירקן, אַז ער וועט מעכלען אַוועקגעבן פאַר א מעשאָרעסל אויף דער וואָלווקע אין א טאַנדייט געוועלב. דערפאַר דארף אים מעכל צוזאָגן, אַז אין די

אָוונט-שאָען און שאבעס וועט ער מיטגיין אין כעוורע-שאַס, אָדער אין א ישיווע לערגען זיך.

סרול שענקער איז היינט בארימט אויף דער וואָלווקע. א מאָל איז ער געווען א פּאָשעט סויכערל. ער האָט געהאַט נישט מער ווי אַ געוועלב מיט טאנדייט סכוירעס. גאַנצע וואָכן האָט ער געוואַרט אויף די זונטיק-טעג אָדער אויף די ספּעציעלע יערידעם. דאָרט איז ער געפאָרן מיט גאַנצע זעק סכוירעס, אַרומגעביגדענע אין גראָבע שטריק און לייוונט.

אַ גאַנצע וואָך קומט אין זיין געוועלב קיינער נישט אַריין. דאָס געוועלב געפינט זיך פּונקט אויף דער צווייטער זייט, אַנטקעגן דעם הויפּט-איינגאנגס-טויער פון דער וואָלווקע. זעלטן ווען א קוינע קומט דאָרט אַהין. אויב עס קומט שוין ווער דאָרט יאָ צו, איז ער שוין נישט קיין גוטער קוינע.

די פּאָדערשטע געוועלבער מיט נייע טאַנדייט און שיך-סכוירעס זענען באַזעצט דורך די רייכערע, באַל-גופישע סאָכרעם. זיי קלייבן זיך אויס פאַר לאפּווקע די בעסטע געוועלבער ביי די יאָר-יערליכע ליצטאַציעס אין מאגיסטראט. כאַיעם טשאָרדינעק, איטשע-מאיער גאלאס, סימכע מייסעם-ציער, מיכאָעל ראָנטשקע, קריגן זיך און שלאָגן זיך ארום טאָג און נאַכט, נאָר אז עס קומט צום אויסקויפן די געוועלבער, מאַכן זיי צווישן זיך יאַד-אכאַס און לאָזן נישט צו, אז ווער פון די אַנדערע, וואָס געפינען זיך אויף דער צווייטער זייט, זאָל אויסקויפן זייערס א געוועלב.

יעדער סויכער, וואָס זיין געוועלב געפינט זיך אויף דעם אנדערער זייט, דאָס הייסט דאָרט, וואו קיין קוינעם קומען נישט צו, נעמט אויף זיך עטלעכע טיץ הויזן און לייגט זיי ארויף אויפן אקסל, אויף דער האנט, נעמט א צוויי-דריי מארינאַרקעס און שפּאצירט ארום אויף דער וואָלווקע. זיי כאפּן אויף קוינעם און שלעפּן זיי צו זיך אין געוועלב אריין. אַויב ס'געלונגט דאָס וועמען, זענען זיי שוין מער ווי זיכער, אז דער קוינע וועט שוין פון דאָרט נישט ארויסגיין, ר'זאָל עפּעס נישט קויפן. דערויף זענען גרויסע מאכערס דאווקע

די, וואָס האָבן געוועלבער אויף דער נישט צוטריטלעכער זייט, ארום און ארום איז אָבער פון אלעם נישטאָ אַ לעבן צו מאכן דערפאַר נוצן די דאָזיקע הענדלער אלעמאָל אויס אַלע מעגלעכקייטן, קעדיי צו געפונען מערק-פלעצער, וואו זיי זאָלן קענען זייערע סכוירעס פארקויפן.

אזא מארק איז דער וואַרשעווער קערצעלאַק, וואָס האָט אַלע זונטיק אַ יאריד. דעמאָלט קומען זעלנער, פויערים און אַרבעטער-קוינעס, וואָס זוכן ביליקע און גוטע סכוירעס. זיי קויפן אָבער אַלץ, וואָס דעם סוחער געלונגט זיי אַריינצושטופן.

שאבעס פארנאכט, קומט מעכל אריין צו סרולן אין געוועלב. דער באלעבאָס האָט אים געהייסן ארויסקומען נאָך פאַר אוודאָלע. דאָס איז מעכלען געווען קאָשע, ווייל מ׳האלט דאָך סרולן פאר א פרומען ייד. מעכל האָט זיך דעריבער געוואונדערט, אָבער געקומען איז ער.

ס׳האָט זיך באלד ארויסגעוויזן, אַז סרול איז נישט אליין. אַסאַך הענדלער, וואָס האָבן געזאָלט פאָרן אויפן קערצעלאק, זענען שוין דאָ געווען. אלע דרייען זיך ארום אויפן ליידיקן מאַרק, רעדן און שמועסן צווישן זיך.

פלוצים גיט זיך כאיעם טשאָרדינעק אַ ריס פון אָרט און נעמט הייבן דעם קאָפּ צום הימל. ער לייגט צו א האַנט צום רעכטן אויג און פאַרזשמורעט עס עטוואָס:

— דאַכט זיך שוין דאָ שטערן אויפן הימל...

סרול שענקער קוקט נישט אויפן הימל און גיט אַ ווינק צו סימכע מייסעם-ציער מיט א געניייווישן בליק, וואָס זאָגט: „וואָס זאָגסטע נישט צום נייעם קאָפּערניק״?...

סימכע מאַכט זיך אָבער נישט באמערקן סרולס בליק, נאָר פאַרשאַרצט מיט דער האַנט עטוואָס זיין אויסגעפליקט בערדל און נעמט אויך קוקן אויפן הימל:

— שאַט, ר׳איז דאָך גערעכט... אָי גיט א קיק! זאָמאָ אַזוי איבער אַ יאָר דאַלעבן... גאַנצע שטערנס, ווי די ביקעס!... יאָך זאָל מאָר אַזוי געזינט זיין!...

עס פליט אים באלד אריין אין די רייד איטשע־מאַיער גאַלאַס, אַ הויכער ייד, אַן עטוואָס איינגעהויקערטער, מיט אַן אָפּגעגאָלטער גאָמבע, ער פינטלט שטארק מיט די אויגן און באשטעטיקט:

— זאָ מאָ אַלע אזוי געזינט זאן, מאַנע נעמאָנעס, כ׳זאָג קאָ ליגן נישט.ס׳זענען דאָ שטערן, ווי גאַנצע בעבעכעס... אַלע זאָמאָ אזוי...קימט יידן פאקן...

קיינער ווארט שוין נישט מער. עס ווערט א געיעג און געלויף פון די געוועלבער, אַזוי ווי אין א זונטיק טאָג, ווען די פאָליציאנטן באווייזן זיך אויפן מארק און אלע כאפן זיך צו פארשליסן די ביידלעך מ׳זאָל נישט כאפן א שטראָף. דאָס געקלאפעריי פון די שלעסער, טירן און לאָדנס פארטומלען דעם קאָפּ.

סרול שענקער ציט אַרויס אַ גרויסע לייוונטענע פלאכטע, לייגט זי אויס פאַרן געוועלב, אויף דער גאָלער ערד און נעמט אַליין שלעפן גרויסע פעקלעך מיט מארינארקעס און הויזן.

צילקע „טשארנעגענש״ — סרולס ווייב, א הויכע, אויסגעדארטע מיט אַן איינגעפאַלן, מאָגער פאָנעם און גרויסע שוואַרצע אויגן מיט שווארצע האָר, האלט אין איין אונטערבורטשען צפעס אומפארשטעדליכע ווערטער און לייגט די הויזנס אויף מעכלס אקסלען.

מעכל טראָגט קעסיידער די הויזן און לייגט אַלץ אוועק אויף אַ באַנק לעבן סרולן. צילקע נעמט איינלייגן די הויזן, איין פאָר אין דער לענג און די צווייטע אין דער ברייט. דאָס טוט זי דערפאַר, ווייל די הויזן קענען נישט ליגן אין פעקל אזוי ווי אויף דער פאַך. זיי וואָלטן זיך שטאַרק צעקנייטשט. באזונדערס גייט זיי אויך אין דעם, עס זאָל אסאַך אַריין אין זאק. סרול האָט שוין באלד פארענדיקט דאָס פאַקן, ער גיט אַ ווינק צו מעכלען און הייסט אים דערנאָך ארויפקלעטערן אויפן פעקל. מעכל לאָזט זיך ארויפקלעטערן אויפן אָנגעלייגטן פול מיט סכוירע זאק, און נעמט אראָפקוועטשן די סכוירע. עס העלפט נישט. מעכל האָט צו ווייניק וואָג ס׳זאָל האָבן א מאָמאָ-

שעס זיין אראפשטופן. דעמאָלט גיט אים סרול א שטאָרך אין דער זייט און קריכט אליין ארויף אויפן פעקל. ביי אים איז גאָר עפעס אַנדערש, דער זאק איז שטאַרקער איינגעזינקען געוואָרן אונטער זיינע פיס.

איצט נעמט סרול גראָבע שטריק און בינדט צו דאָס פעקל. דער זאק איז שיין פארפאקט, ער זעט אויס ווי א פיר-קאַנטיק קעסטל, גלייך ווי א ווירע. אַלע פעקלעך פון די איבעריקע סאָכרעס זענען אויך אזוי געפאקט.

עס איז שוין איצט שפעט נאַכט — באלד איינס א זייגער — מעכלען פאלן שוין צו די לעפלען — טויט-שלעפעריק. סרולן פאלט שוין אויך פון די הענט, — ס'איז נאָך אָבער דאָ איין פעקל צו פארפאקן. מעכל שלעפט און צילקע האַלט אין איין בורטשען. באלד ווי סרול דערהערט איר בורטשען נעמט ער רעדן:

— ני שוין, ני, !... ריר זיך שוין אמאָל... ס'טאָגט דאָך שוין!...

מעכל רירט זיך, אָבער ס'גייט ביי אים צו אביסל פאַרשלאָפן. ער איז נאָכנישט צוגעוווינט צו אזא נאַכט-ארבעט.

ענדליך איז דאָס פאקן פאַרענדיקט. מעכל זעצט זיך אַוועק אין געוועלב אין א ווינקל און באוויזט נישט אָגצולענען דעם קאָפ אין דער וואנט, ווי ער הייבט אָן צו כראפען פון שלאָף.

א שטאָרך אין דער זייט וועקט אים אָבער אויף. אין אָנפאנג ווייסט ער נישט ווי ער איז. זיינע אויגן, וואָס האָבן געקוקט צום ערשטן אין געוועלב אריין, האָבן אָנגעטראָפן אויף א שטארקע פינסטערניש. א צווייטער שטאָרך האָט אים באלד געצווינגען אויסצודרייען דעם קאָפ אין דער אַנדערער זייט. אינדרויסן טאָגט שוין... מעכל טשוכניעט זיך אויס די אויגן. ס'ערשטע מאָל זעט ער ווי ס'טאָגט. דער הימל איז בלאָ גרין, עס הענגט איבער די דעכער, באשמירטע מיט סמאָלע, אַ בלאָליכער נעפל.פון ערגעץ ווייט, פון דער זייט פון דער ווייסל, וויל זיך אדורכשטופן א וועג די זון.

קיין שטיקל ליכט זעט ער נאָכנישט אָן, אָבער דער נעפּל איז דאָרט עטוואָס העלער. עס ווייזט זיך אים אויס, ווי דורכן נעפּל וואָלט עמעצער אָנגעשטעלט אַ גאָר גרויסע שיין, צו באַלייכטן אַביסל די ווייסל. די העלקייט פון אָרט, וואו די זון האָט זיך באַוויזן, נעמט זיך וואָס אַמאָל אויסברייטערן און אָט דערזעט מעכל אַ קליין שטיקל פייער מיט פארשידענע קאָלירן. אַ סאַך מאָל האָט מעכל געפּרוווט דורך אַ שטיקל גלאָז פון אַ טונקעלער פלאַש קוקן אויף דער זון. דעמאָלט האָט ער אויך געזען אַזעלכע פאַרשידנקאָלירטע שטיקלעך זון. אָן אַ שטיקל גלאָז האָט זיין אויג נישט געקענט גאָרנישט זען. איצט אָבער קוקט ער נישט פאַרמרוזשענדיק די אויגן און זעט די זעלבע קאָלירן, ווי בעאייס ער האָט געקוקט דורכן פלאַש גלאָז.

לאַנג אַזוי קוקן קען ער נישט, עס ווערט אים פּלוצים שטאַרק קאַלט. אַביסל איז עס פון דעם, וואָס אַרום אים איז אַלץ פייכט און נאַס. אויף די דעכער ליגט דער נאַסער טוי, וואָס בלעזלט זיך אין דינענקע, שמאָלע ריטשקעלעך, וואָס שלענגלען זיך לענג אויס ביז צו דער רינע. עס איז אים אָבער קאַלט צוליב דעם, ווייל ער איז נישט אויסגעשלאָפן. די פיס זענען האַלב פאַר-דרימלט און שלעפן זיך אים נאָך.

צילקע „טשאַרנאַגענש" האָט נאָכנישט אויפגעהערט צו מרוטשען. ביי יעדן מרוק אירן, לויפט סרולן אַדורך אַ ציטער. ער הייבט דעמאָלט אויף דעם קאָפּ און נעמט שיטן מיט ווער-טער אויף מעכלען:

— געַנאָר אַקיק ווי דאָס רירט זאָך? אָסט געוואָלט „פופן", אָסטע געזאָלט בלאַבן אין שטיב! יאַך דאַרף נישט קאַ-אימזיסטע פרעסער!... נישט קראַנק און געשוואָלן געוועזן צו „כאָלען" שאַבעס בייטאָג!... אַצינד דאַרף מען פאַקן, דאַרף מען!... עלע, נישט, קענכטע זאָך שוין אָפּטראָגן!...

מעכל רעדט נישט אַ וואָרט און טוט אַלץ, וואָס צילקע הייסט אים מיט איר מרוקעוואַטער שטימע.

עס דערהערט זיך באַלד פונדערווייטנס דאָס פאָרן פון רעדער. פון אַלע זייטן לאָזן זיך די סאָכרעם לויפן, יעדער וויל,

אַז בײַ אים זאָל דער פֿורמאַן דער ערשטער צונעמען זײַן פּעקל. צילקע לאָזט אַלעמען איבער און לױפֿט צו די פֿורן.

פֿון דער אַנדערער זײַט הערט זיך דעם פֿורמאַנס גראָבער באַם, װאָס שרײַט:

— דאָס איז זעקס פּיד, שלומע זאַלמען! װעמען גײסטע אָפּנאַרן! זאָ׳מאָר בײדע זױ לעבן — דאָס איז אַ פּעקל פֿון אַכט פּיד. קײן אײן לױט נישט װײניקער! יאַך זאָל אַזױ לעבן! עסט מאָך אָפּנאַרן, עסטע קריגן אַ „גרעבץ” אין דער מאָרדע, אַז די װעסט זוכן דעם פּיפּיק אין בלױנע! א רוך אין דאַן טאַטנס פּישקע אַראַן! — פֿון אײן בײדל צו דער צװײטער, פֿון אײן געװעלב צום אַנדערן, פֿאָרן די פֿורן און בײַ יעדן פּעקל ױדלט דער פֿורמאַן און לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן פֿון די סאָכרעם, װאָס פּאַקן גאַנײװישע, שװערע פּעק און װילן אים אײנרעדן, אַז דאָס „זעקל” האָט נישט מער װי זעקס פּוד. פֿאַר אַזאַ פּעקל פֿון זעקס פּוד נעמט דער פֿורמאַן דרײַ גילדן מיט צען גראָשן — אַ האַלבן רובל. אויב ס׳האָט עפּעס מער, גײט שױן צו אַ גאַנצער גילדן. דערפֿאַר לאָזט ער זיך אַזױ נישט אַרײַנפֿרײַערן, דער פֿורמאַן. דאָס געלונגט אים אָבער נישט. װאָלװוקער הענדלער קענען דעם טײװל אַלײן פֿאַרקױפֿן אין זאַק אַרײַן.

אויפֿן קערצעלאַק

װען די פּעק זענען שױן פֿאַרלאַדעװעט אויף דער פֿור אַן ערשטער שטאָק, נעמען איצט די הענדלערקעס און די מעשאָרסעמלעך אַרויפֿקריכן אויף דער סכוירע. די מענער לאָזט מען נישט אַרויף. די װײַבער שלעפּן נאָך מיט זיך אויף דער פֿור גאַנצע קײשלעך מיט עסנװאַרג און אַפּילע סכוירעס אויך. זאָל אָבער באַמערקן דער פֿורמאַן, אַז אַ הענדלערקע שלעפּט מיט זיך אַ פּעקל סכוירע אַנשטאַט עסנװאַרג, דעמאָלט טוט זיך ריסעס. דערפֿאַר האַלטן אַלע סאָכרים אין די הענט אײַנגעפּאַק-

טע קיישלעך אָדער זעקלעך מיט סכוירע און ווי נאָר די פור רירט זיך פון אָרט, נעמט אַלץ פליען פון אַלע זייטן גלייך אויף דער פור אַרויף. דער פורמאַן איז פאַרנומען מיט די פערד, וואָס קענען נישט מיט אַמאָל רירן פון אָרט מיט דער שווערער מאַסע און זעט נישט, וואָס הינטער אים טוט זיך.

באַלד ביים אָנקומען אויפן קערצעלאַק, ווערט אַ געקריגעריי צווישן די הענדלער. אויף יעדן איינעם וואַרט שוין דאָ פון פריער אַ „היטער" און אַ „לייזער", זיי האָבן שוין דאָ „באַשטעלט" אַן אָרט און וואַרטן אויף זייערע הענדלער. עס העלפן אָפטמאָל נישט די „באַשטעלונגען", וואָס די „היטערס" און „לייזערס" האָבן געמאַכט ביים... ווינט, ווייל יעדער שטאַרקערער סוחר פאַרנעמט פּאָשעט אַ גוט אָרט — אין מיטן פלאַץ — און וואַרפט דאָרט אַוועק זיין זאַק. דאָ ווילן שוין די סאָחרים נישט קוקן אויף די פורמאַנעס, זיי זאָלן צוטראָגן די ריזיקע פעק. יעדער איינער רייסט אַרויס זיין פעקל פון צווישן פיל אַנדערע און לאָזט זיך מיט אים אויף זיין אָרט. ווער ס'קען גיכער און שנעלער לויפן מיט זיין זאַק, דער כאַפּט אויס ס'ערשטע און ס'בעסטע אָרט. ס'העלפן נישט שפּעטער די געוואַלדן און די געשרייען פון די סאָחרים, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט די „היטערס" און „באַשטעלט" דורך זיי אַן אָרט. דער שטאַרקער לאָזט זיך נישט אָפּשטויסן און טרעט נישט אָפּ.

דאָס אויספּאַקן די סכוירעס גייט שוין איינס און צוויי. עס באַווייזן זיך באַלד קוינעס, וואָס נעמען קוקן, באַטאַפּן און באַשמעקן סכוירעס.

איצט נעמען זיך די „לייזערס" צו דער אַרבעט. צום ערשטן קוינע, א ריזיקן פויער מיט א רויט פּאָנעם און לאַנגע גראָבע הענט, שטעלט זיך צו אַ „לייזער". ער מאַכט זיך, ווי ער באַטראַכט מיט שטאַרקער נייגעריקייט די הויזן, וואָס דער פויער האַלט, און נעמט באַלד רעדן צום סוחר, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסדינגען די פּאָר הויזן:

— ני, געבן צוועלף גילדן? מער אָבאָך נישט! נעם! ס'וועט קיינער קא גראָשן מער נישט געבן! אַ סאָף!

כאָב קא צאַט נישט !

דער פֿויער, וואָס זעט, אַז דער ייד דינגט די הויזן, איז זיכער, אַז די סכוירע איז געוויס א גוטע. ער נעמט איצט נאָכאמאָל אויסציעןביידע עקן הויזן און מעסט זי צו צו זיך. ער לאָזט זיי שוין נישט ארויס פֿון דער האנט, דינגט זיך לאַנג און קויפֿט זיי.

מעכל שטייט פֿארגאפֿט און קען נישט אָפּרייסן די אויגן פֿון דעם קונצנשטיק, וואָס דער „לייזער" האָט דאָ באוויזן. עס דערהערט זיך באַלד אַ מרוק פֿון צילקעס זייט און גלייך קומט א געשריי פֿון סרולן:

— גאפּיע זאָך נישט סמארקאטש איינאָר! זיי רויע ! דאָרט גייט אן אָרל !...

עס קומט צו א יידענע מיט א בלעכן אייוועלע מיט הייסע קישקעלעך. סרול הייסט איר געבן די היטערס און די די לייזערס צו צוויי שטיק מיט ברויט. מעכל שלינגט אויך א הייס קישקעלע און לאָזט ווידער נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון א צווייטן „לייזער" — דאָסמאָל א פּוילישן, — וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אַ קליינעם אָבער זער א גראָבן פּאָלאָק.

דער „לייזער" נעמט זיך אַליין אָנמעסטן מאַרינאַרקעס און קוקט מיט אַ מינע פֿון אַ מייוון אויפֿן נידעריקן גראָב-בייכיקן פּאַרשוין, וואָס דרייט מיט דער נאָז אויף דער מארי-נאַרקע.

— אוי, ווי איך וואָלט אייער שטיקל סכוירע גענומען,

— ס'וואָלט נאָר גוט געווען אויף מיר !.. ווייזט עס נאָר אַהער !

ער נעמט באַטאפּן די מאַרינאַרקע, אָבער אויף אַזאַ אויפֿן, אַז ער ווייזט אים נאָר די גוטע זייטן

— איר זעט וואָס פּאַרא אַרבעט דאָ שטעקט ?... ווען איך פּאַק אזא שטיקל מאַרינאַרקע... וויפֿל ר'וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט איך באַצאָלט !... דאָס איז שוין אַיינמאָל אַ גוט שטיקל סכוירע !... איר מעגט עס קויפֿן ! איר ט'זיך נישט אָפּנארן !...

— גאפּיע זאָך נישט ! זאַ נאָר רויע !...

אַ שטאַרק אין דער זייט אין דערנאָך אַ דריי ביים אויער, רייסט אַוועק מעכלם בליקן פון קוינעס זייט. ער האָט גאָרנישט געהערט ווי ציליקע האָט גענומען מרוטשען און ווי סרול האָט זיך הינטערווייליכן אונטערגעגאַנוועט און אים דער-לאַנגט ווי ס'געהער צו זיין. אָבער נישט געקוקט אויף דעם ווייטיק אין אויער, האָט מעכל נישט אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן און געזען, אַז דער נידעריקער פּאָלאַק האָט יאָ געקויפט דאָס שטיקל סכוירע.

פלוצים דערהערט זיך אַ געוואַלט:

— א בראָך איז צי מאָר! אַ קלאָג צו מאַנע יאָרן! מ'האָט מאָך באַגאַנוועט!

קיינער קוקט זיך נישט אום אויפן אָרט פון וואַנען דאָס געשריי איז געקומען. ציליקע מרוטשעט איצט נאָך שטאַרקער און סרול הערט נישט אויף צו שרייען:

— גאַפּיע זאָך נישט! זאַ באָר רויע! אַן אָרל דרייט זיך דאָרט!...

אַזוי לויפט גיך אַריבער דער טאָג. מעכל האָט שוין זיינע אויגן אויף אַלע זייטן. ער קען שוין גוט די אַלע „מארעווי-כערס" און אַנדערע געוויינליכע „באָכניאַזשעס". ער האָט שוין נישט איין מאָל באמערקט, ווי זיי האָבן זיך הינטער אַ קוינע צוגערוקט זיך צו דער קראָם און געפּרוווט אַזוי אַרום עפּעס „פאַרקנאַקן". דעמאָלט האָט מעכל אַ געשריי געטון צו סרולן:

— דער אַלטאָר נאָר זען!.. דאָרט דרייט זיך א „קלאָפּס"! אָ, דער מיט שווארצן וועסטל, אין דער „מאַטשעיווקע„ !...

נאָך אַזאַ וואָרנונג לאָזט זיך סרול אָן איין וואָרט אַוועק אויף יענער זייט און טרעט פון דאָרט נישט אָפּ, ביז דער „קלאָפּס" פאַרשווינדט. מעכל קריגט דערפאַר נאָך אַ קישקעלע מיט אַ שטיקל ברויט.

אַ גאַנצן טאָג קריגן די „לייזערס" און די „היטערס" צו עסן נאָר הייסע קישקעלעך, ווארעם ברויט און סאָדע-וואַסער. ביים עסן האַלט ציליקע אין איין גלאָצן מיט אירע שווארצע אויגן. דאָס פּאָנעם ווערט נאָך איינגעשרומפּענער, פון אָנציי-

ניקן, אָפּענעם מויל, הערט זיך איר מרוקעוואַטער, הייזעריקער קאָל, וואָס רופט יעדעס מאָל אַרויס אַ געשריי פון סרולן:

— גאַפּיע זאָך ניִשט! זאַ נאָר רויע! אַן אָרל דרייט זיך דאָרט!...

פאַרנאַכט, ביים פאַרפּאַקן די סכוירע, ווערט גאָר א גרויסע גראַטשקע. פון אַלע זייטן הערן זיך זידלערייען, געשרייען און סטאם געוואלטן. א סאך סאָכרעם האָבן געהאַט אַ גוטן טאָג אין פּידיען, אָבער ביים אריינרומען, האָבן זיי דערזען די „קלאָג און די בראָך אין דער סכוירע." מ'האָט זיי באַגאַנוועט.

מעכל אַרבעט אָפּ ביי סרול שענקערן נישט מער ווי אַ האַלב-יאָר. ביי צילקען איז די ארבעט אַ נודנע. אַלעמאָל דאָס זעלבע צו טון. אַ גאַנצן טאָג נאָר גלייכלייגן די הויזנס און איבערפּוצן צען מאָל אין טאָג דאָס זעלבע שטיקל סכוירע, ער טאָר אויך נישט פאַרגעסן יעדעס מאָל „צו וואַרפן אַ בליק" אויפן דרויסן און שלעפּן פון דאָרט די קוינעם. טאָמער דערהערט ער טריט, לאָזט ער אַלץ ליגן און לאָזט זיך אַרויס מיט זיין שטענדיקן פּיזמען און רייסט דעם קוינע ביי דער פּאָלע:

— פּאַניע שאַנאָווני. צאָ פּאַן אָוואַזשאַ? מאָזשע ספּאָדניע! דאָברע מאַרינאַרקי. פּאַלטאָ נאַ וואַטשע, נאַ פּוטזשע! פּאַן פּאָזוואָלי!

מעכל פאַרדרייט יעדעס מאָל דעם פּיזמען זיינעם אויף פאַרשידענע אויפאַנים, ער רעדט אים אויס ר'זאָל אַרויסקומען איידל, אַריינבעטנדיק און צוציענדיק. ס'העלפט אָבער ווי אַ קאָל אין דער מידבער. איידער ער פאַרענדיקט דעם זאַץ, איז שוין דער קוינע אין בויבעריק. ווער ס'וויל גיין צו סרול שענקערן גייט נישט צו איטשע-מייסעם-ציער און פאַרקערט.

צילקען רופט מען נאָך אַן נאָמען — אַ כוץ „טשאַרנאָנעגש". מ'רופט איר „מאַלקע-מאַלפּע". מעכל געפינט נישט אין אירע אויגן קיין לייטזעליקייט. אים גליסט זיך נישט צו לויפן אַ גאַנג פאַר איר אין שטוב אַריין, נאָך קוילן, שיילן קאַרטאָפל, ברענגען פון געוועלבל אָדער אָפּטראָגן ס'מיטאָג פאַרן מאַן,

און וואָס איז עס טאַקע פאַר אַ מעשאָרעסל, וואָס וויל נישט טוען אַזעלכע זאַכן ? ...

ביי אַזעלכע פאַלן מרוטשעט צילקע אין איר מאַן אַריין און „נאַזשעקעט" אויף מעכלען. סרול ביינזערט זיך דערפאַר און דערווייל סטראַשעט ער אים גאָר, אז ס'וועט קומען דער „זמאַן" וועט ער אים נישט וועלן צונעמען אויפן צווייטן. סרול האַלט אָבער דערנאָך וואָרט. פאַרבליבן אָן אַרבעט, הייבט אָן דער טאַטע פון איין זייט און דערנאָך די מאַמע ארומיאַדען מעכלען מיט פאַרשידענע קלאָג-רייד. ער טויג צו גאָרנישט. ער וואָלט נאָר געקענט אָנפאָיען פערד. זיין אַ קאָוואַל, אַן אָנטרייבער אָדער אַ שייגעץ אין אַ כאַזער-שטאַל.

מעכלען ווערט נימעס דאָס אויסהערן די שטראָף-רייד. ער בלאָנקעט זיך אַרום אויף דער וואָלוועקע גאַנצע טעג און זוכט אַרום זיין ברידער דעם שאַכער. פאַרנאַכט פאַקט ער אים און לאָזט אים נישט אָפ ביז וואַנען איטשע שאַכער זאָגט אים נישט צו, אַז ער וועט אים מאַכן פאַר אַ „פריקאַזשטיק" אויף דער אַלטער-וואָלעווע. מעכל כאַפט זיך באַלד אין דעם אָן. ער בעט גלייך איטשען ר'זאָל זען וואָס שנעלער אויסזוכן אַזאַ שטעלע אויף דער אַלטער וואָלעווע.

גענדזענע פיפקעס. געבראָטן און געברערענט !

דערווייל דרייט זיך מעכל אַרום גאַנצע שאָען ביי די דריי-קאָרטן-שפּילער. ער קאָן דאָרט אָפשטיין ווי לאַנג אַוועק און צוקוקן זיך ווי שיין זיי קריגן אַריין אַ פרייער און ווי אַזוי זייערע קאָמבינאַציעס ווערן אויסגעפירט. ער האָט אויך ליב זיך אַוועקצושטעלן ביי די פאַסקע-שפּילן, רעדל-דרייעס, וואו מ'וואַרפט אַריין אַ קליין ניסעלע, וואָס דרייט זיך אַזוי לאַנג, ביז ס'פאַלט אַריין אינמיטן לעכל. און אַז עס פאַלט שוין דאָרט אַריין, קען מען געווינען גאַנצע דריי רובל. ס'פעלן נישט קיין פאַסטקעס, וואָס לויערן אויף די קויפערס און קוינעס אויף

דער וואַלוווקע. דאָס איז אָבער פּאַר מעכלען טרוקן. אים אינ־טערעסירן גאָר אַנדערע זאַכן.

אין די זונטיק־טעג, ווען די זעלנער פון דער דערבייאַי־קער ציטאַדעל קומען אַרויס אויף דער וואַלוווקע, לאָזט זיי מעכל מיט זיינע יאַטן נישט אַראָפּ פון די אויגן. ער קריכט זיי נאָך און באַטראַכט זייערע אויפטועז, דעם ווילדן און פריי־ליכן אַרומקריכן פון די זעלנער אין אַלע לעכער און ווינקלען פון דער וואַלוווקע.

עפנטליך, פריי פאַר אַלעמען, שלעפּן זיך נאָך די זעלנער אַלטע גויעס מיט רויטע פאַרשיקערטע און געשוואָלענע פּענע־מער. קוים האַלטן זיי זיך אויף די פיס. די פאַרשידנקאָלירטע פאַרטשיילעס זענען אַריבערגעדעקט איבער זייערע קעפּ. פון הינטער זיי זעט מען קוים אַרויס די פאַרלאָפענע אויגן מיט רויטקייט און שיקערן גלאַנץ. זיי פאַרטשעפּען די זעלנער, נעמען זיי אונטערן אָרעם און פאַרשווינדן מיט זיי אין וואַלוווקער קלאָזעט אָדער צווישן די ביימער פון דערבייאַיקן גאָרטן.

מעכל מיט זיינע וואַלוווקער יינגלעך, שנעקעס, קוים אויפ־געוואַקסן פון דער ערד, וואַרטן נאָר אויף דעם. ביים אָפּטריט, דורך ספּעציעל אַדורכגעלעכערטע „אויגן", קוקן זיי אַריין אינעוו־ווייניק. זיי באַהאַלטן זיך צווישן די ביימער און זען אַלץ, וואָס דאָרט טוט זיך.

שפּעטער רעדן זיי אַרום גאַנצע מייסעס וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געזען. לאַנג אָבער לאָזט מען זיי נישט שטיין ביים קלאָזעט. די שאַכערס נעמען שרייען און טרייבן פון די „לעכער". עטלעכע באַקומען גוט אָנגעבויקערט די ביינער און אויסגעריסן די אויערן מיט וואָרנונגען:

— אַוועקן פון דאַנעט בענקאַרטס! לאַבוזעס! אַ וועקן! צ'עט שוין קריגן ביים טאַטן ציגעלייגט!...

דעמאָלט מוזן זיי אַוועקלויפן.

אָט איז אַרייַנגעקומען דער הויכער „דראָנגאַל", — אַ יינג מיט ביינער, וואָס טראָגט אַ ריזיקן קויש מיט געבראָטענע קאַר־טאָפל, געבראָטענע ניסלעך און באַניקערן. ער גיט אַזאַ קוויטש,

אַז פון איין טויער צום צווייטן הערט מען זיין קאָל:

— געבררדאָטן און געבררענט! געבררענט און געבררדאָטן!

די „ר" קאָלערט זיך אין זיין „גאָרגל" שטימע, אַז ס'הייבט באַלד מעכלען אַן צו קיצלען אין האַלדז. ער דערפילט, אַז דער געשמאַקער רייעך פון די געבררענטע און געבראָטענע ניסלעך נעמט אים.

די יאַטן קריכן אויך נאָך די ווייבער, וואָס טראָגן אַרום פאַרשידענע אויסגעבראַקירטע עפּל און פּאָרמאַראַנצלעך, קיכלעך און טשעקאָלאַדקעס. דאָס נאַשוואַרג קאָסט זער ביליק. ווער פון די יאַטן ס'האָט אַ גראָשן, דער כאַפּט זיך קויפן די קאָשערע מעציעס און טיילט זיך מיט זיינע כאַווערים. מעכל האָט שוין אויך נישט איינמאָל „צוגעלאַקכנט" אין שטוב גראָשנס און צווייערס פון דער מאַמעס פאַרטעך און געלאָפן איינהאַנדלען אַזעלכע מעציעס.

די יאַטן האָבן אויך ליב נאָכצולויפן דעם לאַנגן סרול קישקעלע-מאַכער, וואָס טראָגט אַרום אַ רויכנדיק קעסעלע מיט הייסע וורשטלעך. אויפן בלויזן געשריי זיינעם, נעמען די ייִנגלעך לויפן פייל אויסן בויגן, צו די מאַמעס, נאָך צווייערס און פּירערס, אויף קישקעלעך. ביים ייִנגוואַרג און אַפילע ביי אַ סאַך מאַמעס רינט די שלינע פון מויל ביים בלויזן דערמאָנען זיך דעם געשמאַק פון סרולס הייסע-וורשטלעך.

סרול איז דאָ זער באַרימט. ס'האָט זיך שוין געטראָפן, אַז אַ סאַך קישקעלע מאַכערס זענען צראָפּגעקומען אויף דער וואַלוווקע מיט זער שיינע ברען- אייוועלעך, נאָך גאָר נייע, און אויך געוואָלט לייזן. ס'איז זיי אָבער נישט געלונגען. די יאַטן האָבן ליב סרולן. ער ווייסט שוין יעדן איינעם צוצופּאַסן אַ ברוין, אָדער אַ בלאַס הייס-קישקעלע. וויפיל אַרויפצולייגן מושטאַרדע, אַ סאַך, אַ קליין ביסל און אייניקע אַפילע אָן מושטאַרדעס, סרולס קישקעלעך זענען טאַקע גוטע, זיי זענען אַזוי הייס, אַז זיי בריען נאָך, ווען מ'האָט זיי שוין לאַנג, נאָך מיט אַ שאָ צוריק אויפגעגעסן. זיי זענען אַזוי זאַפּטיק, אַז ווען מ'גיט אַ ביס אָפּ אַ שטיקל, גיט אַ שפּריץ איבער דער גאָמבע

א הייסער שטראָם וואסער. דאָס ייִנגל גיט שנעל אַ כאַפּ מיט דער האַנט און פארשטעלט דעם זאפט דעם וועג, ס'זאָל כאָלילע נישט פארלוירן גיין אַ טראָפּן פון גאנאיידנדיקן טאַם.

גאָכמיטאָג הייבט זיך אָן דאָס עמעסע גציאָגעריי פון די יאַטן. דעמאָלט טראָגן שוין נישט ארום די ווייבער דאָס עסן צו די קרעמער הינטער די נאָז. פאַר דעם עסנוואַרג וואָלט עפשער נישט געפּאַסט, מ'זאָל זיך מיט דעם איינבעטן...

אויפן פלאַץ, נאָנט פון וואָלוווקע קלאָזעט, שטעלן זיך אָפּ די שאכערס, וואָס לייגן דאָ אויס זייערע סכוירעס, אַלטע שיכ־ווארג, הויזנס און סטאַם שמאַטעס. דערביי – מיט א טריט ווייטער – הייבט זיך אָן דער „רעסטאָראן”. ער געפינט זיך אומעטום. נישט אויף איין אָרט בלויז. דאָ ליגט אַ פּעקל מיט שמאַטעס אויף דער ערד, און באַלד דערלעבן ליגט אויף א טישל גוטער, עכטער איינגעזעצטער קעלבענער פוס. עס שטייט אַ פלעשעל מיט גוטן עסיק, שטארק שניידיקן און א טעצל מיט כריין. דערביי שטייט אַ קוישל מיט פריש געבעקס. גוטע אויסגעבאקענע פלעצלעך מיט אַ סאַך ציבעלעס ארויפגעבראָטן, פרישע, נאָרוואָס פון אויוון אַרויס, אויסגעבאַקענע בייגל – ברוין און פייערדיקע.

צווישן א וועגעלע מיט אלטן אייזנוואַרג, שטייט אן אייוועלע. דאָ קען מען קריגן קרעפּלעך מיט קעז, געבראָטענע לעבערלעך, איינגעפרעגלט אין געגדזענע „זוזע” מיט ציבעלעס און פריש אויסגעבאַקן ברויט. באַלד דערלעבן שטייט א צווייט אייוועלע. דאָ קריגט מען הייסע קרעפּלעך מיט פלייש. די קרעפּלעך שטיין די גאַנצע צייט אויף דער בראָטפאַן, – דאָ אויפן מארק־אייוועלע – אָט, אָ, לעבן דעם שאכער מיטן פּעקל צעריסענע כאלאטן.

מעכל שטייט און לאָזט נישט אראָפּ קיין אויג פון שאכער. דער גרייז־גראָער ייִד, מיט דער צעפלאָשעטער באָרד, שטעקט אַריין די האנט אין קעשענע און נעמט זי ווידער אַרויס. ציילט עפּעס אויף דער האנט און מויעכט זיך אזוי ווי ער וואָלט עפּעס שטאַרק געכעשבנט. באַלד גיט ער א שפּיי

אויס און דרייט זיך אוועק פון אייוועלע. ער נעמט זיך אַרומקוקן צי ס'גייט נישט קיין קוינע, עס דויערט אבער נישט לאַנג און דער ייד איז דאָ צוריק. איצט רעכנט ער ווייטער און קלאַפּט מיט די זעקסערס אין דער האַנט. ער רוקט זיך שוין צו נענטער צום בראָטפאַן, ווי דעם וועג פארשטעלט אים אַ קריסט, וואָס נעמט ביי אים באטראַכטן אן אַלטן כאלאט. דער ייד פארגעסט באַלד אין די קרעפּלעך און הייבט אָן צו רעדן מיטן קוינע, ער זאָל קויפן זיין סכוירע. דער קוינע רוקט זיך אָפּ און דער ייד קריכט אים נאָך. ער ווארפט נאָך אן אויג אויף די קרעפּלעך, אָבער ווי ער וואָלט אָפּגעוואָרפן זיינע געדאנקען, פארדרייט ער האַסטיק דעם קאָפּ און נעמט מיט אימפּעט ארייַנרעדן צום קריסט און ווארפן מיט די הענט אויף אלע זייטן.

מעכל מיט זיינע יאטן לאָזן נישט אדורך קיין איין טאָג, זיי זאָלן זיך נישט אָפּשטעלן ביי די אייוועלעך מיט די געבראָטענע „יאשטשערקעס", „פייגל", ווורשטלעך און וועמפּלעך, ביי די „פלאקעס" און „ראקעס", פישלעך, מיירן-צימעס און קרויט. צווישן די אלע פּעקלעך מיט פאַרשידענעם אַלטוואַרג, שטיין פיל אייוועלעך. עס פּרעגלען זיך אזעלכע גוטע זאַכן, עס בראָטן זיך און קאָכן זיך פארשידענע שפּייזן, וואָס ווערן אַדורכגענומען מיטן שטויב, רויך פון די אייוועלעך און מיט דער פאַרע פון די טעפּ.

אַממערסטן טוט זיך אָבער אָפּ ביי די קעסטלעך מיט פּרישינקע „טשאסטקעס". דאָ דארף מען ביכלאַל נישט קיין סאַך געלט. מ'דארף נאָר איינשטעלן א צווייער און מ'קען געווינען א „טשאַסטקע" פאַר א זעקסער... אָט האָט א יינגל פון מעכלס כעווריע געווינען אַזאַ ברוינע, געקרייזלטע טשאסטקע מיט זאַפּטיקן בראָנפן. ער האָט קוים אַ ביס געטון, ווי דער שפּריץ האָט אים אָפּגעגאָסן אינגאַנצן מיט זאַפּט.

באַלד לויפט אים אונטער מעכל און טראָגט אים צו א אַ „שקאָרמעץ". דער יאַט לייגט אריין די „טשאסטקע" אין „שקאָרמעץ" און נעמט ווייטער עסן. דאָס פּאַפּיר פון בייטל ווערט אָנגעפילט מיטן זאפטיקן און זיסן „בראָנפן" און מאכט פעט דעם שקאָר-

מעך". די ייִנגלעך רייסן באַלד אַרויס ביים יאַט די „טשאַסטקע" און איינער נעמט „אויסטרייַנקען" פון „שקאַרמעץ" אַרויס די זאַפטיקע פליסיקייט. דערנאָך לויפן די יאַטן צו צו די בייד־לעך מיט כלעבנעם קוואַס און סאָדע־וואַסער. די קינדער שטעלן זיך אַוועק און וואַרטן. עטלעכע הענדלער נעמען רופן אייניקע פון די יאַטן וואַסער ברענגען. צו צוויי און צו פיר, לויפן די קינדער שנעל נאָך וואַסער מיט גאַנצע "קיבלעס". דערפאַר קריגן זיי גרויסע פאַרציעס מיט קוואַס אָדער סאָדע־וואַסער מיט סאָק. אַזוי פאַרברענגט מעכל דעם גאַנצן טאָג אויף דער וואָלוווקע.

מאָטל בערדיטשעווער — מעכלס בעסטער קאָלעגע

שטענדיק ווייזט זיך מעכל אַרויס ווי איינער פון די אָנפירער אין אַלע שפּילערייען און אָנפאַלן אויף אַנדערע „קאָלעיקעס" ייִנגלעך. מעכל איז דער אַנערקענטער הערשער, „שטאַרקער" פון זיין הויף, אָפטמאָל אפילו פון דער גאַס. אָבער א חוץ דעם, וואָס ער פירט אָן מיט זיין קאָלעיקע ייִנגלעך, האָט נאָך מעכל עטלעכע פריינט, וואָס, ווען זיי ציען זיך אַרויס פון דער זעלבער גאַס, קומען זיי אַלעמאָל צו אים און האַלטן אָן אויף גאַנצע יאָרן זייער פריינטשאַפט.

צו זיי געהערן מאָטל בערדיטשעווער, זיין לאַנג־יאָריקער כאַווער, מוישע קעפל, איטשע נאָז און וויגדער פעדערהענדלער.

מאָטל בערדיטשעווער איז זיין ערשטער און בעסטער פריינט. נישט איינמאָל, אין זייערע שפילן, נאָכן איבערלעזן פאַרשידענע מייסע־ביכלעך וועגן אינדיאַנער און העלדישע קאָוובויען, האָבן זיי זיך געשוווירן „אייביקע פריינטשאַפט" אויף לעבן און טויט. ס'האָט קיין איינמאָל נישט געטראָפן זיי זאָלן ברויגעז ווערן, ווי ס'טרעפט זיך אָפט ביי קינדער. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס מאָטל האָט שטאַרק געהאַלטן פון מעכלען, פון זיין שטאַרקייט און קלוגשאַפט, און פאַרקערט

האָט מעכל שטאַרק געהאַלטן פון מאָטלען פון זיין וויסן אין אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן אים שטאַרק אינטערעסירט. מיט אַזעלכע פראַגן, וואָס מעכל וואָלט מיט זיי צו קיינעם נישט געגאַנגען פרעגן, איז ער שטענדיק געקומען צו מאָטלען. יענער האָט נישט געענטפערט, אַז ער ווייסט, — אויב דאָס וואָלט אַזוי געווען, וואָלט מעכל ביי אים אויך נישט געוואָלט פרעגן קיין שום זאַך.

אין אַזעלכע פאַלן פאַרטראַכט זיך מאָטל אַ ווײַלע, דערנאָך זאָגט ער, אַז ער מוז אַריינקוקן אין דער שוועסטערס בוך, דעמאָלט וועט ער וויסן, וואָס צו ענטפערן.

ביידע לאָזן זיך אַרויף צו מאָטלען אין שטוב. זיי נעמען נישטערן אַזוי לאַנג, ביז זיי פאַקן, וואָס זיי איז נויטיק.

מאָטל איז יינגער פון מעכלען מיט איין יאָר. ער איז אָבער פון אים העכער מיט אַ האַלבן קאָפּ. ער איז אַ דאַרער און גייט מיט די ברוסטן אויף פאָרנט אַרויס. דאָס דאַרף הייסן, אַז ער גייט ווי אַ סאָלדאַט מיט דער ברוסט פאָראויס. ס'קומט אָבער אַרויס, אַז ער מאַכט פון זיך אַ פאַלנבויגן, ער הויקערט זיך שטאַרק איין, מיט די זייער לאַנגע און דאַרע פיס גייט ער שנעל, פונקט ווי די זעלנער. די פיס וואַרפט ער פאָראויס, דעם הינטן שטופט ער צוריק, אַזוי, אַז דער גאַנצער קערפּער זעט אויס. ווי אַן איבערגעשניטענע רייף.

ער האָט גרויסע שוואַרצע אויגן, זיי זענען טיף אַריינגעזעצט אין קאָפּ. דאָס מאַכט אים אַ שטאַרק-ערנסטן אויסזען. זיין שטענדיק פאַרטראַכטן זיך, דאָס נישט וועלן זיך שפּילן מיט מעכלס קאָלעגן, דאָס אָוועקזעצן זיך איינער אַליין און קוקן אין הימל אַריין — מאַכט אים נאָך טרויעריקער אויסזען. אַסאַך מאָל, ווען עס קומען אַרויף צו מאָטלס שוועסטער אירע כאַווערטעס, דערוואַקסענע מיידלעך, וואָס טאַנצן אַרום איבער דער שטוב מיט אַ פריילעך געלעכטער און געזאַנג, קען מען מאָטלען בעשום אויפן פון שטוב נישט אַרויסרייסן. מעכל בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל אַראָפּגיין אַביסל שפּאַצירן, ער הערט אָבער נישט, וואָס מעכל רעדט צו אים. ער איז אַזוי צעמישט

און פארטון, אז ער קוקט מעכלען אָן, אָבער ער זעט אים נישט. די אויגן זענען אָנגעשטעלט אויף מעכלען, אָבער זיין בליק לויפט איבער אים, ערגעץ ווייט אוועק. ער קוקט נאָך די מיידלעך, ער קריכט זיי אומעטום נאָך. איינע, א שווארץ-אויגיקע, מיט א קורץ פארריסן נעזל, האָט זיך ליב מיט אים צו שאפן.

— נו, ייִנגערבוים, — ווייז, וואָס דו קענסט! לאָמיר זען צי דו ביסט אַ קאַוואַלער! — האלט זי זיך אין איין באדינען מיט אים און שיקט אים מיט פארשידענע שעליכעסן.

ווען זי איז דאָ אין שטוב, קריכט איר מאָטל נאָך ווי א הינטל און קוקט איר גלייך אין מויל אריין.

ווען די מיידלעך שיטן זיך אַראָפּ פון די שטיגן, בלייבט דאָ נאָך לאַנג איבער דאָס געלעכטער פון דער שווארץ אויגיקער. מאָטל זעט נאָך אַלץ אַרום פלאטערן איר קלייד איבערן צימער, ער פארשווינדט באלד פון שטוב, גייט אַריין צו זיך אין אַלקאָווע און זוימט זיך דאָרט א צייט. ער קומט פון דאָרט אַרויס אַ נאָכמער צעטראָגענער, ווי ער איז אַריין.

מעכל נעמט, ווי זיין שטייגער, נאָכקוקן, נאָכשפּיאָנירן מאָטלען. פלוצים דערשנאַפּט ער ביי אים אין א קעשענע אַ קליין ביכעלע. פּאַמעלעך ציט ער עס אַרויס, אַז מאָטל זאָל דאָס נישט באַמערקן און לייגט עס אַריין צו זיך אין פּאַלטן. שפּעטער, ווען מעכל באַהאַלט זיך אין א ווינקל אין שטוב, ציט ער אַרויס דאָס ביכעלע און נעמט עס באטראכטן:

„אייצעס ווי צו באַקעמפן דעם סוינע אָנאַניזם”.

מעכל זאָגט אים ווען דעם אַ וואָרט נישט. די גאנצע נאכט מאַטערט עס אים און לאָזט אים נישט שלאָפן. אינדערפרי שטייט ער אויף מיט קאָפּ-ווייטיק און פילט זיך עפּעס אינגאנצן צעדרייט. ווען ער טרעפט שוין דערנאָך מאָטלען, כאַפּט ער זיך פלוצים, אַז ער קען מיט אים ווען דעם נישט רעדן אַ וואָרט, ער ווייסט אַליין נישט פארוואָס דאָס איז, ער פילט אָבער ווי ס'גיסט אים אַליין אויך אָפּ אַ היץ, וואָס צעוואַרעמט אים אינגאנצן.

שיע בערדיטשעווער

שיע בערדיטשעווער, מאָטלס טאטע, איז א געוועזענער סאָלדאַט. ער האָט געדינט אין א בערדיטשעווער פּולק. דערפון זיין צונאָמען.

זיין געשעפט גייט זער גוט. מ'האלט אים אין גאס פאַר א גרויסן געוויר. ווען ס'זאָל אָבער ווער אריינקוקן אין געוועלב אויף די סכוירעס, וואָס געפינען זיך דאָרט, וואָלט אים קיינער נישט געהאלטן פאר קיין געוויר, דאָרט געפינען זיך בלויז אַלטווארג. אַלטע שינעלן, זעלנערישע פּאָדיאָווקעס, מונדירן און הויזן. אַלץ ליגט אויסגעלייגט אין א צוויי-דריי פאכן אין מאָגערע רייען. יעדער, וואָס שמעקט דאָרט אַריין, מוז באלד פרעגן פון וואנען לעבט אַ ייד ? צי נאָר פון דעם, וואָס דאָ געפינט זיך ? אוממעגליך !... שיע האָט אַ ברייטע, פעסט געבויטע בלייצע, א דיקלעך געזיכט מיט גראָבע פעטע ליפּן. אַ פליישיקע נאָז מיט א סאך וואָרצלען אויף איר. די באָרד, אַ האלב גראָע, פארפלייצט ס'גאנצע פּאָנעם. זי קריכט אפילע ארו ס פון צווישן די שטארק-צעשפרייטע נאָז-לעכער. אַ שיין פארקעמטער גראָער קאָפּ-האַר. אַ ברייטע, הויכע, ליטווישע מיצקע. אַ פיינע טוכענע קאַפּאָטע. גוטע, שטענדיק אויסגעפוצטע, שטיוול, וואָס גלאנצן ווי דעם קאָטערס עק. דאָס אַלץ ווייזט, אז ער מוז האָבן נאָך עפּעס אַ קוואַל פון וואַנען ער שעפּט זיין פעט לעבן.

שיע בערדיטשעווער איז איינער פון די געציילטע וווּכער, וואָס באָרגן געלט אויף פּראָצענט קליינע באלעמעלאָכעס, דער איקער פּוילישע, אויף זייערע נאָכנישט אויסגעפּערטיקטע סכוירעס, דער פּראָצענט איז נישט קיין באשטימטער פון פּאָראויס. אלעמאָל קומען ביי אים פּאָר אוואנטורעס און געשלעגןביים אָפּרעכענען זיך וויפל ס'קומט אים. אויפן ערשטן פּלאַן גייט ביי אים דאָס איינרעדן דעם מייסטער, אז ער האָט ביי אים געבאָרגט אַ גרעסערע סומע געלט, אויב דאָס איז אוממעג-

ליך, ווייל דער מייסטער געדענקט גוט וויפיל ר׳האָט געבאָרנט, רעכנט ער אים אַ שרעקליכן — קימאט טאָפלטן־פּראָצענט. ס׳געפינען זיך אָבער אזעלכע מייסטערלעך, וואָס ווילן נישט פארטראָגן אַזאַ רייסעניש און באמעלדן וועגן דעם פּאָליציי. דעכאָלט ווייסט שוין שיע פריער ווי ער האַלט אויף דער וועלט. דער קאָמיסאר, אָדער דער יעפרייטער ראָמאַגאָוו, וואָס קאַטשעט זיך קוים אויף זיינע שווערע און דיקע פיס, זיי זענען שטענדיק „בלאט" מיט שיען. קיינמאָל פאלט אים קיין האָר פון קאָפּ נישט אַראַפּ צוליב זיינע שווינדלערישע מאכינאציעס.

אָשער זשוליק, שיעס עלצטער זון, איז אַ טאכשעט, שטארק געגראָטן אין זיין טאטן, א בייזער אקשן — א ווילדער יינג, ער שלעפּט זיך אַרום מיט אלע גאסן מיידלעך פון וואָלינסקע און אָסטראָווסקע. פון קאָמבינאציעס, גנייוועס און לאָבוזערסקע שטיק האלט ער זער שטארק. אָבער אליין איז ער א קנאפּער אויפטוער.

נישט איינמאָל באַארבעט ער דעם אייגענעם טאטן, ווען ער האָט נישט גראָד וועמען אַנדערש צו באגאנוועגען. טאָמער פּאַקט אים דעמאָלט דער טאַטע, גייט ער באלד אוועק אויף א דריי כאדאָשעם אין שפּיטאָל אריין. דערנאָך קריגט ער פון פּאָטער עסנווארג, דאָס בעסטע און שענסטע, די גרעסטע דאָקטוירים פאר די טייערסטע געלטער. דער פּאָטער גיט אויס ס׳לעצטע אבי צו ראַטעווען זיין עלצטן קאַדיש.

די איבריקע קינדער זענען שוין גאָרנישט געגראָטן אין פּאָטער. די גוטמוטיקע פרוי זיינע איז שטענדיק פול מיט לעבן. ביילע האָרעוועט טאָג און נאכט און טוט אלץ אין שטוב. זי קאָכט, באקט, וואשט וועש, לויפט אַרום מיט די מיידלעך אין די שקאָלעס, גיט זיי דערנאָך אוועק צו אַן ארבעט, און נאָר זי וויל זיי מאַכן פאר לייט. שיע בערדיטשעווער איז אַן אַכזאָר אין שטוב, פאר אים ציטערן אַלע. די עלצטע טאָכטער גייט אָנגעטון אין אַ שווארץ העמדל, א סאמאטענס, זי האָט געקרייזעלטע האָר און טראָגט שטענדיק א ביכל אונטערן אָרעם. זי האָט אויך אַן אייגענע גרויסע ביכער שאנק. פון דער שאנק

נעמען ביידע יאטן, שטענדיק ארויס ביכלעך צום לייענען. זעלטן פארשטיין זיי פון די ביכלעך אַ וואָרט. ס׳זענען אָבער דאָ אין דער שאנק עטלעכע פוילישע און רוסישע ביכער פאַר אָנפאַנגער, פון זיי שעפט מאָטל אלע יעדיעס וועגן די שטערן, לעוואָנע און אַלץ, וואָס געפינט זיך אויפן הימל.

נאָכן איבערלייענען עטלעכע פון די ביכלעך גיבן ביידע יאטן ארויס א פסאַק, אַז די ביכלעך האָט געמוזט אָנשרייבן אַ קישעפמאכער אָדער א נישט-גוטער, ווייל ווי איז דאָס מעגליך, אַז די ערד זאָל זיך דרייען ווי אַ פילקע, אַז די לעוואָנע זאָל גיין בייטאָג שלאָפן און אַז די וועלט זאָל זיך ארומדרייען אַרום דער זון און זאָל נישט פארברענט ווערן?...

מעכלען אינטערעסירט שטארק די עלצטע טאָכטער ראָזע. אַלעמאָל שטעלט זי זיך אַנטקעגן דעם פאָטער. אָן דערעכערעץ זאָגט זי אים אין די אויגן אזעלכע ווערטער, וואָס מעכל אַליין שעמט זיך אויסצוהערן זיי און לויפט באלד אַרויס פון שטוב. נאָך אַזעלכע קריגערייען ביי שיען אין שטוב, נעמט זיך מעכל אויספרעגן ביי מאָטלען, וואָס ס׳הייסט אזוינס „אָקספּאָטאַטאָר", „בורזשאַק" און נאָך אזעלכע ווערטער, וואָס זענען ענליך צו די ווערטער, וואָס ער האָט אַסאַך מאָל געהערט רעדן די סובלאָקאטאָרן ביי זיך אין שטוב. מאָטל וויל אים אָבער אויף זיינע פראגן נישט ענטפערן. מעכל טראכט זיך, אַז ס׳מוזן זיין שטאַרקע זידל-ווערטער, ווייל מאָטל שעמט זיך, וואָס זיין שוועסטער רעדט אזעלכע מיאוסע רייד. דאָס וואונדערט אים נאָכמער.

שיע בערדיטשעווערס שטוב געפינט זיך אין א ווינקל פון זעלבן הויף, וואו מעכל וואוינט. קיין זון קומט אַפילע אין דער רייכער שטוב אויך נישט אריין. די וואוינונג, א שטוב מיט א קיך, האָט נאָך א קליין אלקעריל, ביידע זין שלאָפן דאָרט אויף סכוירעס אויסגעבעט.

דערפאר פעלן שוין דאָרטן קיין גוטע עסנס נישט. שיע האָט ליב אָפּצועסן אַ גוטע מאָלצייט ס׳זאָל אים רינען איבערן מויל. אַסאַך מאָל איז מעכל דאָ ביי שיען אין שטוב ביים עסן. ער וואונדערט זיך שטארק ווי אַזוי מענטשן קענען עסן אַזוי

פיל גוטע זאַכן און נישט צעפּלאַצט ווערן.

מעכלען בעטן זיי אָפטמאָל צו צום טיש מיטהאַלטן ביים עסן, ער זאָגט זיך אָבער אַלעמאָל אָפּ דערפון. די „שלינע" ווערט אים פאַרטרוקנט און אויסגערינען ביים צוקוקן זיך צום פרעס אין שיעס שטוב.

מאָטל טראַכט אויס שפּילערייען, וואָס זענען שטענדיק ענליך צו די מייסע ביכלעך, וואָס ער לייענט אַדורך. ער גראָבט אויס אויפן פעלד גרויסע „היילן", דאָרט לייגט ער זיך אַריין. דאָס הייסט, אַז ער איז אַ קישעפמאַכער מיט צוועלף קעפּ און הונדערט אויגן, אַז ער קען איינשלינגען גאַנצע פולקן זעלנער מיט אַלעמאָל. אַזעלכע שפּילערייען קען קיינער פון מעכלס כעוורע נישט נאָכמאַכן. דעריבער ציען זיי אים אַלעמאָל צו צו די שפּילערייען.

מוישע קעפּל

דער צווייטער כאַווער, מוישע קעפּל, איז ריוון-מייסעס-ציערס זון. לויט דעם, וואָס מ'רעדט וועגן זיי אויף דער וואָלווקע, איז זייער עלטער-זיידע געווען אַ מייסעס-ציער. זיי האָבן ביינאַכט באַגאַנוועט די בייטאָג געשטאָרבענע מייסעס און אַרויסגעצויגן פון די קוואָרעם די טאַכריכעם.

מוישע קעפּל איז אַ נידריקער, פונקט ווי זיין פאָטער, אַ געזונטער יינג מיט ברייטע פּלייצעס, שטאַרקע מוסקולן און אייזן פויסט. דער קאָפּ זיינע איז אָבער נישט קיין נאָרמאַלער. אַ קיילעכיקער, מיט קורצע געקרייזלטע האָר, וואָס לאָזן זיך ביי קיין פאַל נישט גלייך קעמען. ער האָט קורצע, גראָבע פיס און לויפט מיט זיי פייל-אויסן-בויגן. די גראָבינקע פיסלעך וואַרפן זיך אין אַלע זייטן. די יינגלעך האַלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער, אַזוי קאָמיש זעט עס ביי זיי אויס. די הויפּטמיילע פון מו שע קעפּל איז די, וואָס ער גייט אָן אַלס שטאַרקער ביי ו'ער כעוורע, דאָס איז דאָס וויכטיסטע אין אַלע

שפּילערייען אין סאָלדאַטן און אין געשלעגן מיט אַנדערע בעוורעס יאַטן.

איטשע נאָז איז שוין גאָר דער הייפּעך פון אים. אַ דארער, אַ זער מאָגערער יינגל מיט אַ גרויסער האָרבאַטער נאָז. אלע מינעם זומער שפּרענקלעך און וואָגנרעס האָט ער אויף זיין בלאַסן, אָפּגעצערטן פּאָנעם. ס'איז גאָרנישט צו פאַרשטיין ווי דער איטשע לייגט אריין אַזוי פיל עסן. אַלעמאָל טרעפן נאָר אים אלע צאָרעס און שלעק, קלעפּ און שטיינער, וואָס פאַלן אויף דער גאנצער באַנדע. צוליב אים מוזן זיי זיך שטענדיק שלאָגן מיט יעדן איינעם. דעם קלענסטן יינגל האָט ער מוירע צוריק צו ענטפערן. דערפאַר אָבער האָט ער שוין אַ „פּיסקל אויף שראָפן". ער קען אויסטראַכטן קלאָלעס און בראָכעס אויף יעדן איינעם. און שעלטן קען ער, — אלץ הינטער די אויגן, — אַלע סאָנעם מיט טויטע קלאָלעס. ער שעלט ווי אַן אַלטער, פול מיט ביוול-פּע און געמיינע רייד.

כעוורע האַלט אים ביי זיך, ווייל טאָמיד האָט ער פיל געלט. אַלס „יעדינאַק" קריגט ער געלט פון טאַטן, פון דער מאַמען און פון זיינע פעטערס. פאַרן געלט „האַלט ער פריי" אַלעמען מיט לאָדעס צו צוויי גראשן א שטיק.

וויגדער פּעדערהענדלערס איז א קליין יינגל, אַ פריילי-כער, א וויצלינג. דער איקער אָבער נעמט ער אויס מיט דעם, וואָס ער האָט אויך שטענדיק געלט און פונדעוועט כעוורע. ביי אים מוז מען דאָס אָבער מיט געוואלט ארויסציען. אַליין וואָלט ער זיך אַלץ געלאָזט טון און קיינעם קיין גראָשן נישט געגעבן. כעוורע האָט אָבער אויף אַלעם מיטלען. צו זיינע גראָשנס גע-פינען זיי אויך אַ וועג.

אַ מילכאָמע אין פּראַגער וועלדל

די בעססע „זאבאוועס" און „שטיקעס" פון די כעוורע קומען פאָר אין פּראַגער וועלדל. דאָרט קומען זיך צונויף אַלע

וואַרשעווער לאַבוסעס. אין שאַבאַסעס און זונטיקן לאָזן זיך אַרויס ייִנגלעך און מיידלעך. זיי ווילן זיך אַ גאַנצן טאָג אויף „הוזשדאַווקעס“ און קאַרוזעלעס. ייִנגלעך שלאָגן יענעם און קריגן אַליין געקאַטעוועט, — די שפּיל אַליין איז אָבער פאַר זיי אַ מעכאַיע. ס'רופט אַרויס אַ שטאָלץ, אַ פרייד, וואָס זיי קענען אַליין אַנטיילנעמען אין אַזעלכע העלדישע געשלעגערייען אין וועלדל.

נישט איינמאָל קומען פאַר געשלעגן, ווי זיי שניידן גאָר פיין אָפּ. אַהיים קומען זיי מיט אונטערגעהאַקטע זייטן, אונטערגעשינדן אַן אויג, מיט אַ צעבלוטיקט פּאָנעם און לייב. זער שווער קומט אָן צו געפינען אַ טערעץ פאַר די עלטערן, וואו זיי האָבן באַקומען אזוי צעשינדן די הויט.

אויף דער זעלבער גאַס, אין דריטן הויף, איז דאָ נאָך אַ „קאָלעיקע“ ייִנגלעך, אַ שטאַרקערע פון מעכלס באַנדע. זיי האַלטן זיך אַ לענגערע צייט אין שטאַרקער פריינטשאַפט מיט מעכלס גרופּע.

דאָס איז אַנטשלס „קאָמפּאַניע מיט באַניקערן“, ווי מ'רופט זיי. אין שפּיץ פון דער „קאָמפּאַניע“ שטייען צוויי ברידער אַנטשל און לייבל. ביידע קליינע, קורץ-געוואוקסיקע ייִנגלעך, אָבער אין דער מאָס געבויט, פעסטע, געזונטע און אַרבעטספעיקע. זיי אַרבעטן צוזאַמען מיט זייערע פיר ברודער, פאָרן אַרום איבער דער פּראָווינץ, קויפן איין אַלטע שמאַטעס אין די קליינע שטעטלעך און אויפן דאָרף. דערפאַר לאָזן זיי דאָרט איבער „פאַיאַנס“, — טעלער, שיסלען און טעפּלעך. אויב ס'וויל עמעצער פון זיי כויזעק מאכן, איז גענוג אַ געשריי צו טון:

— אַלטע ציבעלעס געב יאך פאַר שמאַטעס! — אַזאַ כויזעק איז שווער אדורכצולאָזן, בלוט גיסט זיך פאַרן קאָוועד פון פאַך.

אַ כוץ דעם פאַך האָבן די ברידער נאָך אַן „אַרבעט“. די „אַרבעט“ ברענגט זיי מער אַריין ווי דאָס פאַרדינסט ביי די שמאַטעס.

די „אַרבעט“ איז קאָמבינאַציע און קויעך-געלט נעמען,

פונקט ווי ביי בראָנעקן, ווען מען קומט אים דיגגען שלאָגן שמעצן. צו אַנטשלען קומט מען אויך. מ'לייגט אים פאָר פרעטצנסיע-געלט נעמען ביי א סויכע. פאַר אָפּשלאָגן אַ קאלע, פאַרפּאַפּטון שמעצן אַן אַוולע. אויב בראָנעק טוט דאָס ביי דערוואקסענע, איז דאָ דער פאַל מיט יינגלעך. גרעסערע און קלענערע. אַ כוין געלט גיבן זיי נאָך צו „אָנגעבויקערט" די ביינער. ווי איז צו אַזעלכן, וואָס וויל נאָך צוריק שלאָגן... אַזאַ „כאַזער" פאַ־זאָגט שוין אַ צענטן. אַז אַנטשלס כעוורע טאָר מען נישט צוריקשלאָגן.

דאָס נעמען פרעטענסיע-געלט גייט צו פּאָשעט. אַ יאַט פון מעכלס כעוורע איז געקומען צו אַנטשלען און דערציילט אים אַ מייסע, אַז יאַנקל דאָנדיק האָט אים אַפּגענאַרט און צוגענומען ביי אים אַ מיידל, וואָס איז מיט אים שוין לאנג ארומגעגאַנגען. ער בעט טאקע דעריבער, — בעאייס מייסע שטופּט אים דאָס יינגל אַריין אין דער „יאַד" אריין עטלעכע גילדן, — אַז אַנטשל זאָל זיין א גוטער ברידער און אָננעמען זיך זיין „קזשיוודע". דער ווייכהאַרציקער אַנטשל קען גאָרנישט אָפּזאָגן אַזאַ טויווע. פאר א גוטן פשיאַטשעל וועט ער ס'לעבן אוועקגעבן... באלד אויפן אָרט ווערט אָפּגעשמועסט, ווען ער וועט גיין יאַנקל דאָנדיקן „עפּעס צולייגן".

ס'קומט דער טאָג און בלויז אַנטשל, אַ קליינינקער, גייט זיך פּאַמעלעך צו צום „יאַט אין די וואַטע הויזן" און גיט אים פאַרבייגייענדיק אַ פאַרטשעפּע. דער יאָלד איז העכער און זעט אויס אַסאַך שטארקער פאר אַנטשלען. ווען אַנטשל בעט אים גלייך נישט איבער, נאָר פאַרקערט, ער בייזערט זיך נאָך אויף אים אָן, נעמט דער „יאָלד" באַלד זידלען און כאַפּט זיך שלאָגן.

גלייך ווי דער „יאָלד" הייבט אָן שעלטן, נעמט אַנטשל „וויינען" און שרייט צו אים:

— וואָס אָסטע צו מאַן מאַמען, ס'האָסטע? זאָט דאָר עפּעס בעטין? — און באַלד, נישט ווארטנדיק קיין מינוט, באַקומט דער „יאָלד" אַ „קעפּקע" מיטן קליינעם אַנטשלדיקן קעפּל גלייך אין די ציין. יאַנקל דאָנדיק שפּייט אויס אַ צאָן מיט א פול מויל בלוט. דערנאָך גייט שוין ווי א מיזמער.

ס׳פּאַרענדיקט זיך מיט דעם, וואָס דער „יאָלד״ מיט די וואטע הויזן״ דארף איבערבעטן אַנטשלען פאר דער באַליידיקונג. ער דאַרף פונדעווען דער גאַנצער כצוורע אַ פלעשל בראָנפן מיט פארבייסעכץ, אַ קינאָ און עטלעכע בייטלען מיט שעמעש־קעס״ צום קנאַקן. דאָס לעצטע האָט אַנטשל זער ליב.

ביי אנטשלען אין קאָמפּאַניע געפינען זיך אַסאַך גאַנאָווים. צווישן זיי איינער א גאַנעוו, אַ קליין יינגל מיט לאַנגע צע־קודלטע האָר. זיין טאטע איז אַ באַקאַנטער וואלוּוקע־שיקער, א פיאַניעצע. ער האַלט אין איין טריגקען אַ גאַנצן טאָג. שטענדיק וואקלט ער זיך אַ טויט־אָנגעשיקערטער.

פאַר זיין פאָטער איז דאָ אַ ספּעציעל לידל. אויב מ׳וויל אים טון צולאָכעס, שרייט מען אים פון דערווייטנס נאָך. דע־מאָלט טוט זיך פריילעך אויפן וואָלוּוקער מאַרק.

—ראָטאַ סטאָי! מאַלקע זעץ! בענדעט פּ־י־אַ־ק!

יעדע סטראָפקע איז ווי אויסגעשאָסן. אויב בענדעט הערט דאָס, קריכט ער ארום אויף די דעכער פון די ביידלעך און געוועלבער. ער וויל אזוי אַרום זען ווער ס׳שרייט אויף אים. און אָך און ווי איז צו דעם יינגל, וואָס פאַלט אַריין צו אים אין די הענט אַריין.

אַ וואָך פאַר מעכלס אַוועקגיין אויף דער אלטער־וואָלוּוקע קומט פאָר אַ געשעעניש, וואָס מאכט מעכלען פאַר גאָר אַ גרויסן העלד ביי זיינע יינגלעך.

די געשעעניש הייבט זיך אָן מיט דעם, וואָס אנטשלס כצוורע פאַרנעמט זיך צו פאַרטרייבן מעכלס יאַטן פון זייער שטענדיקן פלאַץ פון פראַגער וועלדל. אַזאַ כאַרפּע איז נאָך ביי מעכלען נישט געהערט געוואָרן. לאַנג, לאַנג דרייען זיך די יאַטן ארום אין גאַס און קלערן אַרום וואָס צו טון. עס בלייבט ביי גאָרנישט. ס׳איז קלאָר, אַז קיינער פון זיי וועט זיך נישט שטעלן שלאָגן מיט אַנטשלס יאַטן, וואָס קענען אַ סאַך בעסער פון זיי „מילכאָמע האַלטן״. אַלע זענען זיכער, אַז זיי וועלן קריגן דעם עמעסדיקן פּסאַק.

איטשע נאָז פרוווט ארומרעדן מיט אַנטשלען דעם אייסעק.

ער וויל אים אונטערקויפן. אַנטשל זשלאָקעט אויס אַ פול פלעשל בראָנפן, עסט אויף פינף געזאַלצענע פלעצלעך מיט מאָן. דערנאָך גיט ער אים אָבער אַ פעסטן גוטברידערישן זעץ איבער דער פלייצע, אַז איטשע דערזעט באַלד די עלטער-באָבע און גיט אים א זאָג:

— יאך מיז מעכלען מאַכן אויס קניאַקער! דאַרנאָך קענט עץ בלייבן אין וועלדל!

מעכל גייט אַרום אָן אַ קאָפּ, ער ווייסט נישט וואָס אויסצוקלערן.

פרייטיק, איידער ס'דארף פאַרקומען די „מילכאָמע" אין וועלדל, שטייט מעכל אויף דער וואָלוועקע ביים שמאַטעס האַנדל. אַרום אים זענען פארזאמלט אַ גאנצע כעוורע יינגלעך, זיי קלייבן זיך שטיינער צו דער מילכאָמע. פלוצים, ווי פון אונטער דער ערד, קריכט אַרויס אַנטשל בעכווידוי-וועאצמוי.

מעכלען ווערט פינסטער אין די אויגן. קיינמאָל אין דער וועלט וואָלט ער זיך נישט אונטערגענומען עפּעס צו זאָגן אָדער גאָר אנטקעגנצושטעלן זיך אנטשלען. איצט ווייסט ער און פילט, אַז אַנטשל וועט זיך צו אים אַנעם-טון און אַז דאָס וועט זיך פאַר אים טרויעריק ענדיקן. פאַרפאלן. מעכל איז נאָך פאר קיינעם נישט אַנטלאָפן. און אַ מאַפּאָלע ליידן זאָל ער, אָבער קיין טכוזש זאָל מען פון אים נישט מאַכן.

אַנטשל מאַכט זיך ווי קיינמאָל גאָרנישט, ער שאַרט זיך צו צו מעכלען אומבאמערקטערהייט. מעכל דרייט זיך אָבער באלד צו אים אויס און ווארט. דעמאָלט קוקט אים אַנטשל שטארק אָן. ער מאכט ברייטער זיינע רויט-געשוואָלענע אויגן, וואָס נעמען שרעקלעך אַדורך מעכלען. אַנטשל רוקט זיד נאָך נענטער צו מעכלען צו. מעכל שטייט אויף איין אָרט. אַלע פון דער זייט שוויגן אין אַן איימעדיקן „שטיל-שאַ-זאָל-זיין". מעכל לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון אַנטשלען.

פלוצים גיט זיך אַנטשל אַ לאָז צו מעכלען. ער וויל, ווי אַלעמאָל, גיבן אַ „קעפּקע", אַז יענער זאָל זיך גלייך פאַרלירן, מ אכן זעכצן קאָזשאָלקעס און אויסשפּייען די ציין. דאָ

אָבער ביי מעכלען, האָט ער ס'אָרט נישט געטראָפן. מעכל קען גוט אנטשלס שטיק און ווייסט פון צוקוקן זיך אַלע זיינע „האָקוס-פּאָקוסן". פלינק גיט זיך מעכל אַדריי אין אַ זייט, פון שטאַרקן אימפעט און שפרונג פאלט אנטשל אום אויף דער ערד.

איצט קומט פאָר עפעס אומגעווייגלעכס, מעכל גיט זיך אַ וואָרף אויף אַנטשלען אַרויף און הייבט אים אָן צו דער-לאַנגען „באָקסעס" פון אַלע זייטן. דער איקער פאלן פעטש איבערן פּאָנעם, איבערן קארק, איבער די אויערן און וואו ער טרעפט נאָר. ווען מעכל פילט, אַז ער שלאָגט שוין מיט די לעצטע קויכעס, גלייכט ער זיך אויס און מאַכט פלייטע.

קיינער קען גאָרנישט פארשטיין וואָס ס'טוט זיך דעמאָלט אָפּ ביי כצוורע. מעכל וואַקסט אויס אַ גאַנצער "קנאַקער". אַלע רעדן נאָר פון אים, דער גאגצער העלד אָבער דערשרעקט זיך און באַהאַלט זיך אויס. ער ציטערט פאַר נעקאָמע פון אַנטשלס ברידער. ס'ווייזט זיך אָבער גלייך ארויס, אַז אנטשלס ברידער זענען שטארקע העלדן נאָר ווען מען לאָזט זיך פון זיי. איצט נעמען זיי אָן אַ פול מויל מיט פאַרע און שווייגן. אין אַ פאָר טעג ארום, ווען ס'איז שוין פאַר מעכלען אוממעגליך נאָך לענגער צו באהאַלטן זיך אין שטוב, קומט ער אַרויס אין וועלדל ווי אַלעמאָל. גלייך ווי ער באווייזט זיך נאָר, גייט אַנטשל צו איינער אַליין צו מעכלס כצוורע.

צוגעקומען גאָר נאָנט, שטעקט ער אויס די האנט צו מעכלען און זאָגט:

— מעכל, ביסט אַ נאש-בראַט! געב אַהער די לאפּע! לאָמיר זאַן „בלאַט"!

אַ פּריקאַזשטשיק בײַ אַלטער פּאַצעט

מענדל קויליק טוט אָן די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע, ער הייסט מעכלען זיך אויספּוצן די שיך מיט שוואַקס און דערנאָך פּוצן זיי ביז אַ גלאַנץ. דריי מאָל מאַכט ער מעכלען גלייך ס׳היטל און הייסט אים גיין פאָראויס אויף דער אַלטער־וואַלעוועו.

עטוואָס צושראָקן און אַ שעמעוודיקער, גייט מעכל אַריין אין געשעפט. אַלטער פּאַצעטס זין, גאַנצע זעקס שטיק, אַרבעטן אין געשעפט. דריי פון זיי זיצן אין דער ערשטער טייל פון געוועלב. זיי שנורעווען מיט שנוראָוואַדלעס די שיך.

אויף מעכלס גוט־מאָרגן פּלאַצן די דריי באָנעם אַרויס אין אַ געלעכטער. זיי גיבן אים גלייך „צוויסן פון וואַנען ער שטאַמט”.

דאָס אַרויספּלאַצן אָן שום סיבה אין אַ געלעכטער מאַכט מעכלען שטייף אַנגעצויגן. איינער פון די באָנעם גייט באַלד צו צו מעכלען און פרעגט אים אויף פּויליש צי ער קומט פון טאָטערלאַנד, צי ס׳זענען אויך דאָרט דאָ אַזעלכע היצן.

מעכל רעדט שלעכט פּויליש, אָבער קיין ענטפער בלייבט ער אים נישט שולדיק. ער זאָגט אים גלייך, אַז פון טאָטערלאַנד האָט מען אים געשיקט אַויפעסן אַזעלכע קאַטשקעס ווי ער איז.

אַלע ברעכן אויס אין א געלעכטער. מעכל ווייסט נישט, אַז דאָס לאַכן זיי פון זיין פּויליש רעדן. ער לאַכט מיט. באַלד כאַפּט זיך אויף א צווייטער. ער פרעגט זיך קלוימערשט ערנסט צי מעכל איז אַ פּראָווינצער, מעכל גיט אים באַלד כוצפּעדיק א פאַל אַריין אין די רייד:

— גיי לאָז דיך אַראָפּ פאַד פּלאַכעם, וועסטע אָסקימען פאַד מאָסטעם מיט אַ בוקעט אין דער האַנט!

דאָס איצטיקע לאַכן איז שוין מער אַ פריילעכס ווי אַ אָפּכויזעקנדיקס.

אײדער דער טאַטע האָט צײַט צו רעדן אַ וואָרט מיט אַלטער כּאַצעט, לויפֿט גלײַך אַרײַן פֿון צווייטן צימער ראַב עלע-מעלע, דער עלצטער מעשאָרעס. ער פֿאַלט באַלד צו צו מעכלען מיט אַ געוואַלט:

— אַ ייִנגל, אַ ייִנגל, אַ ייִנגל! קימט ראַן, ראַן! זאָגט מען, ט'מאָרגן, ט'מאָרגן, ט'מאָרגן! ס'עפּעס זוינס, זוינס, זוינס?

מעכל קוקט אים אָן ווי אַ צעכישטער, פּונקט ווי אַ סאַך אַנדערע ס'ערשטע מאָל. ער פֿאַרשטייט נישט ווער דער פּאַרשוין איז און וואָס ער רעדט צו אים. ער פֿילט אָבער באַלד, אַז דער ייִד וועט אים שוין אײנמאָל געבן טאַבאַק צו שמעקן.

עלע-מעלע שטופּט באַלד אַרײַן מעכלען אין האַנט אַ שטיוול מיט אַ פּאָר לאַנגע לאַקירטע כּאָלעוועס, זער שײנע. גלײַך רוקט ער אים אין דער צווייטער האַנט אַרײַן אַ גרויסע באַרשט און שרײַט שוין ווידער:

— שטײ ניש, ניש, ניש, ווי גוילאָם! נעם פּיצן, נעם, נעם!

מעכל נעמט פּוצן דעם שטיוול. די גאַנצע צײַט אַרבעטן די אויגן זײַנע אָן איבעררײס, זיי וואַרפֿן שטאַרקע בליקן אויף די זין, אויף זייער אַרבעט, אויף די פֿולע פּולקעס מיט שאַכטלען, אויפֿן גאַנצן געוועלב, אויף עלען און אויף יעדן אײנעם, וואָס קומט דאָ אַרײַן.

דער טאַטע קען זיך נישט דערוואַרטן אויפֿן באַלעבאָס. ער נעמט רעדן מיטן עלצטן זון אַלטערס אין צווייטן צימער. ער לויבט מעכלען, אַז ער איז זער אַ פּעיקער. צום סאָף איז ער זיך מאַשווע פֿינף גילדן אַ כוידעש געהאַלט.

באַלד ווי דער טאַטע גייט אַוועק, קומט אָן אַלטער פּאַצעט. זײַן עלצטער זון נעמט אים איבערגעבן וועגן נײעם „פּריקאַזטשיק" וואָס איז אָנגעקומען.

אַלטער רופֿט מעכלען באַלד צו. ער שטעלט אַרויף דעם פֿוס אויף דער באַנק און הייסט אים אויספּוצן דעם שיך.

נאָכדעם זאָגט ער אים, אַז מער ווי אַ האַלבן רובל אַ

כוידעש וועט ער נישט געבן, אָבער מעכל קען דאָ קריגן ביי אים מיטאָגן, אָנבייסן און וועטשערע עסן.

ער גיט אים אויך אַ פרעג צי ער גייט אויף אָוונט־קורסן.

מעכל כאַפּט זיך באַלד און זאָגט, אַז ער גייט אַלע צוויי טאָג אויף דריי שאָ לעקציעס מאַכן.

דעמאָלט גיט אַלטער אַ געשריי, אַז ער וועט מוזן איבער־רייסן די לעקציעס. אויב ער וויל זיך לערנען, וועט אים זיין זון אויסלערנען שרייבן און לעזן.

— דאָ ביי מיר אַרבעט מען! פאַרשטייסט? נישטאָ קאַ צאַט צי לאַכודרעווען! ווילסט אַזוי קענסטו בלאַבן, עלע נישט גיי פין וואנען ביסט געקימען!

— דער אַלטאַר מאָך לאָזן בלאַבן! כ'ע שוין נישט גיין אויף קאַ לעקציעס.

— אַזוי זעט מען אַ מעשאָרסל! אַן אַלטן דאַרף מע פאָלגן ווי גאָט!

עלע־מעלע דער עלטסטער מענטש

„עלע־מעלע־יאָשקע" איז א קליינטשיקער. ער איז עטוואָס נידעריקער פון צוועלף־יעריקן מעכלען. זיין פּאָנעם איז אַ קיי־לעכיקס. דאָס בערדל איז אַרומגעשוירן מיט אַ שפּיץ. די קליי־נע אויגעלעך קענען נישט איינשטיין אויף איין אָרט. זיי דריי־ען זיך קעסיידער אויף אַלע זייטן דאָס קליינע היטל פאַר־שטעלט דעם פליך פון פאַרכעוואטן קאָפּ. יעדעס מאָל ביים זאָגן אַ גוט־מאָרגן אַ קוינע פאַרגעסט זיך עלע און כאַפּט אַראָפּציען ס'היטל. אָבער איידער דאָס היטל רירט זיך נאָך ון קאָפּ, שטופּט עס עלע טיפער אַראָפּ.

ער רעדט פאריענקעוואט, אַראָפּשלינגענדיק די ווערטער. דריי־פיר מאָל כאַזערט ער איבער אַ וואָרט. שנעל, גיך און לויפנ־

דיק. ער היפּערט שטענדיק איבער דאָס איקערדיקע. קיינער קען נשט פאַרשטיין קיין איין וואָרט, וואָס ער רעדט.

מיטן באַלעבאָס לעבט ער גוט, דאָס הייסט, אַז ער וויל טאַקע לעבן גוט. אַלטער פאַצעט האָט אָבער שטענדיק וואָס אים פאָרצוואַרפן. ער טוט עס טאַקע אַלעמאָל הויך, אָפן פאַר יעדן, אָפּכויזעקנדיק פון אים. נאָך אַזאַ אָפּשניט פון אַלטן מוז זיך עלע-מעלע „אָנדערגרעון". באַלד לאָזט ער אויס אויף איינעם פון אַלטער פאַצעטס זין אָדער אויף אַ מעשאָרעסל זיין קאַס. אַמאָפּסטן אויף מעכלען.

מעכל לערנט זיך שנעל אויס עלע-מעלעס „שפּראַך". צום ערשט הינטער זיינע אויגן און דערנאָך אָפן נעמט ער אים צוריק ענטפערן, ווען עלע פאַלט אויף אים אַרויף אָן אַ פאַרוואָס.

מיט דעם אָפּשפּעטן נעמט מעכל אויס ביים אַלטנס זין. זיי ווילן נאָר, אַז מעכל זאָל אזוי שטענדיק רעדן צו זיי ווי עלע-מעלע. מעכל וויל דאָס אָבער נישט שטענדיק טון. ער רעדט אזוי נאָר דעמאָלט, ווען עלע מעלע טוט אים אָפּ אַ שפּיצל. דעמאָלט קריכט מעכל אַרויס מיט זיין לאָשן.

עטלעכע מאָל פּרוווט מעכל מאַכן שאָלעם מיטן אַלטיטשקן עלע-מעלע. עלע-מעלע-יאָשקע „בורקניעט" אים באַלד אָפּ מיט אַ „דערעכערעץ-שייגעץ". מעכל מאַכט אים דעריבער פאַר זיין שטענדיקן סוינע.

עלע-מעלע אַרבעט שוין אין דער פירמע אַריבער דרייסיק יאָר, נאָך ביים אַלטנס זיידן. ער האַלט זיך פאַר אַן אייגענעם. זיין געהאַלט מאַכט אויס אַינגאַנצן צען רובל אַ כוידעש.

עלע-מעלע קומט אַלע אינדערפרי זעקס אַ זייגער אינדערפרי. גלייך גייט ער אַרויף צום אַלטן אין שטוב און וועקט אויף די דינסט.

— ס'טע, ס'טע, ס'טע, עפּעס פאַרשלאָפן, שלאָפן? ייינג מיידל, נישט שיין זוי, זוי, זוי לאַנג שלאָפן!

סאָרשטע מאַכט אים דעם עמעסדיקן באָרעך-אַבאָ.

— ר'מעגט זאָך שעמען! אַזאַ אַלטאָר טעראָך! שטייט אויף

„פּאַרצעלעראַנע" און קריכט אין די שטובן ווען מ'שלאָפט נאָך! גייט! כ'קען נישט קוקן אָף אייער פּיסק!

עלע נעמט זיך פון איר גוט מאָרגן גאָרנישט איבער· ער ענטפערט איר אָפּ מיט א כאַניפּעלע.

— איי! שטאַרק ווינטל ווינטל, דראָסן! ט'צעניץ געקומען גלעזל טיי, טיי! יאָך דאָר העלפן, העלפן העלפן גאַז, גאַז, גאַז צינדן! זאָך ביסל, ביסל אָנוואַרעמען!

שוין כאַפּט ער די זאַפּאַלקעס, צינד אָן די מאַשינקע און איידער סאָרטשע באַמערקט, האַלט ער שוין אין דער האַנט אַ פּריש פּלעצל פון קוישל, וואָס שטייט אויפן טישל, אָנגעפּאַקט פול מיט געבעקס.

די טיי קאָכט אויף. ער לויפט צו צום שענקל און שעפּט זיך אַרויס אַ גלאָז, ווישט עס אויס מיטן ברודיקן האַנטוך פון געפּעס און גיסט זיך אָן אַ גלאָז טיי.

— מ'דאַרף ניש. ניש קאַ ציקער! — זאָגט ער און לייגט זיך באַלד אַריין אַ פּיר שטיקלעך קאָסטקעס אין טעפל טיי.

— סאָרטשעלע קרוין! פיינע זעמל. ס'טע געניומען זאָלכע גיטע, גיטע, גיטע זעמל! ביסט בעריע סאָרטשעלע קרוין, קרוין, קרוין!

עלע-מעלע זעצט אַריין איין זעמל נאָך דער צווייטער. ביז וואַנען סאָרטשע גיט אַ נעם דאָס קוישל פון טיש, אַ שטעל מיט ריגזע אַריין אין שפּייז-שענקל פון קיך און זאָגט:

— צאַט כ'לעב אָבאָך נישט געזען אַזאַ פּרעסאַר ווי עלע איז! ווי קע'מען עס אַזוי קנאַקן מיט די ציין?

מעכל קומט אָן זיבן אַ זייגער. עלע-מעלע, אָן אָנגעּ־סענער, גיט אים באַלד, אָנשטאָט אַ גוט-מאָרגן, אָן ענטפער:

— שוין, שוין עסן? נעם שליסל, שליסל, גיי! שטיי נישט!

מעכלען פּאַקט סאָרטשע אַריין אין קעשענע אַ שטיק ברויט מיט אַ זעמל און זאָגט אים אָן, ער זאָל שפּעטער אַרויפקומען טרינקען קאַווע.

נאָר דעמאָלט, ווען מעכל טרעפט נישט עלען אין שטוב,

טרינקט ער קאַווע אָדער טיי בײַם אַלטן. אַרויפגיין נאָכאַמאָל טרינקען, דאָס טוט ער נישט, באָדאַי באַגיין זיך אַ גאַנצן טאָג ביז מיטאָג אָן אַ טרינק, און נישט גיין „פּענטען" אַביסל טיי בײַם אַלטן, טראַכט זיך מעכל.

אַרום עלף אַ זייגער בייטאָג הייסט אים אַלטער-פּאַצעט אַרויפגיין ברענגען פאַר זיך פרישטיק. דעמאָלט נוצט שוין מעכל אויס וואָס ער קען און פאַרזאָרגט זיך מיט בעסער עסן.

— ד'אַלטאָר האָט געבעטן צעלעכע זעמל מער, ר'איז שטאַרט הונגעריק!

סאָרטשע איז נישט קיין „באָטש" און פרעגט אים:

— זאָג נאָר מאמזערל, לאַרנסט זאָך נישט בא עלטן זיינע קינדער? אַז ד'ווילסט פאַר זעך, טאָ זאָג, כ'ע דאָרזשאַלעווען, צי וואָס?

מעכל קוקט אראָפּ אויף דער ערד און ענטפערט גאָרנישט.

סאָרטשע רוקט אים אריין צוויי אָנגעשמירטע זעמל מיט פּוטער, מעכל פאַרשלינגט זיי אויפן וועג.

דאָס טעפּל קאַווע, וואָס סאָרטשע גיט אים איז אויף איין „שליקעכטס".

פאַרן אַלטן שלעפּט ער ארויס פון שענקל א קרוגל און הייסט סאָרטשען אָנגיסן דאָרט פול קאַווע. — „דער אַלטער איז שטאַרק דאָרשטיק".

— געגנאָ א קיק דעם זוילע-וועסויוועניק? ביסט דאָרשטיק, זאָפּט דאָך אָן! ד'אַלטאָר מיינטאָ, ווייסאָך נישט, טרינקט נישט אזוי פיל!

אַזוי אַרום דערקענען זיך מעכל מיט סאָרטשען. זיי מאַכן צווישן זיך יאַד-אכעס. זי גיט אים פלעצלעך מיט ציבולקעס, אָנגעשמירטע מיט פּוטער און קאַווע צו דער זעט, ער העלפט איר ארויפשלעפּן פון קעלער קאַרטאָפל און קוילן וויפל זי דאַרף נאָר.

סאָרטשע איז אן עלטער מיידל, באַלד א יאָר דריי.

סיק. זי ארבעט שוין ביי טעטשע מאַמזער א יאָר צען. נאָך ביים ערשטן מאן אירן, טעטשע מאַמזער האָלט אין איין צו־זאָגן, אַז זי וועט איר געבן אַ גוטן נאַדן, אַז ס'וועט זיך איר טרעפן אַ שידעך. סאָרטשע האָלט אין איין זוכן די שידוכעם און וואָלט שוין געוואָלט זען דעם נאַדן פאַר די אויגן.

אַן אַיינגעהויקערטע פון שווערער ארבעט, אויסגעדאַרט, הויט און ביינער, מיט א סאַך ייצערהאָרעלעך אויף אירע בלאַ־סע באַקן, קוקט סאָרטשע אויף אלע מעשאָרסעם פון טעטשע מאַמזער, ווי אויף אירע צוקונפטיקע כאַסאַנים. יעדער פון זיי, וואָס פאַרשטייט אן אייסעק און שמייכלט צו איר, קריגט אַנ־געלייגט אויפן טעלער, וויפל ס'גייט נאָר אַרויף.

ביים גיין קלאַפּן די הויכע אָפּצאַסן סאָרטשעס און מאכן אַן אַ שטארקן געריוש אין שטוב.

סאָרטשע ציטערט איימעס־אַמאָוועס פאַר טעטשען, הערט זיך נאָר איר קלינג ביי דער טיר, אַנטפאַלט איר באלד ס'הארץ פאַר שרעק. אַלע מעשאָרסעם שרעקט זי איבער און הייסט זיי שנעלער אויפעסן, ווייל „די אַלטע גייט שוין".

אַלטער פאַצעט

אַלטער פאַצעט האָט קאָשער פארדינט זיין נאָמען. אַ מענטש פון א יאָר פערציק, האָלט ער זיך שטענדיק פריש און אויסגעפוצט ווי א יינג באָכערל. יעדן טאָג ריין־אָפּראַזירט. אַ פאָר קליינע, ענגלישע וואָנסעס, א הארט מעלאָניקל, די האלב־גראָע, האַלב־שווארצע האָר, זענען פיין אויסגעקעמט. דאָס שיינע קעמעלע איז אָנגעגרייט אין פאָרנדיקן טאשן־ קעשענקע־לע פון זיין עלעגאַנטן, קאָלירטן אַגצוג. פון זעלבן קעשענקעלע קוקט אויף ארויס א שניי־ווייס טיכעלע, באַבלימט מיט גרינע צווייגעלעך.

אויף די פיס טראָגט ער א פאָר לאַקירטע פאַנטאָפל, וואָס בלישטשען און בלאַנקען אויף ווי ווייט אוועק.

ער איז אן אַכזאָר פאַר די קינדער, פאַר זיינע מענטשן און פאר אַלע, וואָס מוזן אָנקומען צו זיין טויווע. פאר פרעמדע, דער איקער פאר שיינע פרויען, איז ער עלעגאַנט, איידל און קאָרעקט. אוועקגייענדיק פון אים, זענען די פרויען און סטאַם פרעמדע מענטשן אַלעמאָל מעקאַנע די נאָנטע אים באַקאַנטע, וואָס האָבן צו טון מיט אַזאַ איידעלן, נאָבעלן הער.

אַלטער פאַצעט האָט נישט לאנג באַגראָבן זיין ערשטע פרוי, מיט דער ערשטער ווייב האָט ער אָפּגעיווינט צוויי און צוואָנציק יאָר און געהאַט מיט איר אַכט קינדער. זיין פריערדיקע פרוי איז געווען זער אַן איידעלע, געענדיקט אַ גימנאזיע און געפירט אַלע זיינע געשעפטן. די קינדער האָט זי אַלע געשיקט אין גימנאַזיע און געוואָלט מאַכן אַלע פאר אינזשינירן און דאָקטוירים.

אויף דער אַלטער-יואָלצווע האָבן שלעכטע שכיינים און קאָנקורענטן, נישט-פאַרגינערס, אויסגערעדט אַלדאָס בייז אויף אַלטער-פאַצעט ר'זאָל האָבן פארסאַמט אָדער אָפּגעטון עפּעס אַן אַנדערע מיסע-מעשינע זיין פרוי

גערעדט האָבן מען זער אַ סאַך, אַז אין דעם האָט אים צוגעהאָלפן זיין איצטיק ווייבל, טעטשע מאַמזער. א יידענע אַ העלד, אַ „שוינהייט” פון דער וואָלצווע. זי האָט שוטוועס מיט סרול קולאַס אַ טאַנדייט-געוועלב. טעטשע מאַמזער, האָט מען געזאָגט, האָט געוואָרפן אויף אַלטערן אירע קעצישע אויגן, געפלירטעוועט מיט אים נאָך ביי סאַרעס לעבן. קלוימערשט פון גוטפריינדשאַפט, געקומען אריינקומען צו איר, באַראַטן זיך וועגן אירע צוויי טעכטער און געגעבן אייצעס וועגן פארשידענע סכוירעס פאַר סאַרעס טעכטער און זין. דער איקער איז געוואָרן אַרומגערעדט די זאַך, וואָס גאַנצע צוויי טעג פאר סאַרעס טויט איז טעטשע מאַמזער נישט אָפּגעטרעטן פון איר בעט, געהאלטן אין איין טאפּן דעם דייפעק און וואָס קלוימערשט, צוליב איר שטאַרקער איבערגעגעבנקייט און איבערנעמען זיך מיט דער כאַווערטעס טויס, איז זי „קראַנק-געוואָרן” און נישט געגאַנגען צו דער לעוואָיע.

אַזעלכע קלאַנגען, שווערע, אָנקלאָגערישע, ווען שוידערליכע זאַכן, זענען אַרומגעגאַנגען נאָך אַלטער־פּאַצעטס כאַסענע מיט טעשטע מאַמזער.

אַלטער פאצעט קריכט אַלעמאָל נאָך טעטשען מיט פאַרליבטע אויגן, א אונטערטעניקער, „גרייט צו גיין אין פייער און וואַסער" פאַרן בלויזן שמייכל, וואָס טעטשע וואַרפט אים צו אַ לייטזעליקע אין איינצלנע גוטע מינוטן, ווען אַלטערן גיט זיך עפּעס גאָר שטאַרק איין.

טאטשע מאמזער איז אַן אלמאָנע נאָך סרול אָקס. פון דער בארימטער אָקסן מישפּאָכע. זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי געהאַנדלט נישט מיט אָקסן, נאָר מיט טאַנדייט סכוירעס. זייערע ריזיקע שווערע, קערפּערס זענען טאַקע ענליך געווען צו אָקסן.

סרול אָקס איז דערשאָסן געוואָרן דורך א „טעראָריסט", אַ יידישן ארבעטער, וואָס האָט נעקאָמע גענומען פאַר אָקסנס אַרויסגעבן דער צארישער מאַכט עטלעכע שטרייקנדיקע אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרן דאָזיקן שטרייק באַקומען צו צוועלף יאָר קאטאָרגע.

נאָכן מאנס טויט זענען איר פאַרבליבן צוויי מיידלעך און צוויי זין, כאַיעם און שלוימע. זיי זענען טאַקע ענליך צום פאָטער דעם אָקס.

טעטשע מאַמזער — אלטערס פלוינעסטע

ווען טעטשע מאַמזער האָט כאַסענע געהאַט מיט אַלטערן איז איר עלצט מיידעלע אַלט געווען זעקס יאָר. געשאַדכנט צו איר האָבן זיך זער פיל ייגגערע מענער. זי האָט אָבער אויסגעקליבן דאַווקע דעם עלטערן מיט אַ פיפצן יאָר פון זיך אַלטערן, און דערצו אַן אַלמען מיט אַכט קינדער. דאָס האָט זיך גלייך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן. פאַר יעדן איז קלאָר געווען, אַז די מייסע איז עפּעס נישט אין

אָרדנונג. דעריבער „האַלט מען זיי שטענדיק אין די מײַלער".

טעטשע איז אין דער עמצן זער אַ שיינע פרוי, אַלע מעשאָרסעם און סאָכרעם פון דער גאַס ליבן זיך אין איר.

אַ הויכע, אַן „אָסאָבע", אין דער מאָס דיק מיט פולע רויטליכע בעקלעך, מיט גרינע קעצעשע אויגן. אַ לאַנגן „קאָקס". אַ שלאַנקע פיגור, שיינע קאָקעטיש אַרויסגעשטעקטע פיסלעך, אין זיידענע זאָקן און העלע פאַנטאָפל. אַלע קליידער אַרויסרופנדיקע, רייצנדיקע און אָנציענדיקע, אין שטאַרק קאָלירטע סכוירעס. טעטשע מאַמזער ווייסט די קונץ פון ווארפן אַן "אויגל" און מאַכן „רייצנדע מינקעס" און „פאָזעס".

אַלטער פאַצעט ליגט דעריבער זינט זיין כאַסענע מיט טעטשען שטענדיק אין איר געשעפט, וואָס איז טיר אָן טיר, אויף דער צווייטער זייט גאַס אנטקעגנאיבער. אַלעמאָל האַלט ער זיך קלוימערשט אַן אייצע מיט איר ווענן פאַרשידענע אייסאָקעם זיינע. ער דערציילט איר וויצלנדיקע געשיכטעס פון העלדנטאַטן, וואָס ער האָט אָפגעטון. דערביי העלפט ער איר צו לייזן ביי קוינעם, מעסטן מאַרינאַרקעס און פאלטנס. דזשענטלמעניש שפרינגט ער אַלעמאָל אונטער, ווען ער טוט עפעס פאר איר אָפּ.

דאָס שיך געשעפט איז נאָך זיין כאַסענע מיט טעטשען געבליבן בלויז אונטער דער אויפזיכט פון זיינע קינדער. אָבער נישט בלויז אויף דער אויסשליסליכער פאראנטוואָרטליכקייט זייערע. פון צייט צו צייט שפרייזט דער קורץ און קרום-פיסיקער עלע-מעלע אונטער מיטן גראָבן בייכל זיינעם. ער פליט איבער די „דזשאָבאטע" שטיינער אַריבער צום אַלטן אָדער צו טעטשען פרעגן זיך ווענן יעדער נאַרישקייט אָדער קליינקייט. דאָס דאַרף הייסן, אַז ער עלע-מעלע גיט אכטונג אויף אַלעמען. דער פרינציפאַל מעג זיך פאַרלאָזן אויף אים. נישקאָשע, — ער עלע-מעלע דינט געטריי דעם באַלעבאָס, אַזוי ווי ער האָט געדינט זיין פאָטער אַזשע.

עלע-מעלע פירט זער אַ מיאוסע ראָלע קעגן אַלטערס קינדער. ס'איז אָבער נישט אָנצווזען, אַז די קינדער זאָלן דאָס

באמערקן, עלע-מעלע קען גוט אונטערלעקן זיך. מיט אַ שמייכל וואַרפט ער זיי אַ גראָבע ווערטעלע, וואָס נעמט ביי זיי גאָר שטאַרק אויס. אונטער פאַרשידענע אויסריידן רופט ער ביי זיי אַרויס אַ סך ווערטער און ענטפערן, וואָס ער פאַרמיידט קיינ-מאָל נישט אָפּצוטראָגן טעטשען און אַלטערן.

אַלטערס קינדער האַלטן אים פאַר אַ גרויסן נאַר. הויך און אָפן פאַר אַלעמען מאַכן זיי פון אים כויזעק. זיי שפּעטן פון אים אין די אויגן, דריי מאָל איבערכאַזערנדיק זיינע פראַזן און זיין אויסשפּראַך, דאָס גיט זיך אָבער זיי קיינמאָל נישט איין.

עלע-מעלע שטעלט זיך קיינמאָל נישט אַנטקעגן זייערע כויזעק-מינעס. ער מאַכט זיך אַוועקקוקן אין אַ זייט ווען ס'טוט אים שטאַרק ווי זייער אָפּשפּעטן פון אים. זיין נעקאָמע אין די קינדער איז דעריבער אַ גערעכטע, אָבער אַן אַכזאָרעסדיקע.

פאַר טעטשען האָט עלע-מעלע שרעקלעך מוירע. זייט זי האָט כאַסענע געהאַט מיט אַלטערן היט ער זיך אין שטוב צו עסן פרישטיק. גלייך, ווי ער קומט אינדערפרי אַרויף צום אַלטן, גיט ער אַ שפּרינג צו צום קרעדענסל, אַ „זשמאָרע" מיט די קורצע גראָבע פינגער. אונטערן ברייטן ארבל זיינעם, „ווערן באַלד פאַרלוירן" אַ פערטל טיץ שמאַלע און לאַנגע זעמעלעך פון טערקישן בעקער.

דאָס פאַרגינט ער זיך נישט אויפצועסן אין שטוב אויפן אָרט. ער גיט אַ „שטשורע" מיט די פיס און וואַרפט ארויס שנעלע, אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— כע'שוין עסן, עסן, עסן, פ'ן גאַס! געוועלב, וועלב, וועלב אַליין! מוירע ד'ם סמארקאַטשט ליין, ליין, ליין, לאָזן וועלב, וועלב.

פאַקטיש דאַרף עלע-מעלע קריגן עסן פרישטיק און מיטאָג אַלס צולאָג צו זיין פענסיע, אויף אַזעלכע באַדינגונגען האָט ער דאָרט פון קאַמע יאָרן געאַרבעט. זייט אָבער טעטשעלע מאַמזער האָט איבערגענומען די מעמשאָלע אין שטוב, ציטערט ער פאַר איר איימעס-אַמאָוועס. פריער, ווען עלע-מעלע איז אַרויפגעקומען אין שטוב, איז ער גלייך אַריינגעקומען אין

עס-צימער און שוין דאָרט געטראָפן סאַרען זיצן ביים שמיר די זעמל, בייגל, פאר די קינדער אין די קרינסקעס און מירלאַסעס שקאָלעס. גלייך האָט זי געהייסן די דינסט אריינברענגען פאר ראַב עלען אַ גלאָז טיי, אַליין אים אָנגעשמירט אַ פינף-זעקס ריזיקע זעמל מיט פוטער, אַלץ באַלייגט מיט קעז, מיט הערינג און געזאָגט:

– עסט ראַב עלעשי! איר האָרעוועט נעבעך גענוג שווער, זאָל אייך זיין צו געזונט!

היינט אָבער, אַז עלע-מעלע דערזעט טעטשען אַריינקומען אינדערפרי אין קאָלירטן שלאָפראָק אָנגעטון, אין קיך אַריין, און ווען זי קוקט אים נאָך אָן מיט אירע נאָך נישט „אויסגע-טשוכניעטע" גרינע אויגן, – אַנטפאַלט באַלד ביי אים דאָס האַרץ-פאר שרעק הייבט ער אָן צו ציטערן. די פיסלעך נעמען אונ-טערטאַנצן, שאַרן זיך אין אַלע זייטן, און קוקן קוקט ער אויף איר, ווי אַ געשלאָגענער הונט. גלייך נעמט ער זיך פארענט-פערן, גיך, גיך און שנעל, יאָגענדיק איין וואָרט נאָכן אַנדערן, אַז זעלטן ווער ס'פאַרשטייט זיינע רייד.

טעטשע מאַמזער קוקט אים אָן מיט אַ פאַראַכטנדיקן בליק, ווי מ'קוקט אָן אַ כאַזער אין רינשטאָק. אַלעמאָל ווייסט זי נאָר פון איר אָפצוכויזעקן:

– אוי! אוי – עלע, עלע! כ'על שוין דערציילן אַיאָר וואַב, אַז עץ טשעפּעט זאָך שוין וואטאָר צי מאַן סאָרטשען!

אויף דעם שמייכלט עלע נאַריש אָפּ. ער כיכיקעט הויך אויפן קאָל. סאָרטשע אָבער באַליידיקט זיך און נעמט וואָרטשען מיט אַ געבייזער:

– וואָס רעדט עפּעס די מאַדאַמעשי! יאַך וועל זאָך לאָזן פין אַזאַן אַלטן טערעך טשעפּען? אַז נישט דאלעבן זאָל ער! נישט באַ סאָרטשען ס'אָרט געטראָפן!

עלע-מעלע וואַרט נישט, אַז טעטשע זאָל אים איינלאַדן. אַסאַך מאָל האָט ער נאָכנישט גענומען קיין פרישטיק און לאָזט זיך באַלד אַרויסגיין. ווי נאָר ער דערזעט טעטשען, כאַפּט ער

זיך אויף ווי פון שלאָף אונברומט גאָר שטיל, קוים, קוים אַ וואָרט אויסגערעדט צום סאָף:

– כ׳ע שוין, ד׳נאָך, ראָפּקימע, ראָפּקימע!

מער קומט ער שוין טאַקע נישט אַרויף.

אין אַזעלכע טעג איז שוין אַן אָך־און־ווי צו זיינע געהילפן. די מעשאָרסעס פאַרשטיין באלד, אַז אין עלען איז „אַריינגעקראָכן אַ וואָרעם אין דער נאָז" אָדער ר׳איז אויפגעשטאַנען „נאַ לעווי באָטשעק".

עלעס אַרבעט איז דער איקער איינצוקויפן אַלטע שטיול, גוטע שיך, אַנטיקן פון די בעסטע פירמעס, שטיבעלעטן מיט ווייכע, אין דער מיט לעדער, אריינגעזעצטע גומעס. די יידישע יינגעלייטלעך קומען אַרויס אין די פרייטיק־טעג איינהאנדלען ביי עלען אזעלכע מעציעס. אַלעמען דערציילט ער, אז די שטיול אָדער שיך שטאַמען פון אַ כראַביע, וואָס האָט זיי געטראָגן צו דער כאַסענע, אָדער פון אַ גרויסן פאַבריקאַנט, וואָס האָט געמוזט צוליב אַ באַנקראָט נעבעך אַלץ אויספארקויפן.

עלעס טייל קרעמל באשטייט פון בלויז אַלטע שיכוואַרג. דאָס קרעמל שטייט אין פאָרנדיקן געוועלב. דאָ זענען אויך פאַראַן געמיינערע שיך און שטיול, נייע שיך פון ערגסטן סאָרט, וואָס ווערן ספעציעל געמאכט אלט. עלע טוט זיך אָן אַזאַ פאָר נייע שיך אויף איין טאָג. אָפטמאָל אויף אַ שאבעסדיקן טאָג, דערנאָך רייניקט ער זיי אָפּ און שטעלט זיי אַרויף אויף דער פאָליצע.

אַז עס קומט אַריין אַ קוינע, ווייזט ער אים צום ערשט בעסערע שיך. טאקע עמעסע אַלטע שיך. ווען עלע זעט, אַז דער קוינע כאפט זיך טאַקע צו זיי און וויל זיי קויפן, נעמט ער איצט אים אָפּפּלעפן פון די שיך און זאָגט אים באלד, אַז ער וויל אים נישט אָפּנארן. ער זעט דאָך, אַז ער איז אַ גוטער קוינע, — דערפאר וועט ער אים אָבער ווייזן אַ „צאָש", וואָס ער וועט אים אייביק דערפאר דאַנקבאר זיין, דעמאָלט שלעפט ער אַרויס די נייע — אַלט־געמאַכטע שיך, מיטן אַרבל גיט ער אַ ויש אָפּ די כאָלעוועס און רעדט:

— נאַט! ס'מאָר אַ שאָד ז'זאָלן, זאָלן, זאָלן ראַנפּאַלן, פאַלן אַנדערע הענט!

די שיך, אויב זיי ליגן גוט אויפן פוס, לאָזט ער אים שוין נישט אויסטון. די שוויעס גיין ווי געשמירט.

עלע-מעלע האָט אייגענע שוויעס, יאָנטעוודיקע און וואָכעדיקע. אויב ער וויל עמעצן טאַקע אָפּנאַרן, נעמט ער שווערן ביי זיינע טעכטער, — קיין איינע האָט ער נישט, — „כ'זאָל זיי אזוי דאַלעבן צ'דע כיפּע פירן, גאָט מאַן איינציקאָר", „מאַן טאָכטער זאָל אַזוי גרינג גיין צ'קינד, הארצידיקאָר ריבוינע-שעל-אוילאָם".

אויב ס'פרעגט אים אַ קוינע, וויפל ער וויל ריי-ווען אויף נעמאָנעס, גיט ער אים באלד א פרעג:

— ר'עט מאָר גלייבן, גלייבן? — און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער קלאַפּט ער גיך אָפּ.

— כ'זאָל זוי, זוי, זוי לעבן דאַנעט וועקצוגיין, טפו, טפו, טפו, ווי כ'זאָג נישט קא ליגן, ליגן, ליגן! ס 'קאָסט מאָך צוויי רובל, רובל, רובל!

אויף אַזאַ שוויע, נאָך דריי מאָל אויסשפייען, קען מען זיכער זיין, אַז עלע-מעלע נאַרט נישט אָפּ.

פאַר אָפּיצירן אָדער זעלנער זענען פאַראַן שטייפע שטיוול מיט כאָלעוועס גלאַנציקע. נאָר איין עלע אליין קען זיי אָנטון און אויסטון. אַ סאַך מאָל קומען די אָפּיצירן באלד אויפצומאָרגנס צוריק און זוכן אויף דער גאַס דעם „מאַלענקי יעווערעי", וואָס האָט זיי אַריינגעשאַצט אין קערן די עלעגאַנטע שטיוול. סאָף קאָל-סאָף מוזן זיי אהיימגיין בעכארפוסיינע אָדער אַריינגיין צו אַ שוסטער אויפטרענען די שטיוול. עלע דערשנאַפּט באַלד דעם „פלאצער", וואָס קומט אָן אויף אים און מאַכט פלייטע פון גאַס,

פרעסן, גלאזורירן און שנורעווען

אַ כּיץ דאָס אַלטוואַרג, וואָס שטייט נאָר אין איין זייט פון ערשטן, פאָרנדיקן געוועלב, האַנדלט אַלטער דער איקער מיט נייע סכוירעס. דאָס אַלטוואַרג איז נאָר פאַר אַלטערן אַ „צושפּרינג” — „יאַך האַלט עס נאָר פאַר עלע-מעלען, ר'זאָל האָבן וואָס צ'טין,” — אַזוי זאָגט שטענדיק אַלטער.

דאָס איז טאַקע עמעס.

דאָס גאַנצע געשעפט פירט אַלטערס עלצטער זון סטאַשעק. ער הייסט דאַווקע אויף יידיש סרול. עלע-מעלע, אויב ער איז אויף אים בייז, רופט ער אים, ווען קיינער איז נישטאָ, הינטער די אויגן „סרולטשע האָט זאָך שוין באַמאַכט ”

סטאַשעק איז א שטילינקער, אַ קרענקליכער. ער טראָגט שטענדיק הויכע ווייסע און שטייפע קראַגנס, וואָס שטיקן אים אַלעמאָל דעם האַלדז. זיי צווינגען שטענדיק די האַנט אריינ-צושטעקן דאָרט עטלעכע פינגער, לויזער זיך מאַכן דעם קראַגן.

סטאַשעק דרייט אַלעמאָל און וואַרפט מיט אַ נערוועישן „טיק” דעם קאָפּ. דאָס קומט אַלעמאָל אַרויס מיט אַ ציטער פון גאַנצן קערפּער.

סטאַשעק איז אַ באָכער אין די יאָרן, — אַ יאָר ניינ-און צוואָנציק — הדייסיק. ער קוקט גיריק אויף יעדן מיידל, וואָס קומט קויפן א פּאָר שיך. קיינעם לאָזט ער נישט צו גיין און אליין מוז ער איר אָנמעסטן די שיך און צושנורעווען די שנוראָוואַד-לעס. דאַס דויערט ביי אים זער לאַנג. אָפטמאָל מוז ער זיך אַראָפּלאָזן אויף דער קני, אויף דער ערד, און שטאַרק אונטער-הייבן דעם מיידל ס'פיסל. אין אַזעלכע פאַלן, גיט זיך דאָס מיידל אַ שטעל אויף און נעמט זיך אַליין שנורעווען.

— ניעך שען פאַן ניע פאַטיגוייע ! סאמא פאָטראַפּיען !

ס׳טרעפט אָבער אָפט, אַז סטאשעק שמועסט זיך אָפּ מיטן מיידל אויף א ראנדקע. דאָס גייט אָבער נישט צו אַזוי לייכט.

צום ערשטן באַוווּנדערט ער שטאַרק דאָס פיסל. ער זאָגט באלד, אז ס׳ערשטע מאָל, — ער האָט דאָך שוין געזען אזוי פיל פיסלעך אין זיין לעבן, — נאָר אַזאַ שיין געטאָקט פיסל, ייין! — זייט ער לעבט נאָך נישט.

אַ געשמייכלטע, צופרידן פון זיין קאָמפּלימענט, לאַכט דאָס מיידל שוין איצט פון אַלע זיינע ווערטער. זי לאָזט זיך לייכט אַ קוועטש טון אין הענטל, אָבער שטענדיק קומט נאָך דעם אַ שטילער:

צאָ פּאַן זוואריאָוואל! ניע וואָלנאָ דאָטיקאַטש!

דעמאָלט נעמט זיך ערשט סטאשעק צו זיין אַרבעט.

דאָס צווייטע צימער איז זער אַ גרויס, אַ ברייטס און האָט דריי פענסטער. פון אויבן ביז אַראָפּ ליגן אָנגעלייגט פילע שאַכטלען, אָנגעפּאַקט מיט נייע שיכווארג. ס,זענען דאָ שיך, וואָס אלטער גיט אַליין ארויס זיינע שוסטער אויסצואַרבעטן און ס׳זענען דאָ שיך, וואָס שטאמען פון גאנצע קראָמען, וואָס אַלטער קויפט אָפּ אין פארשידענע פאַבריקן ווי „סקאָראָכאָד" און „סלאָן". דאָס זענען שוין שיך סקאַזירטע מיט אַ סאַך פעלערן. דערנאָך פאַרהאַנדלט ער די שיך פאַר גוטע מעציעס די רוסישע סאָכרעם, וואָס קומען צו אים קעסיידער צו פאָרן.

אַז ס׳קומט אַריין אַן איינצל-קוינע, נעמט אים באלד צו עלע-מעלע. אויף אַזעלכן קוקן זיך אלטערס באָנעם ווינציק אום. אויב דער איינצל-קוינע איז א שיין אָדער גאָר אַן עלעגאַנט מיידל, דעמאָלט גיבן זיך אַלע ייגגלעך אַ לאָז צו איר. איינער דעם צווייטן וויל אויסכאפן די מעציע. ווער עס קען בעסער שטאָרכן אין די זייטן, דער לאָזט זיך נאָכן מיידל מיט אַ מינע פון א העלד, ער שטעקט אַרויס היגטערווייילעכטס דעם צונג זיינע ברידער,

די מיידלעך זאָגן זיי, דזשענטלמעניש, פארשידענע קאָמפּלימענטן. די אָרעמע מיידלעך רויטלען זיך פון די פאַצעטישע כאָכמעס און קענען בעשום-אופן נישט ארויסגיין, נישט קויפנדיק

און נישט איבערצאָלנדיק שטאַרק איבערגעזאַלצענע און איבער געפּעפּערטע פּרייזן. נישט איינמאָל ציילט דאָס מיידל איבער דאָס געלט און נעמט „פּלאַצן“ אין דערמיט. ס׳האָט איר אויסגעפּעלט אָדער זי האָט צו ווייניק מיטגענומען געלט מיט זיך. דעמאָלט ווערן די עלעגאַנטע הערן אויס עלעגאַנט. זיי נעמען זידלען מיט א מאַרק-לאָשן:

— געגאָר אַ קיק! מאַטל דראפּ אָט ניש אַנדאָש געפּאַסט נאָר באָקסענע שיך!

די סכיירעס, וואָס די שוסטער ברענגען, ווערן נאָך אין געוועלב שטאַרק איבערגעארבעט. יעדע פּאָר גימזענע, כראָמאָווע און באָקסאָווע שיך ווערן געפּרעסט מיט אַ קליין, שמאָל פּרעס-אייזנדל, וואָס ציט נאָך זיך אַ לאַנגע גומענע קישקע. דאָס פּרעס-אייזנדל איז פאַראייניקט מיטן גאַז. דאָס פּרעסערל האָט פֿון די זייטן לעכער, וואו דער גאז גייט ארויס. דאָרט ברענט זיך אַ קליין פייערל, וואָס ווערט ספּעציעל אָנגעשטעלט לויט דער היץ, וואָס איז נויטיק.

דאַס פּרעסן געהערט צו סטאשעקן. אויף פּרעסן באַדאַרף מען זיך גוט קענען.

די איבעריקע זין האָבן אַלעמאָל פאַרברענט די שיך ווען זיי האָבן זיך דערצו גענומען. אַלע פאַלדן פון די כאָלעוועקעס ווערן נאָכן פּרעסן אויסגעגלייכט. די שיך באקומען אַ גלאַטן אַויסזען.

נאָכן פּרעסן ווערן די שיך גלאַזירט מיט קרויזעס גלאַזור-די בעסטע אין ווארשע. פון דער גלאזור קומט אויף די שיך ארויס א שטאַרקער גלאַנץ. די שיך ווערן ענליך צו לאקיר. דאָס גלאַזירן געהערט אויך צו סטאשעקן. אָבער דאָ קוקט ער שוין אַ סאַך מאָל אוועק אין א זייט, ווען די אַרבעט נעמט מאַכן דער צווייטער ברודער, יוזשעק.

אַלע איבעריקע האָבן נאָר די ארבעט ביים שנורעווען די שיך. קיין אַרבעט פעלט דאָ קיינמאַל נישט אויס.

שטענדיק זיצן פיל קינדער און מעשאָרסעם אויף דער באַנק,

ס׳גייט אַ געוועט, ווער ס׳וועט שנעלער אַפּשנורעווען א גרעסערע צאָל שיך.

מעכל כאַפּט זיך פּרעסן.

די ערשטע טעג איז מעכלען קאַלאַמוטנע אויפן האַרץ. אַלטערס זין באַטראַכטן אים פון אַלע זייטן. זיי פרעגן זיך, צי מ׳קריגט אויף דער וואַלוווקע נאָך אַזעלכע צייגענע הויזן, צי ער וואָלט פאַר זיי אויך געקענט ברענגען אַזעלכע.

נישט ווילנדיק זיי אָפּענטפערן מיט זיין שלעכטן פּויליש, שווייגט מעכל. ער קוקט זיי נאָר אָן מיט זיין שאַרפן, שטאַרק אָנגעשטרענגטן בליק. דעמאָלט נעמען זיך די באָנעם איבערקוקן און רעדן צו זיך שטילערהייט פאַרשידענע ווערטער. זיי אַליין צעלאַכן זיך דערפון גאָר שטאַרק.

מעכלען גלוסט זיך שטאַרק געבן זיי איבער דער נאָז. ער האָט שוין געזען, אַז זיין פּויליש רופט ביי זיי ארויס אַ שטאַרקן געלעכטער מיט אַ נאָכשפּעטן אים. דאָס איז גענוג, אז ער זאָל אינגאַנצן אויפהערן רעדן. אויף אַלעם קוקט ער מיט זיין קלוגן שמייכל, וואָס זעט אויס, ווי ער וואָלט אָפּגעשפּעט פון יענעמס רייד, אָדער ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן פאַר צו קלוג צו ענטפערן אויף אַזעלכע נאַרישקייטן.

נאָך אַ וואָך צייט, ווען עלע-מעלע לאָזט מעכלען איבער אַליין אין געוועלב אינדערפרי און לויפט נאָך זיין פרישטיק, גיט זיך מעכל אַ כאַפּ צום פרעסער און נעמט זיך פּרעסן... אַלטע שיך. דאָס כאַזערט ער אַזוי איבער עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, ביז וואַנען ער האלט שוין, אַז ער קען גוט פּרעסן. דעמאָלט כאַפּט ער זיך פּרעסן די נייע שיך. יוזשעק קומט גראָד אַראָפּ אין געוועלב און פאַקט אים ביים פּרעסן די נייע שיך. ער שפּריגט גלייך צו און רייסט ביי אים ארויס דעם פּרעסער. ער וויל אים אויך אַרויסרייסן דעם שיך און נעמען פּאַטשן, אָבער דאָ פאַלט ער אַריין. און כאָטש מעכל איז יינגער פון אים מיט גאַנצע פינף

יאָר, גיט ער אַ שפּרונג אונטער מיט א „קעפּקע" גלייך אין האַרץ אריין, אז יוזשעק פאלט שיר נישט אום.

— יאך וועל זאָך נישט לאָזן שלאָגן פין קיינעם! זאָלסט נישט דאַוועגן מיך אָנרירן! יאך קען דאָך אזוי אָנדוירעסן אַז דעסט מאָך אָבן צי געדענקען!

— איך וועל דאָר ווייזן! זאָל נאָר סטאַשעק אַראָפּקומען,

— ווארט!

— נו וואַס וועט ער מיר טון? ס'איז דאָך גוט געפּרעסט!

אינמיטן זייער אַמפּערן זיך, קומט סטאשעק אָן. באַלד לויפט צו אים צו יוזשעק מיט אַ געוואלט:

— גיב אַ קיק! אַ טעל געמאכט פון דער סכוירע! אַזאַ דראן! מ'דאַרף אים ארויסווארפן „נאַ־זביטי־לעפּ", דעם לאַבוז פון דער וואָלוווקע!

סטאשעק דרייט זיך מיטן פינגער ביים קראגן — נישט קיין גוטער סימען. ס'קומט אָבער נישט דער דריי מיטן קעפּל, ווייזט אויס נישט אזוי שלעכט. מעכל ווארט אויפן פּסאק דין. סטאַשעק באַטראַכט געווי אַלע שיך עטלעכע מאָל. צום סאָף דרייט ער זיך אויס צו מעכלען:

— דו האָסט עס אַליין געמאַכט?

אין זיינע רייד דערקענט מעכל נישט קיין פאָרוואוף. ער ענט־פערט אים:

— יאָ, פּאַניע סטאשקו!

איצט קוקט אים סטאשעק אָן מיט א שמייכל פון אויבן ביז אַראָפּ. ער רעדט מער קיין וואָרט נישט. יוזשעקן ווארפט ער אַ בליק, גאָרנישט קיין גוט זאָגנדיקן. ער הייסט אים מיט זיך אריינגיין אין צווייטן צימער.

וואָס דאָרט קומט פאָר ווייסט נישט מעכל נאָר זעט אויס, אז ס'איז נישט אַזוי שלעכט, ווייל אַריינקומענדיק הייסט אים סטאַשעק ווייטער פּרעסן. ער שטייט דערביי און קוקט זיך שטארק צו.

מעכל פּרעסט איצט נישט אזוי זיכער. די הענט ציטערן

אים צו ביסלעך פון אָנפאַנג. באַלד שטאַרקט ער זיך. דאָס פרעסן גייט שוין ווי געשמירט.

סטאַשעק זאָגט אים אָבער באַלד אָן, אַז צום גלאָזורירן זאָל ער זיך פאר קיין פאל נישט כאפן. אויב נישט וועט ער אים געבן „באָבעלעך צו קוועטשן".

מעכל זאָגט עס אים צו מיט א שמייכל, וואָס דאַרף הייסן, אַז כ׳וועל טון ווי מיר וועט געפעלן. סטאַשעק שאָקלט אים צו מיט א פינגער און גייט אוועק.

יוזשעק שטעלט אונטער פיסלעך

נאָך דער געשיכטע מיטן פרעסן, גיט זיך מעכל אַ נעם אויס־לערנען גלאַזורירן. אויב ביים פרעסן קען מען פארברענען די שיך און מאכן זיי, אַז נאָכן אָנטון זאָלן זיי פלאַצן, — איז אָבער דאָ איין גוטע זאַך דערביי, וואָס מ׳קען זיי נאָכדעם אזוי אויס־גלאַזורירן, אַז דער קוינע וועט דאָס פארברענטע נישט אָנ־זען.

ביים גלאַזירן, ווען מ׳שמירט שלעכט אָן, קומען ארויס גאנצע פאסן מיט פארשידענע שאָטנס פון דער זעלבער פאַרב אויפן שיך, אָדער, וואָס עס איז אַ סאַך ערגער, — אַז מ׳וויל פאררירכטן און איבערשמירן, — קען מען גלייך דעם שיך פאר־ברענען. דעמאָלט ווערט דער שיך איינגעטרוקנט אויף איין אָרט. דאָס קען מען שוין נישט פאררירכטן. דאָס ווייסט מעכל גוט. און דאָך האַלט עס אים נישט אָפּ צו כאפן זיך צו דער ארבעט.

גאַנצע דריי כאדאָשעם שמירט מעכל אלטע שיך און „לאַל־קעלעך," קליינע שיכעלעך פאר קינדער ביז צוויי — דריי יאָר. די שיכלעך קען מען אָן מוירע שמירן. זיי ווערן גענוג ברייט געמאכט. ס׳איז נישטאָ די מוירע זיי זאָלן איינשרומפן אָדער איינציען זיך.

נאָכדעם ווי מעכל האלט, אז ער קען שוין די טוירע,

פרעגט ער זיך ווידער נישט, און באַלד אינדערפרי נעמט ער זיך צו דער אַרבעט. איצט טראָגט ער אליין אונטער סטאשעקן אַ גאַנץ טיץ פאָר שיך. ער ווייזט אים זיין ארבעט. און כאָטש סטאשעק האָט אים, נאָך איידער ר׳האָט גענומען באטראכטן די שיך. גוט אויסגעריסן ס׳אויער, לאזט מעכל צופרידן. ער זעט שוין גוט, אז סטאשעק קוקט מיט באַוווּנדערונג אויף זיין אַר- בעט.

איצט ווערט שוין מעכל סטאשעקס רעכטע האַנט. אים גיט ער צו פרעסן און צו שמירן די בעסטע סכוירעס. קיינ- מאָל אָבער פאַרגעסט ער נישט אים צו זאָגן, אַז ער זאָל זיין „אָסטראָזשנע” ביי דער אַרבעט, אַז אַ גאַנץ יאָר וועט ער דארפן אָפּארבעטן, אויב ער וועט קאַליע מאַכן די שיך.

יוזשעק הערט נישט אויף אויף מעכלען צו רעדן. ער קוקט אויף אים מיט א מינע פון אויבן אַראָפּ. ער נוצט אויס יעדעס וואָרט, וואָס מעכל רעדט ארויס, און בעקיוון שוין איצט, שפּעט ער אים איבער זיינע ווערטער, וואָס ער רעדט אַרויס אין פּויליש.

מעכל לייגט שטארק אַכט אויף יעדן וואָרט, וואָס די קינ- דער רעדן אינדערשטיל. ער כאַזערט איבער זייערע ווערטער און לערנט זיך ווי מ׳דאַרף רעדן. טיילמאָל, ווען ס׳דוכט זיך אים, אַז קיינער איז נישטאָ אין געוועלב, נעמט ער צו זיך הויך רעדן פּויליש, איבערכאַזערנדיק די קינדערס ווערטער... ער פּרוּווט צי ער וועט אויך אַזוי קענען ארויסרעדן ווי זיי טוען עס. ווען עס פאקט אים עמעצער דערביי און פרעגט אים, וואָס ער זאָגט, הייבט מעכל אָן אונטערצופּייפן מיט א שמייכל, ווי איי- נער זאָגט: „כווייס וואָס כ׳טו”,

וואָס מער יוזשעק קריגט אים פיינט, און ווייזט אים דאָס אָפן אַרויס מיט זיין בליק, אַלץ מער נעמט זיך מעכל קלוימערשט מיט גוטע ריידעלעך אים ווייזן, ווי שיין ס׳זענען אָפּגעפּרעסט אַ פּאָר שיך אָדער ווי גלאַנציק ס׳קומען ארויס די שיינע שטיוול.

ביז איינמאָל, אינמיטן גלאַזורירן, רופט אים דער אַל-

טער צו און הייסט אים זיך ברענגען אַ גלאָז ביר פון שלאַמקע-כאזערס רעסטאָראציע. גלייך ווי ער קומט נאָר צוריק, באמערקט ער, אַז סאיז עפּעס געשען.

נאָך איידער מעכל שטעלט אַוועק ס׳גלאָז שוימיקע ביר, זעט ער ווי סטאשעק שטייט און באטראכט גוט א פּאָר, נאָרוואָס אָפּגלאַזירטע, שיך.

— „זאפּלאטשיש עלעגאַנצקאָ זאַ טאָ! סמארקאטשו יע-דען!

מיט אַזאַ באָרעך-אבאָ, איז אים סטאשעק באלד מעכא-בעד.

מעכל קוקט אָן די שיך און ווארפט גלייך א בליק אויף יוזשעקן, וואָס שטייט אַ שטארק צופרידענער, באלד שיסט ער אויס:

— ער האָט עס אומישנע געמאכט! — יאַק באָגאָ קאָכאם!

יוזשעק ווערט רויט און גלייך בלאַס. ער וויל שוין צו-לויפן פּאטשן מעכלען, מעכל פּאָדערט אים אַרויס מיט שטארקן קאס:

— קים, קים! כ׳קען אויך דערלאַנגען! יאַך וועל דיר וויזן וואָס פאר א „דראָן„ די ביסט!

— כ׳האָב נישט קיין מוירע פאר דיר!

סטאשעק שטייט א זער אָנגעכמורעטער און רעדט שוין קיין וואָרט נישט.

דאָסמאָל רופט זיך שוין דער אַלטער אַליין אָן:

— יוזשעק! אָסט עס געטין! זאָג די וואָרעט, קיק מאָר נאָר אין די אויגן!

יוזשעק הייבט אויף די אויגן, מרוזשעט מיט זיי און ווארפט די בליקן אויף אַלע זייטן. באלד הייבט ער זיך אָן צו שווערן:

— יאַק טאַטושא קאָכאָם, כ׳ווייס פון גאָרנישט!

איצט גייט אַלטער פּאַצעט צו צו מעכלען און גיט אים אַ פּעסטן שטופּ אין דער זייט צו דער טיר, מיט אַ געשריי אויף אים:

— אַרויס פון דאַנען! — צי אַלדע כאַלערעס!

מעכל פאלט שיר נישט אום, אָבער אָן אַ וואָרט לויפט ער אריין אין צווייטן צימער. סטאשעק פארמאכט נאָך איב די טיר. וואָס ס׳קומט פאָר אין פאָרנדיקן געוועלב, ווערט מעכל קיינמאָל נישט געוואויר. די סינע פון יוזשעקן פאַרשטאַרקט זיך אָבער נאָכדעם נאָכמער.

פאָדרייטשיקעס און סאָכרעם אין באַשליקעס

גאַנצע טעג קלאפט מען ביי אַלטערן די קאָסטנט מיט סכוירעס. זיי גיין אַוועק קיין טיף „ראָסעי". קיין כארקאָוו, סעוועסטאָפּאָל, סימפעראָפּאָל, אָדעס, מאָסקווע און נאָך אַנדרע רוסישע שטעט.

מעכל פארשרייבט זיך אין זיין ביכעלע אַלע נעמען פון די רוסישע שטעט. ער וויל האָבן מיט וואָס צו באַרימען ביי זיך אין שטוב און דער אַיקער ביי זיינע כעוורע יאַטן אויף דער סטאַווקע.

פון רוסלאנד קומען צו אַלטערן יעדן טאָג בריוו. טעלעגראמעס פליען איינע נאָך די אַנדערע, צום באַרימטן סויכער ראַב אַלטער פּאַצעט, ער זאָל אומבאַדינגט, לעמאַן-אַשעם און וואָס שנעלער אויספירן די באַשטעלונגען און שיקן סכוירעס.

פון די אכסאַניעס און האָטעלן, „מעבלירטע-צימערן, שלעפּן אגענטן, סטאַם פאקטאָרן, פארשידענע „זעקל-יידלעך" מיט פּעקלעך אונטערן אָרעם, וואָס קומען פון דער ווייטסטער פּראָווינץ איינהאַנדלען סכוירעס אין ווארשע פאר זייערע קליינע סאָכרימלעך פון די קלענסטע שטעטלעך אין פוילן, ווייסרוסלאַנד, ליטע און אוקראַינע. שטענדיק איז ביי אַלטערן דאָס צווייטע צימער פול מיט „פיטערנע היטלען", הויכע מיט „שקאָרמעצן" מיט „באַשליקעס„ און „טכויערנע אויערן". דאָס זענען אַלץ יידן סאָכרעם, וואָס זענען געקומען נאָך שטיוול און שיך. פּאָדרייטשיקעס, רייזנדע און אַנדערע „קויפלייטע", ווי זיי

הייסן זיך אַליין רופן אונז וואָס מאַכן אַרום זיך אַ שטאַרקן טומל און רייכן אָנשטעל. זיי צוזעצן זיך אין געוועלב און הייסן מעכלען זיך ברענגען גלעזער ביר, ווורשט און זעמל. זיי וואַרפן זיך מיט די „יעבוט-טוואָ-מאַטס" און „יאָפּ-טוואָ-מאַטס" און שלינגען דאָס שוימיקע ביר. דערביי באַטראַכטן זיי מיט דער האַנט די ווייכקייט פון די לעדערנע און זאַמשענע שיך און שטיוול.

אַזעלכע סאָכרעם דינגען זיך לאַנג, זענען זיך מאַשווע און „פּלאַצן". זיי שרייבן גאַנצע פּעק וועקסלען, גיבן טשעקן אין אַלע וואַרשעווער בענק, קורצע און מיט לאַנגע טערמינען און האַלטן אין איין שעלטן און זידלען אַלע מאַמעס און טאַטעס פון גאָר דער וועלט.

אַלטערס זינדלעך און מעשאָרסעם פּאָרען זיך, טאַנצן אַרום די סאָכרעם, קוקן זיי אין די אויגן, שמייכלען פון די גראָבע רייד און קוועלן פון זייערע זידל-ווערטער.

ביים פאַרענדיקן אַזאַ פּידיען שטעלן זיך אַלע פּעשאָרסעם אויס. קיינער וויל נישט דער ערשטער צו גיין אַ רעדט-טון וועגן ביר-געלט. אַלטערס קינדער, וואָס אַזוי האַלטן זיי זיך פּאַר די באַלעבאַטעם, ווערן ביים ביר-געלט אויך מעשאָרסעם. זיי שטופּן אונטער עלע-מעלען, ער זאָל שוין צוגיין, איידער דער „כאַזער", דער „ליטוואַק" גייט אַוועק.

עלע-מעלע לאָזט זיך לאַנג בעטן. ער ווערט אונטערגעשטופּט, אומבאַמערקטערהייט דורך אַלעמען. פּאַמעלעך, שלעפּנדיק נאָך זיך דאָס גראָבע בייכל, פּאַלט ער, צוליבן שטופּ, שיר נישט אויפן סויכער. באַלד גיט ער אַ כאַפּ דאָס מיצקעלע, עס דערזעט זיך דער פּאַרכעוואַטער פּליך פון קאָפּ, און כאַפּנדיק זיך, גיט ער צוריק אַ זעץ אַרויף ס'היטל, אַז די אויערן לייגן זיך ביי אים איין פון זעץ אין דרייען. איצט שטעלט ער אָן אַ ראַכמאָנעס פּאָנעם און קוים, וואָס מ'הערט אים, רעדט ער אַרויס זיין עלע-מעלע לאָשן:

— גאָספּאָדין, באַרין, רין, רין, מ'זעמאָר ווערט א שנאַפּס! ביר, ביר, ביר-געלט! געאַרבעט, האָרעוועט, פּערד, פּערד, פּערד!

אלץ זיין, זיין, זיין, בעסטן פּאַראַדקאָ, ראַדקאָ! גיט היטן, היטן, היטן סכוירע!

דער „באַרין", „גאָספּאָדין" לאַכט הויך אויפן קאָל פון עלעס רעדן. ער מאַכט זיך נישט פאַרשטיין, וואָס עלע רעדט. אויב עלע זעט, אַז ס'דויערט צו לאַנג, הייבט ער אָן צו רעדן נאָך שנעלער, גיכער, און גיכער:

— „באַרין", דאָראָגאָי, כאָראָשי! קופּעץ, פּעץ, פּעץ! גיב פּאַפּיראָס ראָס, ראָס!

דאָס געלט פון די „טרינק-געלטער" ווערט פאַרטיילט. עלע, וואָס טוט גאָרנישט אָדער זער ווייניק ביי דער נייער סכוירע, קריגט אַ העלפט, דאָס איבריקע ווערט צעטיילט צווישן די מעשאָרסעס און אַלטערס זין אויף גלייכע כאַלאָקעס. נאָכן אָפּפּאַטערן די קוינעם פאַרבלייבט שוין די גאַנצע אַרבעט פאַר די מעשאָרסעס, וואָס דאַרפן פּאַקן, קלאַפּן די קאַסטנס, שלעפּן זיי, לאַדעווען אויף דראָזשקעס און אָפּפירן זיי אין די האָטעלן אָדער צו די באַנען צום סויכער.

אַ סאַך סכוירעס ווערן נישט פאַרפּאַקט אין קאַסטנס. די שאַכטלען מיט די שיך ווערן פאַרבינדן מיט שטריק און אָפּגע־טראָגן אין די מעבלירטע צימערן און אַכסניעס פאַר די זעקל־יידלעך, וואָס קויפן איין די סכוירעס פאַר פּראָווינסצער קוינעם. פון אַזעלכע זעקל־יידלעך מאַכט מען ביי אַלטערן שטאַרק כויזעק. אַלטער פּאַצעט אַליין פאַלט אויף זיי אָן, ווען זיי דינגען זיך צושטאַרק, און נעמט אויף זיי שרייען! „כונע כאַלאַוועטע, מאַטל־טשאַפּ, גיטל דראַפּ און נאָך אַנדערע צונעמעניש. אויף דעם איז אַלטער אַ ספּעציעלער מייסטער, טאָמער האָט אַלטער פּאַצעט אַ זאג־געטון מאַטל טשאַפּ, דעמאָלט איז שוין איר גוירל אַ גע־כאַסמעטער. אַלע קינדער זיינע נעמען זיך צו איר גלייך און רייסן פון איך פּאָלעס, שלעפּן פון איר ס'זעקל, רייסן די האָר פון שייטל, פון דער פאַרטשיילע גאַנצע שטיקער, זיי שפּעטן און כויזעקן אָפּ פון אירע רייד, לייגן איר אַריין אין קוישל פאַרשידענע ליידיקע שאַכטלען, אַנשטאָט מיט שיך, און מאַכן איר מיט בלאָטע צוגלייך.

ס׳זענען פֿאַראַן אויף דער וואָלעווע אַ סך שיך סאָכרעס, וואָס האָבן געוויס אַזעלכע און נאָך בעסערע סכוירעס ווי אַלטער האָט. זיי באַמיען זיך אויסצוכאַפּן ביים פּאַצעט די קוינעס. ס׳איז אָבער אַלעמאָל אומזיסט זייער מי. זעלטן ווען ס׳צעקריגט זיך אַ קוינע, אַ סויכער, מיט אַלטערן און לויפט קויפן סכוירע ביי אַ צווייטן. אַלע סאָכרעס זענען אַלטערן מעקאַנע. זיי ווונשן אים ס׳ערגסטע. זיי זידלען אים און שעלטן מיט טויטע קלאָלעס. זאָל זיך אָבער אַלטער פּאַצעט באַווייזן מיט צען איילן פֿון דערווייטנס, ווערט אַ געציעריי פֿון היטלען און קאַפּעלושן, אַלע ביקן זיך, נייגן זיך, און גריסן צו אים:

— מאָיע אושאַנאָוואַניע! גוט מאָרגן פּאַניע אַלטער! ס׳הערט זאָך נייעס! — מיט פּאָשעטע מענטשלעך, קליינע סאָכרימלעך און סטאַם אַרומשלעפּערס שטעלט זיך אַלטער פּאַצעט קיינמאָל נישט אָפּ רעדן. געגוג פֿאַר זיי זיינס אַ שמייכל, אַ נייג מיטן קאָפּ אָדער אַ פֿאַרבייגייענדיקער גוט-מאָרגן.

די איבריקע סאָכרעס מיט שיכוואַרג צייכנען זיך מיט גאָרנישט אויס. אָרימע הענדלער, וואַרטן זיי אויף איינצלנעקוינעס אָדער טשאַטצווען אָפּ, אויב ס׳גייט ווען אַרויס פֿון אַלטערן אַ גרעסערער סויכער, וואָס קען נישט מאַשווע-ווערן מיטן פּרייז. דעמאָלט גיבן זיך אויף אים אַלאָז די „פּאַך-ציערס" פֿון די געוועלבער. זיי שרייען אין אים אַריין, אַז נאָר ביי זיי קריגט מען די בעסטע „וואָרע", — „קאַקסלעדצוועט". זיי נעמען אים רייסן אונטערן אָרעם, ביי די פּאָלעס און אַרבל און פֿון אַלע זייטן.

דאָס האָבן די פּראָווינצער סאָכרעס נישט ליב, ס׳זעט ביי זיי אויס, אַז דאָ וועט מען זיי שוין זיכער אָפּנאַרן און אַריינשלייערן שלעכטע סכוירעס. ס׳העלפֿט גאָרנישט. אָדער זיי גייען צוריק צו אַלטערן, אָדער זיי קויפֿן נישט אויף דער וואָלעווע.

די סאָכרעס געפֿעלט זער די „דזשענטלמענישקייט" ביי אַלטערן אין באַצוג צו זיי. דאָס גרויס-געוועלבערישע האַלטען זיך פֿון זיינע מעשאָרסעס און פֿון אַלטערן אַליין העלפֿט

שטאַרק צו, אַז די סאָכרעס זאָלן מיינען, אַז דאָ וועט מען זיי נישט אָפּנאַרן.

עלע־מעלע גיט אכטונג אויף די שוסטער

שאַבעסצונאַכטס און זינטיק מעג מען אויפהאַלטן עטלעכע שאָ דאָס געוועלב. אַלע זענען דעמאָלט פאַרנומען מיט אָפּנעמען די שיך און שטיוול פון די שוסטער, וואָס ברענגען אַרויס זייערע אויסגעאַרבעטע סכוירעס פון אַ גאַנצער וואָך.

די סכוירעס זענען פּאַרפּאַקט אין גרויסע, ווייסע, ריזיקע קוישן מיט אויערן פון ביידע זייטן. צוויי געזעלן טראָגן די קוישן. דער מייסטער גייט נאָך פון הינטן און היט, אַז קיינער זאָל כאָלילע נישט אויפהויבן דעם צודעק, די קאָלירטע פּאַר־טשיילע פון דער מייסטראָווע, און אַ קוק געבן אויף די פרישע מוסטערן, וואָס ער האָט צו אַלטע־ן געבראַכט.

אַלע פון געשעפט באַטאַפּן און באַטראַכטן די גלאַנציקע פריש־שמעקנדיקע, לעדערוואַג. די ריינקייט, דער בלאַסק פון די אויסגעפּוצטע זוילן, דער וואַקס פון אַרום די נעט, די ווייסע העלקייט פון די זוילן פון די דאַמען שיך, די שוואַרצע גלאַנ־ציקייט פון די מענער שיך, שווינדלען אין די אויגן. מ׳קען זיך אין זיי שפּיגלען.

איין שוסטער טאָר נישט זען די אויסאַרבעטונג פון צווייטן, דאָס זענען געשעפטס סוידעס. עס טוט זיך שרעקליכעט אויב: אַ שוסטער־געזעלן וויל אַ קוק געבן אין אַ צווייטנס־קויש אַריין, אַ הייב געבן די ווייסע אָדער קאָלירטע „פלאַכטע”. ס׳פעלט אים מער גאָרנישט. אויב דער שוסטער האָט דאָס נישט באַ־מערקט, דאַן טראַגט עס אים גלייך אונטער ראַב עלע־מעלע אליין. אַזאַ געשלעג, וואָס ברעכט־באַלד אויס, ענדיקט זיך שלעכט.

גאַנצע שאָען דינגט זיך אַלטער אַרום מיט די שוסטער, ער רייסט פון זיי יעדעס מאָל די פּרייזן. ער „נאַזשעקעט”

אויף די שלעכטע צייטן, „גרימאשעט" אויף דער סכוירע, זוכט אויס, סטאַם אַזוי זיך פון דער העלער הויט, פעלערן, ער וויל צוריקוואַרפן די גאַנצע סכוירע, ווייל „ער וועט זיכער צו זיי צוליגן". אַלטער כאַפּט אויך אַלעמאָל פון די פּאָליצעס די שאַכטלען, וואָס שטיין אין דער לינקער זייט, איינע נאָך דער אַנדערער, עפנט ער זיי אויף, און ווייזט דעם שוסטער: — „נאַ זעט, ס'שטייט נאָך די גאַנצע סכוירע פון יענער וואָך"...

די גאַנצע צייט שטייט דערביי יוזשעק. ער היט דעם שוס-טער ס'זאָל זיך אים אַמאָל נישט פאַרגליסטן אויך אַרויס-צוציען א שאַכטל פון דער וואַנט און אַ קוק געבן צו ס'זענען טאַקע אַלע פול מיט שיכווארג. אויב עס פאַרגליסט זיך איינעם דאָס צו טון, גיט אים באַלד יוזשעק אַ פאַרהאַלט די האַנט און זאָגט, אַז מ'טאָר נישט נאָכמאַכן יענעמס פאַסאָנען.

עלע-מעלע „נאַ פלאַצו"

עלע-מעלע האָט געהאַט צוועלף קינדער. פיר פון זיי זע-...ען אָפּגעשטאָרבן. אַכט זענען געבליבן לעבן. די קינדער און די ...פרוי זענען אַלע פונקט אַזעלכע קליינע ווי עלע אַליין. קיינ-...מאָל קומט עלעס פרוי נישט אַריין צו אַלטערן אין געוועלב. אויב א קינד ווערט קראַנק און זי דאַרף אַ פּאָר רובל, קומט ...י צולויפן און שטעלט זיך פאַרן געוועלב. זי דרייט זיך ...אָרטן אַזוי לאַנג, ביז ראַב עלע באַווייזט זיך אין דרויסן. ...ריינגיין צו אלטערן אין געוועלב, האָט איר עלע פאַר-...באָטן.

ווען נישט די טרינק-געלטער, וואָלט עלען זער ...שלעכט געווען. קיינמאָל וואָלט ער נישט אויסגעקומען מיט ...ער צענרובליקער פענסיע אַ גאַנצן כוידעש. ס'זענען פאַראַן אַ ...אַך אַנדערע מעשאָרסעם, וואָס פאַרדינען צו פינף-און-צוואַנציק ...ובל א כוידעש און זענען א סאַך ייִנגער פון עלען. עלע-...מעלע „נאַזשעקעט" אָבער קיינמאָל נישט. ער איז צופרידן, ווען

דער אַלטער גיט אים אַ קוויטל „ערעוו-פייסעך", אין „בייס-לעכעם" און א טאָפּלטע פּענסיע פאַר דער ערעוו-יאָנטעדיקער וואָך, אַ פּאָר נייע שיך פאר אים און עטלעכע אַלטע פאַר דער פרוי און קינדער. דעמאָלט כאַפּט עלע-מעלע דעם אַלטנס האַנט, קושט זי עטלעכע מאָל. דערנאָך לויבט ער אַלטערן אויף דער גאַס, פאַר די שכיינעם, אַז „אַזאַ מאַלאָך ווי ער איז, האָט נאָך קיינער נישט געזען".

ווען ס'איז נישטאָ קיין סעזאָן, דעמאָלט „סטרויעט" זיך עלע-מעלע אויס אין א פּאָר נייע שיך צום „איבערטרעטן", ער טוט זיך אָן דאָס כאַלאַטענע אָפּגעריסענע רעקל, די לאנגע אויסגעצויגענע, צעקנייטשטע הויזן לאָזט ער אריבער די שיך, ער נעמט מאַרשירן אהין און צוריק פאַרן געוועלב.

זיין מינע איז א „כראַביאָווסקע". ווער קען זיך גלייכן צו עלען? דער שטעל, דער גאַנג, דאָס פאַרוואָרפן אַלעמאָל מיטן „עלע-מעלעוואַטן" קעפּל, וואָס איז שטענדיק פאַררוקט אין אַ זייט. דאָס מיצקעלע „נאַ באַקער", קוועטשט אַראָפּ די אויערן און לייגט זיי איין אין פאַלדן. ער באַטראַכט יעדן פאַרביי-גייער מיט אַן אָנשטעל פון אויבן ביז אַראָפּ. זיין גאַנג איז אַ זיכער האַלטן זיך פון אַ געוויר, אַן אוישער, וואָס די גאַנצע וועלט איז זיינע.

נישט מיט יעדן קוינע שטעלט זיך עלע אָפּ רעדן. אַ שאָד זיין טייערע צייט. טאָמער גייט אדורך זיינס אַ קוינע, וואָס דאַרף אַפילע איצט קיין שיך נישט קויפן, פאַרהאַלט אים עלע. ער פרעגט זיך באַלד אויס, קלומערשט אויפן געזונט: „ס'מאכט מע, מע, מע"? דערנאָך גיט ער אַ פרעג, וואָס מאַכן די שיך, שיך, שיך. גלייך גיט ער אים פארשידענע אייצעס און צום סאָף פאַרפעלט ער נישט זיין שטענדיקן פיזמען: — „געב פאפּיראָס געב, געב, געב!

ער פאַרויכערט בענימעסדיק, פאַרלייגט זיך די קורצע הענטלעך הונטער דער פלייצע. איין האַנט דערגרייכט קיינמאָל נישט צו דער צווייטער. אָבער עלע האַלט אין איין אַריינשטעקן הינטנארום איין האַנט אין לינקן ארבל אריין.

עלע גיט אַכטונג, אַז די מעשאָרסעם זאָלן נישט שטיין ליידיק. זיי זאָלן האַלטן אויג, נאָכלויפן אַ קוינע, אַריינציען אים נאָר צו זיך אין געוועלב. אויב ער דערשמעקט מיט זיינע שנעל-לויפנדיקע אויגן עפּעס איינעם, וואָס אים דוכט זיך, אַז עס איז זיינס אַ קוינע, נעמט ער דעמאָלט לויפן שנעל, גיך, ער רופט זיך צוהילף אַ מעשאָרעסל און „דרעפּשטעט" צום אָרט ווי דער קוינע שטייט.

ווען ער קומט צו און טרעפט דאָרטן אינדערמיטן זיינס אַ קוינע, אָדער דעמאָלט ווען עס איז נאָר אַ פרעמדער, הייבט ער אָן מיט זיין לאָשן:

— פּע פּע, פּע-פּע, ס'פּאַסט ניש. אַך, אַך, אַך! ווי קומט איר גיין אַנדאָר, אַנדאָר געוועלב, וועלב. ראַן, אַראַן!

ער כאַפּט אים באַלד אונטערן אָרעם, מיד דער הילף פון אַ מעשאָרעסל, רעדט ער אים אַ פּאַפּיראָסל און פירט אים צו זיך אין געוועלב.

טעטשע מאמזער פירט איין נייע „פּאָזשאָנדקעס"

גלייך ווי טעטשע נעמט איבער די מעמשאָלע ביי אַלטערן ...ין שטוב, הייבט זי אָן אויסדרעסירן סאָרטשען און איינפירן ...יע „פּאָזשאָנדקעס".

קוידעם-קאָל ליידן דערפון אין דער ערשטער ריי די ...גשאָרסעם, וואָס זענען אויף „גאַנצן אויסהאַלטן". אזעלכע ...ומזיסטע פרעסער" „זענען נישט קראַנק און געשוואָלן צו עסן ...ין קיך און נישט מיט אַלעמען צוגלייך". פאַקטיש איז דאָס ...ילע בעקוועמער פאַר די מעשאָרסעם, ווייל ביים טיש פילן ...י זיךשטאַרק אומבאַקוועם. די אויגן פון די קינדער, דער איקער ...ין טעטשעס, קינדער, „עסן האַלב-אַרויס פון די טעלער" פון די ...גשאָרסעם.זיי באַטראַכטן שטענדיק די פרעסערס ווי זיי וואַלטן ...עמען באַגאַנוועט מיט זייער עסן. דאָס פלוצימדיקע איבערגיין ...ן אין קיך ווירקט אויף אַלע מעשאָרסעם זער שטאַרק. פון

קליין, ביז גרויס, קענענאלע „מענטשן" זיך נישט קוקן אין פאנע אריין פאר כארפע, די ערשטע טעג שעמען זיי זיך ווארט אויסצורעדן. יעדער איינער קומט באזונדער עסן, קעדי כאטש מיט זיין כארפע אליין צו זיצן. שפעטער געוויינען זי זיך צו. די נעקאמע קומט ווי אלע וואלטן זיך געוועזן אפגערעדט די מעשארסעם נעמען איצט נישט עסן נאר פאשעט פרעסן אלעמאל פארפעלט זופ און פלייש פאר די באלעבאטים. גיט זי סארטשע א קער אין דער זייט, „שפרינגט שוין" ארויס פו טאפ א שטיקל פלייש.

וואס אמאל ווערן די שטיקלעך נאך גרעסערע, ביז ווי נען די קלוגע „פויטיפערעניצע", ווי די מעשארסעם גיבן ט טשען א נאמען, קליגט אויס א גייעם פלאן. זי ב פעלט, אז די מעשארסעם זאלן ארויפשיקן אין שטוב איינע וואס זאל פאר אלעמען אראפברענגען מיטאגן און פרישטי אין געוועלב אריין.

ס'העלפט אבער דאס אויך נישט. די מיטאגן און פרישטי ווערן פארעכנט פאר געלט. ביים אויסצאלן די פענסיע, אד ביים פאדערן א הויסאפע, שרייט אלעמאל אלטער אויס, אזא מיטאג „זאלסט גיין אין רעסטאראציע, וואלסטע באצא עטלעכע גילדן." שטענדיק קומט אויס, אז עס קומט א נאך א רעשט.

די מעשארסעם קענען קיינמאל קיין מינוט זיך ני אפרוען ביים מיטאג. אויב ס'עסט ווער א ביסל לענגער, וויל א ביסל אפכאפן דעם אטעם, ווארט אויף אים באלד פסאק פון דער באלעבאסטע:

—נישקאשע פין א מיטאגל ר'עסט זאך מאן פאר לעבן! דריי שא צאט קא ניינע-ארע אפגעזעסן זאך! דריי טאגן וואלטאך נאך דער צאט אפגעגעסן!

די מעשארסעם מוזן נעמען זיך קליגן. אין קורצן געפ זיך אן אייצע צו טעטשען אויך.

ביי טעטשען אין טאגדייט געוועלב ארבעט א גראבער, פעסט געבויטער „מענטש" וואס חאט א פול פאנעם מיט „ייצער-אר

קרעצלעך, ער קריגט אַלעמאָל פון סאַרטשען גרויסע פּאָרציעס עסן. ער כאַפּט זיך איר שטענדיק אונטער. איצט שמועסן זיך אַלע מעשאָרסעם אָפּ און נאָר זיי שיקן אים ברענגען עסן פאַר אַלעמען. ער זאָרגט שוין טאַקע, אַז פון דער „שיסל זאָל ווערן א טעפּל"

טעטשע אַ שטיף־מאמע — אַ טאַנדייטניצע

טעטשע טוט אָן גרויסע צאָרעס אַלטערס קינדער פון דער ערשטער ווייב. קוידעם־קאָל פירט זי אַדורך, אַז אירע קינדער זאָלן נאָכמיטאָג אריינקומען צו איר אין געוועלב — אין טיינדייט קראָם. דאָרטן, — דאָס זעט מען דייטלעך דורכן פענסטער, — ווייל די קינדער אירע שטעלן זיך דאָרט אוועק עסן און ארויסקוקן אויף דער גאַס, — קריגן זיי פארשידענע נאַשווארג, פּאָמעראַנצלעך, קיכלעך און אנדערע גוטע זאַכן.

טעטשעס קינדער זענען זער דיקלעכע — געגראָטן אין גראָבן טאַטן, — זער הויכע, געגראָטן אין דער מאַמען, — גרויסע, איבער די יאָרן אַריבערגעוואָקסענע.

טעטשעס און אַלטערס קינדער ברויגעזן זיך אַלעמאָל. און כאָטש אַלטערס קינדער זענען שטענדיק צוריקגעהאַלטן, — זיי באַמיען זיך זייער פּיינטשאַפט נישט ארויסצווייזן, — זעט דאָס די גאַנצע גאַס ארויס דייטלעך. אַלע פארשעלטן טעטשען פאר איר שטיפמאַמערישקייט. נישט איינמאָל קומט צולויפן אַ פעטער, סארעס אַ ברידער, קריגן זיך אויף דער גאַס מיט טעטשען. אויפוואַרפן איר, אַז זי צעברעכט און מאַכט אַ טעל פון די קינדערס לעבן. טעטשע ענטפערט אים קיינמאָל נישט אָפּ אויף דער גאַס. זי גייט באַלד אַריין אין געוועלב און ווארט אָפּ ביז יענער ווערט מיד און טראָגט זיך אָפּ. דאָס טוט זי אָבער נישט פון איר שטאַרקער איידלקייט.

ביי שיך סאָכרעם טרעפט זיך זעלטן זיי זאָלן זיך דארפן אַרומקריגן צווישן זיך. יעדנפאַלס קומט דאָס ביי זיי פּאָר אין

איינצלנע פאַלן.

דערפאַר אָבער קומען פאַר ביי די טאַנדעטניקעס עטלעכע מאָל אין טאָג געשלעגן, אַריגעס און קריגערייען ווערן אויסגעכאַפּטע קוינעס. אויף איין זייט וואָלעווע זענען באַזעצט די טאַנדעטניקעס, איין געוועלב האַרט לעבן אַנדערן, אַלץ בלויז געוועלבער מיט מאַלבישעם. ס'איז דעריבער אוממעגלעך זיי זאָלן זיך נישט אַרויסרייסן פון די הענט אַלע קוינעס, וואָס גייען לעבן זיי פאַרביי. לעבן טעטשעס געוועלב געפינען זיך געשעפטן פון בלימע הונט. פון איר שוואָגער כאַיעם מאָפּס, פון שיע באָרק, שמערל קאָזע, כאַנע קאַרטאָפלע, און וועלוול קאַטשקע. יעדער האָט זיין נאָמען וואָס איז אים געקומען פון זיין עלטער זיידן. אָן אַ צונאָמעניש איז גאָר אוממעגלעך אויף דער וואָלעווע צו עקזיסטירן.

ס'טרעפט זיך גאָרנישט ס'זאָל אַדורגיין אַ קוינע ס'זאָל אים נישט פאַרטשעפּען און נישט רייסן פאַר די פּאָלעס. די סאָכרעם אַליין הייבן דאָס קיינמאָל נישט אָן. דערויף זענען פאַראַן „מענטשן", וואָס מ'צאָלט זיי. די מעשאָרסעם מאַכן צווישן זיך דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען זיך דאַם-סאָנעם און רייסן זיך שטאַרק מיטן קוינע אַרום.

אָבער אַסאַך מיינען עס טאַקע מיטן גאַנצן האַרץ. זיי שלאָגן זיך אַרום איבער יעדן קוינע. דעמאָלט רעדן זיך אַלע צונויף און „בויקערן" אים גוט אָן. מ'פאַלט אויף אים אַרויף דעמאָלט גראָד, ווען ער שלעפּט אַ קוינע און מ'רייסט אים פון אַלע זייטן, אַז ער בלייבט ליגן מיט אָפּגעריסענע מאַלבישים.

דער אָנשטעל פון קריגן זיך צווישן די מעשאָרסעם מוז אָבער אָנגעהאַלטן ווערן. זער שטאַרק מוזן זיך די מעשאָרסעם היטן די באַלבאַטעם זאָלן נישט באַמערקן, אַז דאָס אַרומרייסן זיך איז נאָר אַ „לעפּאָנעמדיקס".

ווען אַזאַ קריגעריי קומט פאָר, קריכן אַלעמאָל די באַלעבאַטעם אַרויס פון די נאָרעס, פון געוועלב, זיי שטעלן זיך אַוועק אין אַ פּאָזע אין וואַרטן אָפּ, וואָס זייערע „מענטשן" וועלן

דאָ אויפטוען. ווי איז צום מעשאָרעס, אויב ער לאָזט זיך אַזאַ קוינע פון די הענט אַרויסרייסן.

יענטע הונט — סרול בולץ

אַ כוץ די שיך-סאָכרעם און טאַנדעטניקעס זענען פאַראַן אויף דער וואָלאָווע נאָך פאַרשידענע הענדלער און אויפקויפער וואָס האָבן נישט קיין אייגענע געוועלבער. זיי דרייען זיך נאָר אזוי ארום אין גאס אויף פארשידענע ערטער, זיי קויפן אויף קראָמען סכוירעס און דערנאָך פארקויפן זיי אלץ אויפן הורט די סאָכרעם.

איינער פון זיי, סרול-בולץ, האנדלט מיט נייע זעלנע- רישע שיך און שטיוול. ער קויפט אויס פון ליציטאציעס, ביי פאָדראיטשיקעס, וואָס מ'האָט זיי אָפגעוואָרפן דעם פאָדראד, גאַנצע קראָמען, דערנאָך זוכט ער ארום קוינעם, הורטאָווניקעס אָפצושטופן די סכוירעס.

סרול בולץ איז טאָקע דער עמעסער „בולץ", אַ ייד, אַ מיטלגעוויקסיקער, מיט אַ פאָר ברייטע פלייצעס און יאָדאיעם, ווי ביי אן אַ אטלעט, אַ פאַר גראָבע פיסקעס און גרויסע, אויפגעלאָפענע אויגן פון א שיקער. ער גייט שטענדיק אַרום מיט איין און די זעלבע שטיוול אונטערן אָרעם. זיי זענען ביי אים אַ שילד, מ'זאָל וויסן מיט וואָס ער פארנעמט זיך.

אַלע טאָג קריגט ער זיך אַרום מיט זיין קאָשערע יידענע. זי האנדלט מיט טאנדייט סכוירעס און וועש. — בלויז „שאָריע".

יענטע הונט איז אַ יידענע. אַן „איישעס-כאיעל". זי שלאָגט דעם מאַן. אַז עס גייט אַ רויעך. מיט אירע שמאַטעס לויפט זי אים נאָך, אויב ער גייט ארויס פון א רעסטאָראַן אָדער זי ווערט געוואויר וועגן זיינס אַ פרישע קאלע, אַ נייע „לובאָטשקע": זי פאקט אים דעמאָלט אָןביים קורצן בערדל און שלעפט אים צו זיך. זי קאטעוועט אים מיטן אלטווארג, אַז ס'איז אַ שרעק צו זען. ער רייסט זיך פון אונטער אירע הענט אַרויס,

לאָזט איבער גאַנצע שטיקער באָרד און אַנטלויפט. יעצנטע לויפט אים נאָך. די לאַנגע נאָז אירע מיט די פולע וואָרצלען און האָר, ווערט נאָך גרעסער, גאָך לענגער און נאָך רויטער. דאָס שייטל רוקט זיך אַלעמאָל אַראָפּ פון קאָפּ. זי בלייבט דעמאָלט שטיין מיט אַ גאָלן קאָפּ. די ספּודניעצעס, די יאַקעס, אַלץ, וואָס זי טראָגט, צעלאָזן זיך, צעקנעפּלען זיך און פאלן אַראָפּ. זי בלייבט אָבער נישט שטיין, זי מוז אים נאָכאמאָל פּאַקן און אריינצייִלן ווי ס'דאַרף צו זיין. גאַנצע שאָען דויערן אָפטמאָל זייערע אַוואַנטורעס מיט די קריגערייען און אַרומלויפן. די וואָלאָווע־סאָכרעם פארגעסן אין די שטענדיקע קריגערייען, זיי לאָזן איבער אויף הפקר אָדער נעמען מיט אויף וואונדער די קוינעם, וואָס קוקן זיך צו צו דער געשעעניש און לאַכן מיט.

אַלטערס באָנעם

איין זון אַלטערס אַרבעט נישט ביים פאָטער. ער האָט געפּאַקט אַ שטעל אין אַ לאָמבאַרד. דאָרט איז ער בוכאַלטער.

לוטעק איז אַ הויכער, אַ בלאָנדער, אַ שיינער יינג, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס. ער גייט אָנגעטון ווי אַ גימנאַזיסט, כאָטש ס'איז שוין מער ווי צוויי יאָר ווי ער האָט איבערגעריסן דאָס לערנען אין גימנאַזיע.

נאָך פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג, ווען דער לאָמבאַרד איז שוין געשלאָסן, קומט ער אהיים און זעצט זיך אַוועק אין געשעפט. ער נעמט זיך באלד סוידען מיט יוזשעקן. גאַנצע מייסעס דערציילט ער אים פון זיין „אַלטע", די אייגנטימערין פון לאָמבארד. ער זאָגט, אַז זי איז נאָך אַ גאַנץ יונגע און אַז זי האָט צו אים „כיישעק". ער רימט זיך פארן ברודער, אַז ז'„טשעפּעט" זיך צו אים. דער נאָך שעפּטשעט ער שוין שטיל אַריין אין יוזשעקס אויער מייסעס וועגן איר און וועגן דער „אַלטערס" טאָכטער, אַ זיבצן יעריק מיידל, וואָס באשטעלט זיך מיט אים שטענדיק אויף „ראַנדקעס".

אַלע אַלטערס קינדער שפּיצן אָן מויל און אויערן און הערן אויס לוטעקס מייסעס. אַפילע דער ייִנגסטער דודעק, נאָך אַ יאָט פון צען יאָר, שטעלט אונטער ס׳אויער און וויל אויסכאַפּן אַ וואָרט.

מעכל מאַכט זיך נישט הערן, קלוימערשט ס׳אינטערעסירן אים נישט די אַלע זייערע מייסעס, אָבער שטילערהייט שאַרט ער זיך צו נאָנט צו זיי, טוט זיך נאָך שטאַרקער אַריין אין דער אַרבעט און הערט אַלץ אונטער. ער שפּיצט אָן די אויערן און כאַפּט אויף יעדן שאָרך. די שעפּטשענדיקע רייד גיסן זיך אַריין אין אים און אַ וואַרעמקייט גייט אים אַדורך איבערן לייב, אַז ער ווייסט אַליין נישט, וואָס ער טוט.

מעכל וואונדערט זיך שטאַרק, ער האַלט אַלטערס זין פאַר זער וואַזשנע, געבילדעטע און איידעלע קינדער. ער קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז אַזעלכע גימנאַזיסטן, וואָס גייען אָנגעטון אין שיינע מונדירלעך מיט די מעשענע קנעפּ, זאָלן רעדן אַזעלכע רייד.

נאָכמער וואונדערט אים, וואָס טעטשע אַליין רעדט מיט די גרעסערע זין אַלטערס אויך אין אַזאַ לאָשן.

אויב זי באַמערקט, אַז סטאַשעק אָדער יוזשעק קריגט אַ „ייִצער-אָרע-קרעצל״, מוז זי באַלד זאָגן:

— אָ, סטאַשעק דאַרף שוין אַ „דאָקטערין״!

אין אָנפאַנג כאַפּט זיך נישט מעכל אויף אַזעלכע פאַר-שטעלטע רייד. דערנאָך אָבער, ווען ער זעט ווי סטאַשעק ווערט רויט און בלאַס און ווי יוזשעק שמייכלט מיט אַ צע-פלאַמט פּאָנעם, ווי ביידע שושקען זיך אין די אויערן, פאַרשטייט ער שוין וועגן וואָס דאָ גייט.

פון די אַלע רעדערייען קען מעכל ביינאַכט נישט שלאָפן און וואַרפט זיך אויפן געלעגער. אָבער ביי טאָג איז ער אַזוי פאַרנומען און פאַרהאָרעוועט, אַז ער האָט נישט קיין צייט דערפון צו טראַכטן.

אַלטערס באָנעם הערן שפּעטער אויף פון מעכלען אָפּ-צוכויזעקן פון זיין אויסזען. אָבער זיין פויליש-רעדן רופט

שטענדיק אַרויס ביי זיי אַ שטאַרק געלעכטער. דאָס פּאַרטריסט מעכלען גאָר שטאַרק. מעכל נעמט באַלד קלערן ווי אַזוי ער דאַרף מאַכן ר'זאָל זיך אויסגלייכן מיט זיי אין רעדן פּויליש.

מעכל ווערט אַן אַפּיקורס

ווען מעכל איז אָנגעקומען צו עלטערן, איז ער נאָך קיין גאַנצע צוועלף יאָר נישט אַלט געווען. אַ כּוץ די ביכלעך, וואָס ער האָט זיך אַליין געקויפט האָט ער קיין אַנדערע נישט געלייענט.

די אַלע ביכלעך זענען געווען אַלץ „באָבע-מייסעס" פון „קישעפמאַכער" אָדער „וואונדערליכע" און העלדישע „פּאַסירונגען". די שאַבאָסעם פאַרברענגט מעכל מיט מאָטל בערדיטשעווערן. זיי גייען צומייסטנס אין קאָמפּאַניעצעס טעאַטער, זעלטן שוין אין קאַמינסקעס. דאָרט איז צו ווייט פאַר זיי. אויפן באָניפראַטן-פּלעצל, אין פּאַרק, כאַפּן זיך יאַטן אריבער איבערן פּלויט. זיי ברענגען זיך אַזוי אַרום איין אַן „אירעס" צו קויפן פאַר אַ צווייער. באַלד לויפן זיי צו די וואָזשנעס אין טעאַטער, אָדער צו די אויפקויפערס. פאַר אַ פּירער האַנדלען זיי איין אַ „קאָנטראַ-מאַרקע".

די טעאַטער פאַרשטעלונגען געפעלן מעכלען קיינמאָל נישט. שטענדיק שרייט ער, אַז ער אַליין וואָלט בעסער געשפּילט. נאָר פון זינגען אַליין קוועלט ער אָפּ. אַלע לידער קען ער פון אויסנווייניק. גאַנצע טעג הערט זיך נאָר זיין געזאַנג, וואָס גייט הינטער דער נאָז שטילערהייט. אויב ס'בעט אים עמעצער העכער זינגען, הייבט ער אָן צו פייפן ס'זעלבע ליד.

דערפאַר מאַכט ער שוין אין שטוב די עמעסדיקע „געוואַלטן". אַ גאַנצן אָוונט שטייט ער אָפּ שאַבעסצונאַכט ביים פענסטער. ער שרייט דעמאָלט אַזוי הויך, ביז ער ווערט הייזעריק.

מאָטל לאָזט זיך נישט צורעדן צו גיין אין קינאָ, ווי מעכל וויל. אָבער נאָכן טעאַטער מוז מעכל זיינס אויספירן.

דעמאָלט שלעפּט ער מאָטלען אין דריי קינאָס אריין, איינ־ נאָכן אַנדערן.

ביים ארויפקומען צו מאָטלען שאבעס אין שטוב, זעט ער אַ סאך מאָל, ווי מאָטלס שוועסטער לייענט שטענדיק ביכער. מעכל קוקט זיך אַלעמאָל צו צו די ביכער און זעט, אַז אַלע זענען זיי פּוילישע. ער שטארקט זיך איינמאָל און פרעגט די שוועסטער צי אין איר „טשיטעלניע" קריגט מען ביכער פאר אים. מאָטלס שוועסטער קוקט אים שטארק אָן און פרעגט אים צי ער וואָלט זיך אויך געוואָלט איינשרייבן אין א ביבליאָטעק. מעכל שאָקלט צו מיטן קאָפּ אויף יאָ. ראָזע זאָגט אים אים באלד, אַז אין איר ביבליאָטעק וועט ער דאָס גישט קענען טון. זי הייסט אים צו גיין אויף דזשיקע דרייצן, דאָרט זיך פארשרייבן. מעכל ווארט נישט אפילו קיין איין טאָג, אין אַ פּאָר שאָ אַרום איז ער שוין דאָ אין ביבליאָטעק און פאַר־ שרייבט זיך.

ס׳ערשטע ביכל קריגט ער אין יידישן: „קאפּיטאן דריי־ פוס". מעכל שעמט זיך צו זאָגן, אַז ער ווייסט נישט וואָסער ביכל ער וויל לייענען. עס גליטשט זיך איס פּאָשעט אַרויס דער נאָמען, וואָס מ׳שרייבט וועגן אים אין די צייטונגען.

צום צווייטן מאָל קומט שוין מעכל מיטן ביכל אונטערן אָרעם, איידער ער גייט טוישן קלויבט ער זיך אַליין אויס פון קאַטאַלאָג עטלעכע ביכער אין דער פּוילישער שפראך. דאָס זענען אָבער אַלך אַזעלכע ביכער, וואָס דער ביבליאָטעקאַר זאָגט ער זיך עס אים אָפּ אַרויסצוגעבן: — „ס׳איז נישט פאַר דיינעט וועגן, וועסט נאָך צייט האָבן די ביכער צו לעזען". דאווקע דאָס פארדריסט מעכלען אמשטארקסטן. „וואָס הייסט עס, אַז ער, מעכל וועט נישט פארשטיין"? צי ווייסט ער דען נישט מעכל, אַלע מייסעס וועגן מיידלעך און יינגלעך עפּשער נאָך בעסער ווי זיי, די דערוואקסענע?" מער ווי צוויי וואָכן נעמט דאָ מעכל נישט קיין ביכער. ער טראָגט זיך איבער צו ברעסלערן.

דאָ פּראָבירט זיך שוין נישט מעכל אַליין אויסצוקלייבן

קײן ביכער. ער גײט צו צום אײגנטימער און פרעגט אים צי מ׳קען בײ אים באקומען ביכלעך אין פױליש פאר אזעלכע ײנגלעך װי ער איז. באלד דערלאנגט ער אים א גאנצן קא־טאלאָג. מעכל פאַרשרײבט מער װי א העלפט צו זיך אין ביכעלע.

הײנט װאױנט שױן מער נישט מענדל קוליק אױף סטאװקע גאס. איצט װאױנען שױן די עלטערן בײ זלאטע די רעבעצין, בײ אַריע לײבן אױף פּאָקאָרנע.

די מיטלסטע גרױסע שטוב איז איבערגעהאַקט אױף צװײ טײלן און פאַרשטעלט מיט אַ שפּאניש־װענטל. אין אײן העלפט װאױנט כאיע־ראָכל מיט איר מאַן צאָדיק גוילאָם און אין דער אַנדערער העלפט װאױנט זלאַטע די רעבעצן מיט אירע דרײ קינדערלעך און די גאנצע אַריע־לײבס פאַבריק.

דעם אַלקער פארנעמט אַ פּאָרפאָלק, א ײנגס, נאָרװאָס מיט צװײ יאָר כאַסענע געהאַט און שױן געבוירן צװײ קינדערלעך, װאָס װאַלגערן זיך שטענדיק אַרום אױף דער שמוציקער פּאָד־לאָגע. די מאַמע און דער טאַטע זײערער אַרבעטן בײ בערשטלעך. די אַרבעט איז אַ ברודיקע און ס׳שפּירט זיך שטארק פון די כאַזער־האָר. קײנמאָל קען די מוטער נישט צוגײן מיט אירע פאַרקלעפּטע הענט צום זױג־קינד, דאָס קינד מוז װערן אונטער־געטראָגן דורך זלאַטען צו דער ברוסט, אַז זי זאָל עס קענען אָנזײגן.

אין קיך, װי שטענדיק, װאױנט מענדל קוליק מיט זײנע צװײ קינדער, דאָרט שטײען צװײ הילצערנע אַלטע בעטן און אַ שאַנק, דאָס ו...רשטאטל און דער טיש. דאָס איז מענדלס גאַנצע פארמעגן.

אין קאָרידאָר שטעלט מען בײנאכט אױף אַ „צוזלײג״־בעטל. דאָרטן שלאָפן בײדע יאַטן, מעכל מיטן ברודער הערשל.

זײט מעכל נעמט ארױס ביכער צום לײענען, גרײט ער זיך אָן אױף בײנאַכט אַ קלײן נאפט־לעמפל, אַ „גאַגעלע״, װאָס שטײט אױפן קעסטל, נאָנט צו קאָפּנס. װען אַלע שלאָפן שױן,

צינדט מעכל אָן „ס׳גאַגעלע״. ביים דאָזיקן שיין לעזט ער עט-לעכע שאָ, ביז וואנען ר׳דערהערט, אַז דער טאַטע וועקט זיך, דעמאָלט לעשט ער גיך אויס ס׳גאגעלע און באַהאַלט ס׳ביכל אונטערן קישן. לאַנג, לאַנג דערנאָך, קען ער פון אויפרעגונג, צו-ליב דעם איבערגעלעזענעם, נישט איינשלאָפן. נישט איינמאָל פּאַקט אים דער פאָטער, ווען מעכל איז שטאַרק „פאַרברענט אין לייענען.״ ווען דער טאטע וועקט זיך אויף און דערזעט דאָס „גאַגעלע״ ברענען, גיט ער א געשריי:

— ווער ז׳דאָרטן, וואָס ברענט זאָך?

מעכל, קלוימערשט אַ פאַרשלאָפענער, ענטפערט איב:

— ז׳אָבן מאָך שרעקליך צעביסן!

אָבער נישט אַלעמאָל גייט עס אים אזוי לייכט אָן אָפּ-צונאַרן דעם טאטן. נאָך אַ פּאָר מאָל אַזוי טרעפן ביים ליכט-ברענען, פוילט זיך נישט מענדל פאמעלעך אַראָפּצוקריכן פון בעט און פּאַקט דעם טאַכשעט אין מיטן פארכאפטן לעזן. מעכל דערשרעקט זיך, ווען ער דערזעט פּלוצים אין בלויזן העמד שטייען פאר אים ווי א נישגוטן, דעם פאָטער. די פארשמוציק-טע, לאַנג נישט-געוואַשענע פיס, ווייזן זיך אים אויס, ווי ס׳וואָלט פאר אים געשטאַנען אַ „מעס״, אָדער אַ „שעד״, וואָס רייסט אים אַרויס ס׳ביכל פון דער האַנט. מענדל לאָזט אים אָבער זיך לאנג נישט פארטראכטן. ער צערייסט אויף פיצלעך ס׳ביכל, לעשט אויס ס׳לעמפל און שרייט אים אָן:

— שוין וואטאָ די „טרייפע-פּאָסלס״, אזאַ אַפּיקוירעס אויכגעוואַקסן!

קיינמאָל זעט שוין מעכל פון טאַטנס האַנט קיין ביכל לעבעדיק נישט אַרויס.

מעכל וויל גיין אין שקאָלע

כאָטש זלאַטע איז טאקע פרום ווי א רעבעצן, פירט דאָך אריע-לייב אויס זיינס. ער שיקט דעם עלצטן זון זיינעם אין גמינע-שקאָלע אויף פּאָקאָרנע- דאָרט געפינט זיך די גמינע-אַגראַר-שולע, וואו ס׳לערנען זיך ביי אַ פערציק — פיפציק יינגלעך מיט גאַנצע קעסט און קליידונג.

אַריע-לייב פירט זיין קליין וועש-פאַבריקל מיט גרויס פּאָמפּע. ביי קיין פאל וויל ער נישט, אַז דאָס פאבריקל זאָל זיך רופן „וואַרשטאַט". הארגע אים אויף טויט און דער „וואַרשטאַט" מוז הייסן „פאַבריק". דאָס גרויסקייט זיינס איז אַזוי שטאַרק, אַז אַלע זיינע קינדער גיט ער טאָפּלטע נעמען. ס׳פּאַסט נישט פאַר אַזאַ גרויסן בעקאָוועדיקן מענטש, ער זאָל נאָר האָבן איין נאָמען. די נעמען ווערן אַלע גענומען פון דער אַפּטוירע. די קינדער הייסן: שמיל-יאַנקל, אַרן-פייסעך, ריוון-גאָדל, די פרי-ערדיקע דריי זין, וואָס זענען שוין לאַנג אויפן בייס-אוילאָם האָבן געהייסן מוישע-שאַיע, כאַיעם-ביניאָמען, מאָרדכע-יאָסעף.

מענדל קוליק מאַכט אַלעמאָל כויזעק פון אַריע-לייבן. ער פרעגט אים, וואָס ער וואָלט געטון, ווען ער וואָלט געהאַט אַזוי פיל קינדער ווי ער. אַריע-לייב האָט אים שטענדיק וואָס אָפּצוענטפערן:

— סי מאָר א וווּנדאָר וואָס דע שווער רעדט! מ׳אָמאָר דאָך אזאַ הייליקע טוירע, — וואָלט מאָר אויסגעפּעלט נעמען?

מעכל קוקט מיט שטאַרקער קינע ווי שמיל-יאַנקל גייט מיט די ביכער אין דער שקאָלע און דערנאָך ווען ער קומט און זעצט זיך אַוועק מאכן די לעקציעס,

כאָטש שמיל-יאַנקל איז יינגער פון אים מיט צוויי יאָר, שעמט זיך מעכל נישט און שטעלט זיך אוועק לעבן אים נאָכקוקן ווי ער מאַכט די לעקציעס. אַ סאַך פון דעם נאַשט ער אָפּ. ער נעמט אים אויספרעגן וועגן יעדער אַדורכגעמאַכ-

טער לעקציע. שמיל-יאַנקלען שמייכלט שטאַרק, וואָס מעכל, דער גאַנצער „קנאַקער", פרעגט אים אַזוי אויס. ער איז זיכער אַז מעכל קען אַלץ בעסער פון אים. אים דוכט זיך, אַז מעכל וויל אויספאָרשן, צי ער קען די לעקציעס און ווייסט טאקע אַזוי פיל. שמיל-יאַנקל פלייסט זיך אַלץ געטרי איבערצוכאַזערן, וואָס מ'לערנט אין שקאָלע. מעכל שלינגט יעדעס וואָרט ווי לאָקשן.

נאָך אַ לענגערע צייט אויספרעגן אים, ווערט שמיל-יאַנקלען פּאַרמיאוסט זיין פרעגן זיך. ער וויל שוין פּאָטער ווערן פון מעכלען. דעמאָלט זאָגט אים מעכל, אַז ער וואָלט אויך געוואָלט גיין אין דער זעלבער שקאָלע ווי ער גייט. דאָס געפעלט שמיל-יאַנקלען. ביידע רעדן זיך אָפּ, אַז שמיל וועט געוואויר-ווערן ווען דער „דירעקטאָר" פון דער שקאָלע נעמט אויף, דעמאָלט וועלן ביידע צו אים אַהינגיין ער זאָל מעכלען אויך איינשרייבן.

אין אַ זונטיק-אָוונט קומען ביידע יאַטן אויף פּאָקאָרנע. שמיל קריגט מוירע און בלייבט שטיין פאַרן אריינגאַנג אין קאַנצעלאַריע. מעכל פּאַסט זיך שטאַרק. ער גלייכט זיך אויס די מאַרינאַרקע, פּוצט זיך אויס די שיך, די הויזן און קלאַפּט אָן אין דער טיר.

— „פּראָשען"!

מעכל גייט אַריין האַסטיק, ווי ס'וואָלט אים ווער אונטערגעשטופּט. ביי דער טיר בלייבט ער שטיין.

דער לערער צעלערבוים זיצט ביי דער ביורקע און שרייבט. די ברילן ליגן אים האַרט אויפן שפּיץ-נאָז. די אויגן קוקן אַריבער איבער די ברילן אין פּאַפּיר אַריין. ווען ער הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט ער דורך די ברילן גלייך אויף מעכלען אַ פאַרוואונדערטער:

— וואָס ווילסטו קליינער?

מעכל הייבט אָן צו שטאַמלען פון אויפרעגונג. צו די ווערטער, וואָס שטופּן זיך אים אין מויל, קרעקט ער זיך, ס'מויל הייבט אַזש אָן צו וואַסערן.

דער לערער לאָזט אים רויק רעדן, דערנאָך זאָגט ער:
— נאָ שאַדאַי סאָביע אי מווו, ניע באָי שען'

דעמאָלט הייבט מעכל אָן זיך צו באַרואַקן. ער נעמט אים דערציילן, אַז ר'איז געגאַנגען אין כיידער, דערנאָך אין יעשיווע און האָט אַלעמאָל געבעטן די עלטערן אים שיקן אין א שקאָלע. ער דערציילט אים, אַז ר'איז שוין צוויי מאָל אַנט-לאָפן פון שטוב און אויב ר'וועט זיך נישט קענען לערנען און ווערן א מענטש, אַזוי ווי שמיל-יאַנקל, אָדער ווי זיינע באַלע-באַטעמס קינדער, וועט ער ווייטער אַנטלויפן צו א שניידער אַרבעטן.

מעכל רעדט און קוקט גלייך דעם לערער אין פּאָנעם. דעם לערערס ערנסט געזיכט, דאָס פּאַראינטערעסירטע אויסן הערן אים, לאָזט אים רעדן ווייטער. ער פאַרגעסט נישט קיין איין זאַך צו דערציילן.

ווען מעכל דערציילט אים, אז פון די ביכלעך, וואָס ר'נעמט אַרויס פון „טשיטעלניע” קען ער זיך גאָרנישט אויס-לערנען, שמייכלט דער לערער און רייסט אים איבער.

צעלערבוים זאָגט אים, אַז ער האָט שוין געהאַט אַ סאַך אַזעלכע פאַלן, ווען יינגלעך האָבן זיך געריסן לערנען. פון זיי ווייסט ער, זענען טאַקע ארויסגעקומען גרויסע מענטשן, ער ראַט אים דעריבער נישט אָפּלאָזן זיך און מיט אַלע קויכעס זיך באַמיען ווייטער לערנען.

דערווייל, זאָגט ער, קען ער גאָרנישט טון, ווייל ביי אים ווערן שילער אָנגענומען נאָר יעדע דריי יאָר. ער מוז דע-ריבער צוואַרטן נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר, ביז סאָף זומער, דעמאָלט וועט ער אים זיכער איינשרייבן אין שקאָלע. ער גיט אים צום סאָף אַ צעטל מיט נעמען פון ביכער, וואָס ער הייסט אים זיך אויסבאָרגן.

מעכל פארלירט זיך שוין איצט נישט. ער בעט אים צום סאָף, צי ער ווייסט נישט, וואו ר'וואָלט געקענט דערווייל גיין עטלעכע מאָל אין וואָך אויף אָוונט-קורסן. דעמאָלט גיט אים

צעלערבוים אַ קוויטל און הייסט אים צוגיין אויף סטאַווקע 24 אין דער האַנטווערקער-שולע.

פאַרן אוועקגיין נעמט נאָך צעלערבוים אַרויס אַ גרויס בוך און פארשרייבט מעכלס נאָמען, דעם פאָטערס און מוטערס נעמען, די וווינונג און נאָך פאַרשידענע קלייניקייטן. דערנאָך זאָגט ער אים, אַז ער איז שוין פארשריבן אין אַגראַר-אינס-טיטוט אין טשענסטאָניעוו, אונטער וואַרשע. דאָרט זענען די שולער אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט אין פעלד און אין שולע.

אַ גליקליכער, זעט נישט מעכל ווי אַרויסצוגיין פון שקאָ-לע.

מעכל גייט אויף אָוונט-קורסן

אַ האַלב-יאָר לויפט מעכל אַרום יעדן טאָג, און באמיט זיך צו פאַרשרייבן אויף די קורסן. אַלעמאָל הייסט מען אים ברענגען דעם טאַטן אָדער די מאַמען. מעכל ווייסט, אַז אויב ר'וואָלט נאָר דערמאָנט אין שטוב, אַז ער האַלט ביים איינשרייבן זיך אויף די קורסן, וואָלט ער זיך שוין געקענט געזעגענען מיטן גאַנצן לערנען.

ס'העלפט נישט זיין בעטן, זיין אָפּנאַרן, אַז דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן, אַז די מאַמע איז שווער קראַנק, מעכל מוז נאָכאַמאָל אָפּשטאַטעווען צעלערבוימען ביים „העקדעש" אויף פּאָקאָרנע.

צעלערבוים שמייכלט צו אים. ער גיט אים אַ קוויטל בלויז מיט א נאָמען: „אינזשיניער ראָזען". צו אים הייסט ער זיך מעלדן ווענדן. צעלערבוים וועט שוין מיט אים פריער רעדן אין דער אינזשיניער וועט שוין וויסן, וואָס מעכל דאַרפט פון אים.

אַזוי איז טאַקע.

ווען מעכל קומט מיט פינעף טעג שפעטער, ווייסט שוין דער דינער, אַז צום אינזשיניער ראָזען דאַרף קומען אַ קליינער

צוציק, וואָס וויל ווערן אַ „פּראָפעסאר״, — אַזוי איז אים מעכאַבעד מיט אַ באָרעך אַבאָ ראָזען.

— אָהאָ, אַזאַ קליינער פּראָפעסאָרן זאָג, וואָס דו קענסט?

מעכל פילט זיך נישט שלעכט פון פריינטליכן אויסלאַכן אים. ער ענטפערט באלד, אַז אין שקאָלע ווערט ער אים אַלץ זאָגן, וואָס ער קען.

ראָזן צעלאַכט זיך, ער שטעלט זיך אויף און גייט צו צו מעכלען.

ער באַטראַכט אַים געגוי און דערנאָך פרעגט ער אים, וואָס פאר א פאַך ער וואָלט זיך געוואָלט לערנען. מעכל איז נישט צוגעגרייט צו אַזאַ פראַגע און קען נישט באַלד אויפן אָרט אויסטראַכטן, וואָם ר׳וואָלט זיך געוואָלט לערנען. ער דערמאָנט זיך אָבער, אַז דער טאַטע האָט אויף אים געשריגן, אַז ער טויג נאָר צו זיין אַ קאָוואַל און פּלאַצט אַרויס:

— כ׳וויל ווערן אַ קאָוואַל!

דעמאָלט לאַכט שוין ראָזען גאָר האַרציק. דערנאָך באַרואיקט ער זיך און רעדט מיט אים געלאַסן.

ער זאָגט אים, אַז אין שולע קען ער זיך לערנען זיין אַ שלאָסער, אַ מאַשינען-מעכאַניקער אָדער אַ עלעקטראָ-מעכאַניקער.

מעכל קען אַ סאַך שלוסאַרעס פון זיין הויף. זיי גיין זער שמוציק אָנגעטון און אַרבעטן אין קלאָזעטן. דאָס געפעלט אים נישט, ער וואָלט פון די אַלע פאכן געוואָלט זיין אָדער אַ מאשין-מעכאניקער, דאָס האָט ער שוין געזען, ווי ביי אַריע-לייבן קומען די מעכאניקערס פאריכטן די מאשינען, אָבער דאָס וואָרט עלעקטראָ- מעכאניקער געפעלט אים זער. ער האָט נאָכנישט געזען ווי מ׳מאַכט עלעקטריע. שוין אין געדאנק לויפט אים אדורך אַ בילד, ווי אלע פון זיין הויף וועלן ביי אים זיך אויספרעגן ווי אזוי מ׳קען מאכן אין שטוב ליכטיק ווי אין די גרעסטע הייזער פון דער מארשאלקאָווקע גאַס...

— מעכלס געדאנקען פליען, אָבער דאָ קען מען נישט לאנג טראכטן. ער שיסט דעריבער ארויס:

כ׳וויל ווערן אַן עלעקטראָ-„מאָטאָר״... דער אינזשיניער

לאכט און זאָגט אים, אַז מען רופט נישט אַזוי, נאָר עלעקטראָ-„מאָנטער".

אינזשיניער ראָזן גיט אים אַ גרויסן פּאַפּיר מיט אַ קאָנ-ווערט. מיט דעם דאַרף ער צוגעלאָזט ווערן אויף די קורסן, וואָס וועלן זיך אָנהייבן אין צוויי כאַדאָשעס אַרום. דערווייל הייסט ער אים זיך קויפן ביכער און גוט זען צוגרייטן זיך צו די לעקציעס, ווייל אויב נישט וועט ער אַרויספליען פון שקאָלע. מעכל זאָגט אים באַלד צו, אַז ער וועט זיך לערנען גאַנצע נעכט. ראָזען האַקט אים באַלד איבער די רייד.

— ס'וועט געגוג זיין עטלעכע שאָ, נאָר גוט לערנען זיך.

מעכל פאַרנייגט זיך פאַר אים און גייט אַרויס אַ זער צופרידענער. נישט אַזוי לייכט קומט מעכלען אָן צו באַפרייען זיך ביי אַלטערן פון דער שפּעטער אָוונט-אַרבעט.

איצט מוז זיך מעכל נעמען באַארבעטן יוזשעקן, דאָס איז אַ שווער שטיקל אַרבעט פאַר אים.

מעכל ווייסט, אַז יוזשעק איז „פאַרליבט" אין לילקען, אין טעטשעס עלצטער טאָכטער. לילקע איז אינגאַנצן אַלט פערצן יאָר. זי זעט אָבער אויס ווי אַ פריילין פון יאָר אַכצן. הויך און ברייט צעוואָקסן. מעכל זעט שוין זער גוט ווי ער שלעפּט זי אין צווייטן געוועלב אַריין, אין אַלע פינסטערע לעכער, ווי ער וויל איר נאָר צודריקן צו זיך און אַמפּערט זיך מיט איר אַרום. ער האָט אויך באַמערקט, אַז די „קליינע" לילקעשי, ווי טעטשע רופט איר, לאָזט זיך נישט אַרומנעמען נאָר לעפּאָנעם. זי האָט מוירע פאַר דער מאַמען. פאַר דעם ציטערט יוזשעק אויך שטאַרק. מעכל וויל געווינען יוזשעקן אויף זיין זייט. ער וויל אים מיט עפּעס איבערקויפן. ער שטעלט זיך דעריבער אָוועק ביי דער טיר פון צווייטן געוועלב און וואַרט אָפּ ביז יוזשעק וועט נאָכקריכן לילקען. באַלד ווי ער זעט נאָר, אַז ער לויפט איר נאָך, גיט ער אים אַ צי ביי דער מאַרינאַרקע און רוימט אים איין אַ סאָד אין אויער:

—איך וועל קוקן, אויב די אַלטע וועט גיין, וועל איך אַ פייף טון...

— ביסט מעשוגע געוואָרן, באַמאַכטער דו איינער!

אַ צווייט מאָל וואָלט אים מעכל צוריקגעגעבן פאַר דער באַליידיקונג, איצט אָבער פאַרבייסט ער די ליפּן און ענטפערט אים אָפּ:

— זיי נישט אַזאַ דראָן! גיי! זי וואַרט דאָך אויף דיר.

מעכל גיט אים אַ שטופּ אַריין אין צווייטן צימער אַריין.

עס דויערט נישט מער ווי אַ צוויי מינוטן, ווי פון דאָרטן הערט זיך אַ שטיל פּישטשען פון קעציִשע מיידלערישע קולעס און שטילע אָפּגעהאַקטע ווערטער פון יוזשעקן, וואָס באַמיט זיך לילקען איינצונעמען.

אין אַ צען מינוט אַרום קומט אָן אַלטער, מעכל קוקט אים אָן און גיט אַ הויכן פייף. יוזשעק קומט אַריינצולויפן אַ צעיאַכמעטערטער, אַ פאַרויטלטער.

מעכל שמייכלט אונטער צו אים מאַמזעריש. יוזשעק דרייט אַוועק דעם קאָפּ אין אַזייט. באַלד אָבער קוקט ער מעכלען אָן און וואַרפט אים אַ צופרידן שמייכעלע, וואָס זאָגט: „אַזוי איז גאָר די מייסע! ביסטו גאָר אַזאַ וואַזשנער יאַט? נו, מ'עט דאַרפן מיט דיר גוט לעבן“!

אין עטלעכע טעג אַרום הייבט מעכל אָן מיט יוזשעקן צו רעדן. ער וויל בעטן דעם אַלטן ר'זאָל אים באַפרייען זיבן אַזייגער פאַר נאַכט, ווייל פיר מאָל אין דער וואָך וועט ער דאַרפן גיין אויף קורסן אויף סטאַוועקע.

יוזשעק וויל אים אָפּדינען. ער זאָגט אים באַלד צו, אַז ער וועט שוין זען איבעררעדן מיטן פאָטער, ער זאָל דאָס אים צוליב טון.

עס דויערט אָבער אַ גאַנצע וואָך. יוזשעק הייבט גאָר-נישט אָן צו טון. דעמאָלט גייט מעכל צו צו סטאַשעקן און דערציילט אים אָפּן, אַז פון דער דריטער וואָך אָן גייט ער שוין אויף אָוונט-קורסן,׳ אויף „עלעקטעריטשנע“. ער בעט דע-ריבער סטאַשעקן ער זאָל איבעררעדן מיטן אַלטן וועגן דעם.

דעם זעלבן טאָג רופט אים צו אַלטער פּאַצעט. ער הייבט אָן אויף אים צו שרייען:

— געב נאָר אַ קוק דעם שמעגדריק! אַנדאָרש פּאַסט

עים ניש! נאָר אַ לעקטאָ-שמיעטניק צו זאַן! א ייבגל ווי די דאַרף זאָך גיט אָסלאַרנען ס'פאך! ווּעסטע ווערן אַ עמעסער „מענטש", אזוי ווי עלע!

מעכל שווייגט.

— זאַ נישט קאַ נאַר! פאַרדריי דאָר נישט דעם קאָפּ מיט אַזעלכע זאַכן!

איצט כאפט זיך מעכל אויף. ער האַלט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ ביים רעדן:

— אויב ד'אַלטאָר וועט מאָך נישט לאָזן גיין, וועל'אָך מיזן זיכן אַן אַנדאָרע אַרבעט! יאַך וויל דאָך אָפּאַרבעטן די דריי שאָ! יאַך וועל קימען נאָך פרירענטאָר פאר עלען אין געוועלב. אין יענע טעג, ווען כ'על נישט גיין אין שקאָלע, וועל,אָך לענגאָר אַרבעטן אין געוועלב.

דאָס אַלץ רעדט מעכל אַרויס אין איין אָטעם, מיט אַן אַראָפּגעזינקענעם קאָפּ אין דער פּאָדלאָגע. גלייך ווי ער פאַרענדיקט דאָס רעדן הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט דרייסט אויפן אלטן.

— הייסט עס, אַז ד,אָסטאָר שוין אַראנגעשלאָגן אין קאָפּ אַראן די קורסן! לאָז שוין זאַן אזוי! נאָר געדענק, אַז מ'עט דאַרפן אַמאָל לענגאָר אַרבעטן, לאָזטע נישט זאָגן אַז ס'„פּופּעט" דאָך!

— יאַך דאַנק זייאָר דעם אַלטן! — כאפט זיך מעכל, אַז מ'דארף אים דאַנקען. אין דער ערשטער מינוט וויל ער פאַר נעדילע צולויפן אַ קוש טון אין האַנט, ווי עלע-מעלע טוט עס. אָבער אזוי ווי ס'וואָלט אים עמעצער פאַרטשעפּעט, גיט ער זיך א דריי אויס אין אַ זייט און נעמט שמירן די שיך.

מאַטל־שײַנדל װיל אים שיקן אויף א קאָלאָניע

דאָס אַרומלויפן אין די שקאָלעס, סטאַרען זיך אײַנצו־שרײַבן אויף די קורסן, דאָס נישט דערשלאָפן, נישט דערעסן, די קעסיידערדיקע זאָרג, מ׳זאָל אים צונעמען אין שקאָלע, אַלטער זאָל אים באַפרײַען, דאָס גריבלען זיך אין די ביכער, וואָס ער דאַרף זיך צוגרייטן אויף די קורסן, — דאָס אַלץ מאַטערט מעכלען שטאַרק אויס. אַלע אין שטוב באַמערקן, אַז מעכל זעט זער שלעכט אויס.

מאַטל־שײַנדל הייבט אָן אַרומצוקלעטערן אין פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וואו מען שרײַבט אײַן קינדער אויף קאָלאָניעס. ענדלעך פּועלט זי אויס. אַז מ׳זאָל קומען צו איר אין שטוב באַטראַכטן ווי רייך זי לעבט, מ׳זאָל דער־נאָך דעם טאַכשעט שיקן צו אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר באַטראַכט אים קימאַט נישט. ער קוקט אים נאָר אָן פון אויבן ביז אַראָפּ, אויבערפלעכלעך, און פאַרשרײַבט אים צום פאָרן.

ס׳קומט אָן דער טאָג פון אַרויספאָרן. מאַטל־שײַנדל כאַפּט זיך אויף באַלד אינדערפרי. זי וועקט מעכלען גלייך אויף, מאַכט פאַר אים אַ קליין זעקל מיט אַ צוויי העמדער און עטלעכע שטיקלעך קליידער און גייט מיט אים צו דער באַן, וואָס דאַרף פאָרן קיין מאַלקין.

זיי קלעטערן ביידע אָפּ אַ גאַנצע שאָ צײַט. ענדלעך קומען זיי אָן אויפן אָרט. באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז ס׳פאָרט גאָרנישט אָפּ קיין אײן קאָלאָניע דעם זעלבן טאָג.

ביידע קריכן נעבעך צוריק אַהיים מיט גאָרנישט. דערנאָך לויפט מאַטל נאָכאמאָל אַרויף צו דער דאָקטאָראָווע באַקסעראָ־ווע מיט אַ געבעט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מאַטל־שײַנדל האָט אַ טאָעס געהאַט אין אַ גאַנצע וואָך. נאָך מיט אַ וואָך

צוריק איז אָפּגעפאָרן אַ פּאַרטיע קינדער, וואָס מעכל האָט בעדאָרפן מיט זיי מיטפאָרן.

מיילע דאָס לויפעניש מיט האַרץ-קלאַפּעניש און פיס-ברעכעניש, וואָס מאַטל האָט געהאַט אין פאַרלויף פון אַ גאַנצן כוידעש אויסצובאַמיען זיך, אַז מעכל זאָל דאָך פאָרן, — דאָס איז גאָרנישט, — ס׳האָט געהאָלפן אַ טויטן ביינקעס.

מעכל אַליין מאַכט זיך פון דער גאַנצער מייסע גאָרנישט. אים ליגט נאָר אין קאָפּ, אַז ער דאַרף זיך לערנען צום עקזאַמען אין שקאָלע. וואו ער וועט דאָס קענען אויספירן, גייט אים נישט אָן, ס׳ווייזט זיך אים גאָר אויס, אַז אויף דער קאָלאָניע וואָלט מען אים נישט געלאָזט לערנען זיך. דערפאַר איז ער נאָך אַ ביסל צופרידן, ווען ער הערט שוין ענדלעך, אַז ער וועט דאָרט נישט פאָרן.

מעכל דאַרף אָן אונטערשטופּער.

דער עקזאַמען גייט גוט אַדורך. מ׳האָט מעכלען געשטעלט געציילטע פראגן. דאָס, וואָס מ׳האָט אים געפרעגט, האָט ער זיך נישט געלערנט, ער האָט עס אָבער געדענקט פון די ביכלעך, וואָס ער האָט געלייענט ביי מאָטל בערדיטשעווערס שוועסטער רויזע. דעמאָלט האָט מעכל געקלערט, אַז דאָרט איז קיין איין וואָר וואָרט נישטאָ. איצט קומט עס אים צונוץ.

די ווייטערדיקע לערע אויף די קורסן קומט אים אָבער זער שווער אָן. מ׳גיט אים אָן צו מאַכן זער פיל לעקציעס. מעכל האָט נישט קיין צייט ווען דאָס אַרורכצופירן. אין שטוב ציטערט ער קיינער זאָל נישט באַמערקן. ביי אַלטערן איז אָפּגערעדט, אַז ס׳זאָל אים בלייבן צייט דערויף. מעכל שטייט דעריבער אויף גאַנץ פרי, ארום פינף — זעקס א זייגער, ס׳איז ווינטער-צייט, נאָך שטאָק-פינסטער אינדערפרי. ער זעצט זיך ארויס אין פאָדער-הייזל, פארן ארייננגאַנג אין זייער שטוב. ער צינדט זיך דאָרט אָן א ליכטל און נעמט לייענען און שרייבן.

מיילע דאָס לייענען גייט נאָך ווי עס איז אַדורך. אָבער ביים שרייבן ווערן די פינגער אַזוי שטייף, אַז מעכל שרייבט מיט גאַנצע קלעצער.

באַלד ביי דער צווייטער לעקציע ווערט מעכל געשטערט אין זיין אַרבעט. אין זעלבן פאָדער-הייזל זענען פאַראן דריי טירן צו דריי לאָקאַטאָרן פון הייזל. אינמיטן שרייבן עפנט זיך אַ טיר. דער ווינט לעשט באַלד אויס ס'ליכטל. אין דער פינ-סטער דערהערט ער אַ קאָל. מעכל דערקענט, אַז דאָס איז די בלינדע ברײנדל, וואָס וווינט אין זעלבן הייזל, אין אַ קליין שטיבעלע מיט א טאָכטער, אַ האַלבע אידיאָטקע, אויך קימאט אַ בלינדע, אַ שרעקלעכע פאַרזעעניש.

— ווער זיצט עס הינטער די טיר?

מעכל קען זיך מיט דער בלינדער בריינדלען זער גוט. נישט איינמאָל האָט ער איר געהאָלפן אַריבערגיין אין געוועלבל אי-בער דער גאַס אָפפירן איר צום זון אויף כלאָדנע גאַס, גע-האָלפן איר טראָגן פעקלעך און געשלעפט פאַרשידענע זאַכן פון מארק. אים פאַלט באלד איין אַ געדאַנק און הייבט גלייך אָן:

-ברײנדעלע! דאָס בין יאַך, מאַכל, יאַך בעט אַך, לאָזט מאָך אַראן צו'ן אַך! יאַך מאך דאָ די לעקציעס! כאָב מורע אין שטיב, וואַל דער טאַטעליו לאָזט מאָך נישט נישט גיין אויף קורסן! ער וועט מאָר אַלץ צעראסן!

— קים זינעלע!

מעכל גייט אריין צו ברײנדלען. די טאָכטער, דער גוי-לאָם, ליגט אין בעט אַ האַלב-נאַקעטע. די מוטער, ווי זי וואָלט געשפּירט, אַז מעכל קוקט אויף דער טאָכטער, גייט צו און דעקט איר איבער מיטן בעטגעוואנט.

פון דעם טאָג אָן האָט שוין מעכל וואו די לעקציעס צו מאַכן, וואַו אוועקצולייגן די ביכער. און כאָטש קיין צייט איז נישטאָ, ווי פריער, גייט עס אים שוין אַ סאַך בעסער.

די שאבעסדיקע טעג נוצט מעכל אויך אויס אויף לערנען זיך. ס'האַרץ ציט אויף דער גאַס שפּילן זיך. די יאטן האלטן

אין איין קוילעס מאַכן פאַרן פענסטער. דאָס אָפּגעגרעדטע פייפן און קנאַקן מיט דער צונג עגבערט אים דעם מויעך. ס'לאָזט נישט לערנען. אָבער מעכל פארהאַקט זיך אַקשאָנעסדיק. ער רופט זיך נישט אָפּ מיט א וואָרט.

ס'קומען אָבער אָן טעג, ווען מעכל קען זיך נישט באַפרייען פון דער אַרבעט אין געוועלב. כ'טראָגט זיך אָן א מאבל מיט קוינעס. אָפטמאָל ביז איינס א זייגער ביינאַכט אָרבעטן אַלע אין געוועלב. אַ סאַך מאָל נעכטיקן זיי שוין אין געשעפט אויף דער פּאָדלאָגע, — מ'קלאפט איין קאַסטן סכוירע נאָכן צווייטן.

די לעקציעס פון די טעג אין שקאָלע זענען מעכלען א שאָד. מעכל פארברענגט אין שולע זער ווייניק צייט. קוים וואָס ער באווייזט ארייננצוקומען אין דער לעצטער מינוט אויף די קורסן. און גלייך ווי מען גייט נאָר אַרויס פון דער שולע לויפט ער שוין ווידער הענדעם-פענדעם צו ברייגדלען אָפּמאַכן באלד די לעקציעס. דאָס אַלץ ווירקט, אַז מעכל באַקאָנט זיך צומאָל נישט מיט קיין איין שילער אין שקאָלע. ס'איז זער שווער אויסצופרעגן זיך יעדעס מאָל אַ צווייטן, וואָסערע לעקציעס זענען פאָרגעקומען מיט צטלעכע פריער.

מעכל מוז זיך דאָ אויך כאפן צו זיינע קונצן. אין שולע זוכט ער אויס א יאַטל, וואָס ער באמערקט, אַז יענער ענטפערט גוט אָפּ אויפן לערערס פראַגן. באלד נאָך דער לעקציע גייט ער צו אים צו, פרעגט קלומערשט וואו יענער וווינט און פאַרבעט ער אים אויף שאבעס אין אַ קינאָ. מעכל וויל אים פרייהאַלטן.

לאָלעק איז זער צופרידן. ער גייט דערווייל מיט אים מאכן די לעקציעס. אויפן אָרט, ביי ברייגדלען, וויל לאָלעק פאַרפירן אַ שמועס וועגן מיידלעך, וועגן ראנדקעס. מעכל רעדט מיט אים וועגן דעב אַ פּאָר ווערטער, אָבער באַלד זאָגט ער אים, אַז שאבעס וועט מען זיך צו דעם אויך נעמען, דערווייל גייט פאַרביי דער אָוונט, זאָל מען גלייכער אָפּמאַכן די לעקציע.

אויף אַזאַ אויפן נעמט זיך מעכל אן „אונטערשטופּער", וואָס דאַרף אים צו העלפן מאַכן די לעקציעס.

מעכל ווערט אַ „דרוטשאַזש"

מעכל איז געוואָרן באַל-מיצווע, מענדל קוליק מאַכט נישט קיין צימעס פון גאַנצן אייסעק. פּונקט אַזוי ווי ביי אַלע קינ-דער, גיט ער נאָר די ערשטע עטלעכע וואָכן אַכטונג, אַז דאָס טפילעם-לייגן זאָל צו גיין ווי ס'דאַרף צו זיין, מער גאָרנישט.

זייט אָבער מעכל איז „קאַליע געוואָרן" דורכן ראָווס איינִיקל, היפּערט ער שטאַרק איבער דאָס דאַוונען. אויב די מאַמע איז דאָ אין שטוב, האַלט מעכל אָפן דעם כידער און אונטערן סידער אַ ביכל. יעדעס מאָל שרייט ער אויס עטלעכע ווערטער פון דאַוונען, די מאַמע זאָל מיינען, אַז ער דאַוונט מיטן גאַנצן ערנסט. דעמאָלט, ווען פון די עלטערן איז קיינער נישטאָ, האַלט ער אינגאַנצן אָפן דאָס ביכל. נאָר די טפילעם זענען אַ שילד, אַז ער דאַוונט.

אויסערליך ענדערט זיך מעכל אויך זייט ער ווערט אַ"ט דרייצן יאָר.

ערעוו יאָנטעוו נעמט ער אָפּ פאַרן גאַנצן זמאַן די פּאָר רובל. ער קויפט זיך אַ גרינעם אַנצוג ביי טעטשען. אַלטער גיט אים אַ פּאָר שטאַרק געלע שיך, איין שיך איז אַביסל העלער פון צווייטן, — דערפאַר זענען זיי אָבער פון אַ גוטער פאַבריק. זיי זענען עטוואָס אויסגעבראַקירטע, — ווען מען קען עס דען שאַדטן? פאַר אַ האַלבן רובל קויפט ער זיך אַ שטרויענעם קאַפּעליוש, אַזוי ווי די „דרוטשאַזשעס" טראָגן.

אויסגעפּוצט אין „עסיג און האָניק", אין אַ נייעם שניפּס און אַ פּאַפּירענעם קאָלנער מיט אַ העמד-גאָרסעט, לאָזט זיך מעכל אַרויס אויף דער סטאַווקע גאַס.

דאָס בענדל פון קאַפּעליוש איז ארייַנגעזעצט אין פאָרנדיקן קעשענקעלע פון דער מאַרינאַרקע. דאָרט זיצט אויך

אַ קאָלירט טיכעלע. אַזוי „אויסגעסטראָיעט" „ווי אַבעלע צום געט" קומט ער צו צו דער כעוורע יאטן.

די ייִנגלעך באפאלן אים פון אַלע זייטן. זיי נעמען אים באטאפן, באַשמעקן. באלד פארלאנגט מוישע קעפל ער זאָל „באשפריצן" ס'אנצוג.

דאָס איז נאָך פאר מעכלען ווייניק. אין עטלעכע טעג אַרום קומט ער אריין צו א פריזירער און הייסט זיך אָפּראזירן די מאָרדע", וואָס האָט נאָך אַ העלן פוך פון האָר און זענען זיך ביכלאל נישט אָנזעבאר.

אָפּגעראַזירט, גייט ער אַרויס צו מוישע קעפל און גיט אים אַ פרעג:

— געגאָר אַ קיק מוישע, ר'האָט מאָך גיט צעדראַפּעט?

מוישע קעפל קוקט אים אָן אַ צעכישטער און קען זיך נישט אָפּוואונדערן ווי אַזוי דער שניעק וויל דאָס מיטאַמאָל ווערן אַ גאַנצער „יאַ-טעביע-דאַם".

אין „זשעמיעשלגיטשע שקאָלע" מוזן די שילער טראָגן אַ ספעציעל היטל מיט אַ קריינדל. דאָס היטל האָט מעכל שטענדיק פאררוקט אין אַ קעשענע. ער האָט עס מוירע אָנצוטון, אַז די שטוב מענטשן זאָלן אים אין אַזאַ היטל נישט פאקן אין גאס. דערפאר אָבער שטערט אים קיינער נישט צו גיין אָנגעטון ווי „אַ כראביע", בלויז ביי אַלטערן נעמען די באָנעם ווידער כויזעק מאַכן פון זיינע נייע קליידער און דער איקער פון זיין קאפעלוש. אַלע רופן אים „דרוטשאזש".

מעכל איז „פאַרברענט" אין אַ מיידל

אַלטערס ייִנגסטע טאָכטער נאַטשע, א קליין מיידל פון אַ יאָר פופצן, האָט שטענדיק אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, וואָס קליידן איר אָבער זער שיין. זי איז שטאַרק שיקלדיק.

אַלעמאָל, ווען זי קומט נאָר אַריין אין געוועלב, שטעלט זיך אוועק אַנטקעגן מעכלען און נעמט קוקן אויף אים.

מעכל קען נישט פאַרשטיין ווי אַזוי זי קען קוקן אין אַ זייט און אים זען. דאָס איז פאַר אים אַזאַ וואונדער, אַז גאַנצע שאָען קען ער נישט אָפּרייסן די אויגן פון איר.

אַלטערס באַנעם באַמערקן דאָס גלייך. זיי נעמען באַלד מעכלען דערקוטשען. זיי שרייען אויף אים, אַז ער איז „פאַר־ברענט" „און קריגט די נעכפּע" פאַר נאטשען.

ביז אַהער האָט מעכל דאָס נישט אינזינען געהאַט, ס'וואָלט אים גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז אַזאַ שיין מיידל, אַ גימנאַזיסטקע, אַ געוווירס אַ טאָכטער, זאָל צומאָל וועלן מיט אים אַ וואָרט אויסרעדן. ביסלעכווייז געוואוינט ער זיך צו צום געדאַנק, אַז עפּשער דאָך... אָבער פאַר קיין פאל קען ער צו איר קיין וואָרט נישט אויסרעדן. אַפילע דעמאָלט, ווען ער קומט אַרויף אין שטוב און טרעפט איר אַליין, ווערט ער באַלד רויט אָנגעצינדן, און שטאַמלט נאָר אַרויס אַ פּאָר ווערטער, צי סאָר־טשע איז נישטאָ, און מאַכט גלייך פיס.

ס'טרעפט זיך אָבער איינמאָל, אַז מעכל קומט אַרויף נעמען מיטאָגן פאַר אַלע מעשאָרסעם. דעמאָלט געפינט זיך נאטשע אַליין אין שטוב. אַראָפּגיין קען ער שוין נישט, ער זעצט זיך דע־ריבער אַוועק ווארטן אויף סאָרטשען.

נאטשע פרעגט אים אָבער נאָכוואָס ער איז אַרויפגעקומען. מעכל זאָגט איר גלייך, אַז ער ווארט אויף מיטאָגן פאַר אלע מעשאָרסעם. זי כאפּט זיך באַלד, אַז זי אַליין וועט דאָס איב אויך קענען געבן.

ביים אָנגיסן די זופּ, שניידן דאָס ברויט, העלפט איר מעכל צו. ער קען זיך נישט איינהאלטן און קלוימערשט ביים צוהעלפן איר טראָגן די טאַץ, גייט ער צו ארויסנעמען זי פון אירע הענט. ער גיט איר דערביי אַ פעסטן דרוק אין דער האַנט און ווערט שטארק רויט. נאטשע ווערט אויך אַן אָנגע־צינדענע, זי קוקט אים באַלד אָן מיט אַזעלכע אויגן, אַז ער ווערט שטארק בלאס, ס גאנצע בלוט אגטלויפט אים פון פּאָנעם, נאַטשע נעמט באַלד אויף אים שרייען

—וואָס מיינסטו ? אַזאַ אפּגעריסענער לאַטעק און וויל מיט מיר אָנהייבן ?

אַ פּאַ־שעמטער, כאַפּט מעכל שנעל די טאַץ מיטן עסן און אַנטלויפט פון שטוב אַרויס.

ס'גייט אים שוין מיט דער פוטער אַראָפּ

מעכלס כעוורע יאטן פון סטאווקע לאָזן אים אײנגאַנצן אין אַ זייט. דאָס הייבט זיך אָן זינט מעכל האָט געגומען גיין אין שקאָלע. מעכל אַרבעט שטענדיק ביז זער שפּעט אין אָוונט, אַפילע די שאַבאָסעם-טעג האָט ער היינט פאַרנומענע מיט די לעקציעס מאַכן. ער קען זיך נישט אָפּגעבן מיט די ייִנגלערישע שפּילערייען. די יאַטן זיינע פּראָבירן נאָך אַסאַך מאָל אַראָפּ־רופן אים פון שטוב, זיי פייפן נאָך אים אויפן הויף. זיי באַמערקן אָבער באַלד, אַז מעכל מיידט זיי אויס. דעמאָלט גיין זיי אַוועק און שפּילן זיך אָן אים.

מעכל כאַפּט זיך דערנאָך אפילע אַרויס אויף עטלעכע שאָ אויפן פעלד, ביים ציטאַדעל. צו דער ווייסל, אָדער אין פּראַגער וועלדל. כעוורע מאכט זיך אָבער שפּעטער, אַז זיי דאַרפן אים שוין נישט האָבן. מעכל שטייט ווי אַ זייטיקער און קוקט זיך צו פון דערווייטנס צו זייערע שפּילערייען.

איצט ווערט שוין מוישע קעפּל דער גאַנצער מאַכער. מעכל וויל שטאַרק ווייטער איינהאַלטן הינטער זיך די גאַנצע כעוורע.

ער פּרוווט איצט זיי „אונטערשטעלן אַ פיסל" און שטערן די שפּיל.

באַלד לויפט צו מוישע קעפּל און גיט מעכלען אַ שטופּ אין א זייט. ער נעמט גלייך ריטשען מיט שטאַרקע קוילעס:

— זע נאָר דעם באַמאַכטן פּאַצעט! ר'מיינט אַז מען דאַרף עים נאָך דאָ צי האָבן! ביסט שוין אָס קניאַקאָר! מ'קען דאָר דאָ אַראַנוואַליען, אַז דעסט האָבן צ'געדענקען!

מעכל ווערט שטאַרק אָנגעצינדן. ער וואַרט נישט קיין איין מינוט זיי זאָלן אים „אַראַנוואַלען" און רעדנדיק, גיט ער

מוישען א זעץ אין א זייט, אז יענער פאַלט באַלד אום אויף דער ערד.

– ווער וועט מאָר דאָס „אראנוואליען״! לאָ מאָך נאָר זען דעם שטארקן!

מוישע הייבט זיך אויף און גיט זיך אַ לאָז צו מעכלען.ביידע יאטן שלאָגן זיך פעסט. אלע איבריקע שטעלן זיך אַרום און גיבן „אייצעס״ מוישען ווי אזוי ער זאָל „שלאָגן״. דאָסמאָל איז די גאנצע כעוורע אויף מוישעס זייט. און כאָטש מעכל גיט מוישען „קעפקעס״ נאָך „קעפקעס״, כאפט ער אויך אריין ווי ס'דאַרף צו זיין. דער איקער ליידט אָבער שטארק מעכלס נייער אַנצוג. ביידע לאצן אָפגעריסן, די קנעפלעך – קיין זייכער נישטאָ. דאָס ווירקט אויף דער כעוורע מער ווי דער גאַנצער געשלעג. אַלע האָבן טאקע געזען, אַז מוישע האָט אריינגעכאַפט מער און קוים זיי האָבן מעכלען געקענט אָפרייסן פון אים, אָבער אָפן פאַר אלעמען, איז מעכלס צופליקט אַנצוג. דאָס זעט זיך אַמבעסטן אָן. מעכל זעט שוין, אַז דאָסמאָל, כאָטש ר'האָט געגעבן מוישען אַ פעסטן „מישעביירעך״, איז ער אַרויס אַליין אַ פאַרשפילטער. פארן אוועקגיין פוצט ער זיך אָפּ, גלייכט זיך אויס ס'אנצוג, שפילעוועט זיך צו די לאַצן און ווי ס'איז ברענגט ער זיך אין אָרדנונג. ער דרייט זיך אויס און גיט א לאָז ארויס:

– צ'קענט מאָר אלע אָנקישן!...

„אַז עס נעמט שוין גיין, – גייט שוין פון אַלע זייטן״

אַ כוץ שוסטער און סאָכרעם קומען נאָך צו אלטערן אין געוועלב אריין קאמשנמאכער. זיי ברענגען אויך, פונקט ווי די שוסטער, גאַנצע פעק, אין קוישן און אין טיכער, פאַרפאַקט פול אָנגעלייגט מיט כאָלעוועס. דאָס באהאלטן זיך פון די שטעפערס איז נאָך אַן ערגערס ווי פון די שוסטער.

די שטעפער מייסטער שוויצן גאנצע טעג, זיי לויפן ארום

נאָכקוקן, אויסשטיין בײַ די „וויסטאַוועס", בײַ די פענסטער פון
די שיף-געשעפטן און ווילן אויסכאַפּן נײַע פּאַסענער, מוסטערן.
אויב ס'געלונגט אַ שטעפּער צו פּאַקן אַ שיינעם פּאַסאָן, היט
ער אים שוין ווי אַן אויג אין קאָפּ.

צו אַלטערן קומען אַרײַן זער פיל שטעפּער. מיט איינעם
ון זיי מאַכט ער גאָר גרויסע געשעפטן. גאַנצע טעג גיין בײדע,
לטער פאַצעט און יאַנקל שנײַדער, אַרום אײַנהאַנדלען פּאַר-
זידענע סכוירעס. יאַנקל האָט אַ סאַך געלט. אויב אַלטערן
ט אונטער ערגעץ אָפּצוקויפן אַ גרויסע קראָם סכוירע פון
ליצטאַציעס, פון די אויסבראַקירטע שיך אין די פאַבריקן,
נעמט ער צו יאַנקלען פאַר אַ שיטעף צו דער קראָם. דערפאַר
יצט יאַנקל אָפּ גאַנצע שאָען אין געוועלב, אַפילע דעמאָלט ווען
אַלטער איז דאָרטן נישטאָ.

יאַנקל קען נישט אײַנשטיין קיין מינוט ליידיק. אין גע-
וועלב קיצלט ער אויס אַלטער און טעטשעס טעכטער, וואָס
קומען אַרײַן. ער דערציילט מײַסעס אַלטערס באַנעם. די גאַנצע
צײַט קוקט ער אַריבער אויף דער צווייטער זײַט, און וואַרפט
אויגן אויף טעטשען צי זי גייט אַמאָל נישט אַריבער אין גע-
שעפט. אויב ער באַמערקט פון דערווײַטנס, אַז טעטשע לאָזט
זיך אַריבער גיין, נעמט ער אונטערשפּרינגען און לויפט אַנט-
קעגן, כאַפּט דאָס שיינע שטעקעלע און ציט דאָס האַרטע מע-
יאָניקל:

— מאָיע אושאַנאָוואַניע שאַנאָווניי דאָבראָדזשעיצע!

ער כאַפּט אָן דאָס ווײַכע, פוכקע הענטל טעטשעס, קושט
ון קושט און קען זיך גאָרנישט אָפּוווּנדערן פון דער שײַנ-
ײַט פון הענטל. אַלעמאָל כאַזערט ער איבער די זעלבע
ווערטער:

— מ דאַרף דאָס זיסע הענטעלע אויספילן מיט זעמעלעך
ון פוטער, ס'זאָל אַביסל דיקער ווערן.

די גאַנצע צײַט, וואָס זי געפינט זיך אין געוועלב,
אַנצט ער קעסיידער אַרום איר. ער שטעלט איר אונטער אַ
טול, ווישט זי אָפּ מיט אַ ווײַס טיכעלע. באַלד נעמט ער

דערציילן וועגן דער נעכטיקער פאָרשטעלונג אין „וואַריעטע״ ער „דראָשעט״ איבער די פעפערדיקע וויצן פון די וואריעטע אַרטיסטן.אַלץ שנעל. איינס נאָכן צווייטן וויל ער איר איבערגעבן איידער זי טראָגט זיך אָפּ.

ווען ער ענדיקט דאָס איבערדערציילן, נעמט ער זי מוסערן, אַז ס׳איז א שאָד וואָס אַזאַ הערליכע דאַמע, ווי זי איז, פּינסטערט אָפּ איר גאַנץ לעבן אויף דער וואָלצווע. יאַקוב שניידער, וועט שוין „אַלטושאָווי״ דערציילן דאָס עמעסדיקע געדיכטע פאַר זיין נישט קענען זיך אויף אַזאַ אויצער, וואָס ער פאַרמאָגט.

טעטשע מאמזער שמייכלט קלוג אָפּ. זי איז צופרידן, וואָס די אויגן פון אלע אַלטערס קינדער „זעצן זי פּאָשעט אדורך״, וואָס זיי ווערן צעפלאַצט פון קרענקונג, צוהערנדיק זיך די ווערטער און פוצן זיך פון אַזאַ פּאָרנעמען הער, ווי יאַקוב שניידער איז.

דער יאַקוב שניידער, וואָס איז גאָר א שטעפער, באַמערקט טאַקע איינמאָל, ווי ביים שנורעווען די שיר, לייגט זיך מעכל אַריין צו זיך אין קעשענע אַ פּאָר שנוראָוואדלעס. מעכל האָט ביכלאַל נישט געטראכט וועגן גאַנווענען. אויב ער וואָלט נאָר געבעטן ביי סטאַשעקן אַ פּאָר שנוראָוואַדלעס, וואָלט אים יענער זיכער געגעבן. ער האָט דאָס אָבער געהאַלטן פאַר איבעריק און גערעכנט, אַז סיי-ווי וועט עס קיינער נישט באַמערקן. ער האָט צומאָל נישט געקלערט, אז מ׳דאַרף זיך באַהאַלטן ביים נעמען אַ שנוראָוואדלע. ער האָט אָבער געהאַט אַ גראָבן טאָעס.

אויפצומאָרגנס באַמערקט ער גלייך די אויגן, וואָס אַלע אין געשעפט וואַרפן אויף אים. נישט וויסנדיק וועגן וואָס דאָ גייט, טוט ער ווייטער זיין אַרבעט און וואַרט אויף אַ„בענקעלע״ וואָס זיי גיין אים זיכער אָפּטוען.

נאָכמיטאָג גייט צו אים צו אַלטער פאַצעט און הויך אויפן קאָל, זאָגט ער אים, אַז מאָרגן זאָל ער קומען מיטן טאַטן אין געוועלב.

אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט טראַכט מעכל און ווייסט נישט וואָס אויסצוקלערן, וואָס דער אַלטער וויל אַזוינס רעדן מיטן טאַטן. ער פילט אָבער, אַז קיין גוטס וועט פון דעם נישט ארויסקומען.

ווען מעכל קומט אָן מיטן פּאַטער, איז נאָך אַלטער פּאַצעט נישטאָ אין געשעפט. מענדל קוליק מוז וואַרטן גאַנצע צוויי שאָ ביז וואַנען אַלטער פּאַצעט קומט אָן.

גלייך טרעט אַלטער צו צום אייסעק:

- גיט מאָרגן ראַב מענדל! אַ שיינעם טאַכשעט האָט איר אָפּגעכאָדעוועט! אַ גאַנעוויעץ גאָר! — נאַכטן יאַנקל שניידאָר געפּאַקט עים ביי דער האַנט! האַ שיין?

אַלטער לאָזט שוין נישט נאָך. די גאַנצע צייט רעדט ער און רעדט וועגן גאַנייוועס, וועגן בעדיל-אַדאַל-שטעלן, דאָס אָפּצאָלן מיט שלעכטס פאַר זיין גוטס, וועגן דער שלעכטער כאָוואַניע און נאָך און נאָך וואָס ער רעדט אַלץ.

מענדל קוליק ווייסט פאַר בּישע נישט וואָס צו טון. ער שטעלט איין פּיס איבערן צווייטן, ער קראַצט זיך פאַר אויפ-רעגונג און כאַרפּע הינטערן אויער, ער ווישט זיך דעם שווייס, וואָס איז נאָך אונטער דער הויט און קען גאָרנישט אַ וואָרט ארויס-רעדן.

קוים, וואָס אַלטער קען דעם טאַטן איינהאַלטן, ר'זאָל מעכלען באַלד אויפן אָרט נישט צעטראָגן און מאַכן אים פאַר אַ קאַליקע, ר'זאָל נישט דערלעבן אויפצוּוואַקסן פון דער ערד, איידער ר'גייט אויף אַזעלכע דראָכעם.

ס'פאַלט קיינעם נישט איין צו שטעלן מעכלען אַ פראַגע, אָדער גאָר אים אויסהערן, וואָס ער זאָגט צו דער גאַנצער געשיכטע. אַלע ווייסן נאָר, אַז מ'האָט אים געפּאַקט ביי דער האַנט און שוין, זיין גוירל איז אַ געכאַסמעטער. אַ גאַנעוו אויפן גאַנצן לעבן.

ביי דער גאַנצער מייסע איז מעכל גאָר נישטאָ אויף דער וועלט. עפּעס ווייסט ער נישט, וואָס ארום אים טוט זיך. קיין איין וואָרט הערט ער נישט. ער פאַרשטייט גאָרנישט, וואָס

מ׳רעדט עפּעס אַזוי הויך וועגן אים.

דאָס אַלץ פאַלט אזוי אומגעריכט אַראָפּ אויף זײַן מידן איבערגעאַרבעטן קאָפּ, אַז ס׳שווענקט אַלץ אַראָפּ, וואָס ס׳געפינט זיך דאָרטן. ביי דער אַרבעט זעט ער נישט, וואָס ער טוט. די שנירן מאַכן זיך אַליין. ביים לערנען אין שקאָלע פאַרשטייט ער נישט, וואָס מ׳רעדט צו אים. ביים מאכן די לעקציעס פאַרטראַכט ער זיך און קען אָפּזיצן אַזוי גאַנצע שאָען אָן וועגן גאָרנישט קלערן.

אין שטוב רעדט צו אים אַריין דער טאַטע. ער שמועסט אים איין, אַז ר׳דאַרף אָפּדאַנקען דעם אַלטן, פאַלן אים די פיס און קושן אים די האַנט פאַר זײַן כעסעד, וואָס ער וואַרפט אים נישט ארויס פון געוועלב, נאָר קוקט אַוועק אין אַ זייט אויף דעם, וואָס איז געשען און פאַרלאַנגט נאָר פון מעכלען אַ שוויַע, אַז מער וועט ער שוין נישט גאַנווענען.

מעכל איז אַזוי פאַרטראַכט און צעדרייט, אַז ער קלערט גאָרנישט וועגן דעם אונפּילט קימאַט נישט ווי ער טוט אַלץ, וואָס דער טאַטע הייסט אים. אין דער זעלבער צייט זענען זײַנע געדאַנקען פאַרנומען מיט גאָר אַנדערע זאַכן.

זיצנדיק ביים שמירן די שיך, שטעלט ער זיך פאָר, וואָס ר׳וועט טון שוין מאָרגן אינדערפרי. אזוי ווי עלע-מעלע וועט אים איבערלאָזן און ארויסגיין נאָך פרישטיק און ער וועט בלייבן אַליין, וועט ער נעמען א גאנץ „גראָס" שנוראָוואדלעס, צובינדן זיי צום האָק אינמיטן געוועלב און שליסן די טיר. דערנאָך וועט ער נעמען ס׳קלײנע טישל, ארויפקריכן דערויף און צובינדן די שנירן צום האַלדז. שוין זעט ער, ווי ער גיט אַ קאָפּע מיטן פוס ס׳טישל, און איידער עלע-מעלע קומט אָן, איז שוין מעכל טויט – געהאָנגען.

די געדאנקען פירן ווייטער. עלע שטעלט נאָר די ערשטע טריט און פאלט באַלד כאַלאָשעס. קיין איין וואָרט קען דעמאָלט עלע נישט אויסשרייען. דערנאָך גייט אַדורך ראַב יאנקל באַלדין, אַ שטענדיקער בוירער פון דער וואָלעווע, וואָס גייט אַלעמאָל אין דער צייט אין שול און פאַרבייגייענדיק, גיט ער

אַ קוק אריין אין געוועלב און כאַפּט זיך גלייך אָן בײַ דער באָרד: „שמײ ישראָעל, אַדאָינאָ־עלאָהיינו־אַדוינאָ־עכאָד״.

אויפן געוואַלט וועט גלייך די גאַנצע גאַס קומען צו לויפן. אַלע וועלן באַלד געמען זידלען אַלטערן מיט דער בלאָטע צוגלייך, פאַרן שלעכטן באַהאַנדלען און באַגיין זיך מיט אַזאַ וואויל יינגל, — אַלע וועלן שרייען, אַז אַלטערס אויפפירונג האָט אים צוגעבראַכט צום טויט. ערשט דערנאָך די גרויסע לעוואיע, ווי אַלע באַקאַנטע, דערוואַקסענע און יינגלעך, אַפילו מוישע קעפּל וועט אויך קומען, שוין אָפּגערעדט וועגן איטשע נאָז, פּעדערהענדלער און מאָטל בערדיטשעווער...

ביים לעצטן נאָמען כאַפּט זיך מעכל און הערט אויף וועגן דעם צו טראַכטן. ער דערמאָנט זיך באַלד דאָס וואָרט בײַ דער לעוואָנע, אויפן פעלד, וואָס ער האָט מאָטלען געגעבן, אַז אויב עמעצן פון זיי וועט ווערן זער שלעכט, זאָל איינער קומען צום צווייטן און אָפּרעדן זיך ס׳האַרץ.

בלויז איין מאָטל איז טריי־געבליבן מעכלען. ביכלאַל שפּילט זיך מאָטל ווייניק מיט דער איבעריקער כעווריע מעכלס. פון דעם פאַל אָן, קומען זיי שוין אַלעמאָל זיך צענויף, יעדן טאָג קומט מאָטל אַרויף צו מעכלען אין שטוב אין אָוונט. ביידע דערציילן זיך, וואָס זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג אויפגעטון. און נישט מעכל לויפט צו מאָטלען, נאָר פאַרקערט. ס׳זעט אויס, ווי מאָטל וואָלט מעכלען געוואָלט אָפּהיטן ר׳זאָל אַליין מיט זיך נישט בלייבן, און ווייטער קלערן וועגן נע־מען זיך ס׳לעבן.

פייגעלע פּאַטשט אים שוין אויך אויס.

ס׳גאַנצע דרייצנטע יאָר גייט מעכלען שלים־שלימאַזלדיק.

פייגעלע, מאַטלס־שיינדלס יינגסטע טאָכטער, האָט אויך כאַסענע. ס׳איז איר נישט געלונגען צו קריגן אַ פרינץ פון דער נאָדל אַראָפּ. זי אַרבעט שוין איצט „סאַמאָדזשעלניע״. זי פירט

אַליין אַ פּראַצאָוונע און האַלט זעקס מיידלעך צו דער אַרבעט. און כאָטש זי האָרעוועט פיר און צוואָנציק שעה אין טאָג, פּאַקט זי אַ פּאַשעטן שניידער פאַר אַ כאַסן.

אויף איר כאַסענע פאַרבעט זי אַלע אירע מאַרשאַלקאָווסקע באַקאַנטע, די געוועזענע באַלעבאַטעס און פאַבריקאַנטן. פאַר זיי אַרבעט זי איצט אַרויס אין איר פאַבריקל סכוירעס. זי שעמט זיך שטאַרק מיט איר אָרעמקייט. זי פאַרזאָגט אַלע מענדלס קינדער און אייניקלעך, די שנאָרערס, זיי זאָלן זיך אויף דער כאַסענע נישט ווייזן.

ס'איז אָבער לייכט צו פאַרזאָגן. אויף דער כאַסענע באַווייזן זיי זיך איינער נאָכן אַנדערן. אַלע קינדער און אייניקלעך קומען אויסגעפּוצטע. יעדער האָט אַרויפגעגאָסן אויף זיך נאָז-רייסנדיקן פאַרפום. איינער באַווייזט פאַרן צווייטן די נייע שיך און אַנצוגן.

די קאַלע נעמט זיך שטאַרק אויפרעגן. גלייך זעט זי ווי די „טייערע" געסט צעזעצן זיך זיך אַרום ביי די טישן און פאַרנעמען די ערטער גראָד ביי די פאָרנעמסטע געסט פון דער מאַרשאַלקאָווסקע. דאָס ברענגט איר גאָר אַרויס פון די קיילעם. זי פאַרגעסט זיך איינגאַנצן און פאַרלירט די „האַלטונג". פייגעלע שטעלט זיך אויף פון דער קרוין-שטול און נעמט גלייך פלאַסקען און פּאַטשן איבער די קינדערס פּיסקלעך, אַז ס'גייט אַ רויעך. אַפילע מעכל, אויסגעפּוצט, אין נייעם גרינעם אַנצוג, קריגט גאָר אַ גרויסן פלאַסק.

אַלץ פאַרענדיקט זיך מיט אַ שטאַרקע ספּאַזמע פון דער קאַלע אין מיטן פירן צו דער כופּע אין פאַרלויף פון אַ האַלבע שעה צייט.

שאַיע מיקאָלייקע פון באַקו

אויף פייגעלע כאַסענע, קלוימערשט נאָר צוליב דעם, קומט צו פאָרן מענדלס אַ זון, וואָס מעכל האָט אים ביז איצט נישט געקענט.

שאַיע מיקאָלייקע הייסט אַזוי, ווייל ער האָט נישט געוואָלט דינען פאַר אַ סאָלדאַט ביי מיקאָלייען. ווען ער איז אַלט געווען צוואָנציק יאָר איז ער אַנטלאָפן קיין קאַווקאַז, באַזעצט זיך אין באַקו און גענומען אויסאַרבעטן שיך, קאַמאַשן און כאָלעוועס. אין קורצן איז ער געוואָרן אַ גרויסער גבֿיר. זעט אויס, אַז רייכקייט האָט נישט קיין שיר, ווייל שאַיע האָט געוואָלט נאָך רייכער ווערן. ער האָט גענומען מאַכן איין באַנקראָט נאָכן צווייטן. עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד האָט ער אָנגענומען סכוירעס אויסצואַרבעטן, איינגעקויפט גאַנצע וואַגאָנען שיך און פאַרקויפט זיי אינדערשטיל פאַר שפּאָט ביליק. דערנאָך האָט ער „אָנגעזעצט", געמאַכט „פּלייטע". צוריקגעקומען איז ער, ווען ס'וועט האָט דורך דער צייט אויסגעגלייכט זיך מיט די קרעדיטאָרן. נאָכדעם האָט ער ווידער אַזוי געטון עטלעכע מאָל. ער האָט עס אַזוי לאַנג געמאַכט, ביז וואַנען די סאָכרעם זענען דערגאַנגען, אַז שאַיע „קריעט" זיך פאַרן מיליטער. זיי האָבן אים באַלד געמאַסערט.

איצט האָט ער גראָד געטראָפן צו דער כאַסענע. באַלד אויפצומאָרגנס לאָזט ער איבער אויפן טאַטנס קאָפּ ס'ווייב מיט די פינף קינדער, ער מאַכט ס'פּעקל און פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע.

זיין פרוי ווערט נאָך אין וואַרשע געלעגן מיט אַ פרישׂ קינד און גלייך ווי זי דערשנאַפּט פון ערגעץ, אַז שאַיע „שאַרט" זיך שוין צו אַ צווייט ווייבל אויף דער שיף, לאָזט זי אַלע קינדער איבער ביים זיידן, מיטן קליינעם קינד אין וויגל, און לויפט נאָך דעם מאַן.

שאַיע מיקאַלייקעס עלצטער זון מאַכט זיך גאָרנישט וויסן פון טאטנס אָפּרייזן, ער פילט זיך ביים ריידן, ווי גאָט אין אָדעס.

גרישא איז מיט איין יאָר אינגאַנצן עלטער פון מעכלען, אָבער עגטוויקלט איז ער אויף עטלעכע יאָר מער פון אים.

באַלד אין דער ערשטער וואָך, ווען ער קומט אָן, נעמט ער שוין ארויפברענגען צום זיידן עטלעכע מיידלעך פון דער וואָלינסקע גאַס. ער נעמט צו זיי רעדן אויסגעלאַסענע רייד און דערציילט זיי ווי אַזוי די אַרמענער און גרוזינער „מאַכן" מיט די מיידלעך. דאָ וויל ער אויך אַזוי ווייזן די זעלבע קונצן.

מעכל הייבט באַלד אויף אים אָן צו שרייען ער זאָל עס נישט טון, ווייל ער וועט האָבן א שלעכטן סאָף, אויב דער זיידע וועט אָנקומען. גרישא צעלאַכט זיך און שפעט־אָפּ פון מעכלען, אַז ער איז אַ „וויטישער יאט", אַ פרייער, אַז ער האָט אַ „יאָלדישן כאראקטער".

פון מעכלס געשריי נעמט זיך גרישא ביכלאל נישט איבער. ער קומט שוין אָבער אין שטוב מער מיט די מיידלעך נישט אַרויף. ער פאקט זיך צו נאָך אַזעלכע יאַטן ווי ער. קעסיידער זעט זיי מעכל לויפן אין גאָרטן מיט די מיידלעך אַלע נעכט.

טאטעס און מאמעס און סטאם מישפּאָכע לייגן נישט קיין אַכט אויף די קינדער ווי אַזוי זיי פירן זיך אויף. זיי דאַנקען נאָך גאָט הונדערט מאָל אין טאָג, אַז די טייערע קינדערלעך לאָזן זיי צורו אין זייערע פינסטערע פאַריאָגטע געשעפטן.

סרול גרעבסער - מעכלס ברודער

זייט מעכל קריגט דעם אָפּשניט ביי אלטערן צוליב דער שנוראָוואדלע, הייבט ער אָן ארויפצוקומען צום ברודער זיינעם דעם וועש-פאבריקאנט.

מעכל טוט עס צוליב דעם, ווייל ער רעכנט, אַז עפּשער וועט אים סרול גרעבסער צונעמען צו דער אַרבעט ביי זיך אין פאבריק, ביז וואנען ער וועט אַוועקגיין אין „שקאָלע ראָל-ניטשע” אין „טשענסטאָניעוו”.

סרול גרעבסער איז שוין אַ ייד פון אַ יאָר פערציק. ער האָט זיינס אַ פעטן און גראָבן קארק. אַ קיילעכיק בייכל, שטארק אויף פאָרנט ארויסגערוקט. אַ קליין, קורץ געשוירן בערדל און א פּאָר גראָבע ליפּן, וואָס זענען איבערלייגט אין טאָפּלטע פאלדן. פון איבערגעפרעסנקייט, גרעבצט ער מיט אַ צופרידן אַנאָעדיקן קרעכצל.

שטענדיק שטייט ער אין שטוב אַ האלב-אויסגעטועגער אין אַ ספּעציעל העמד אָן ארבל און אין אַזעלכע טאכטוינעס, וואָס זעען אויס ווי גאַטקעס. דאָס העמד איז אָן אַ קראַגן אָבער אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ קליין קאפּעלע, וואָס ליגט אַלעמאָל פּאררוקט אויף הונטן.

אין פאַבריק ארבעטן ביי אים פינף און צוואַנציק מיידלעך, האַנט-נייטאָרינס און מאַשינערינס. אַ כוץ די מיידלעך אַרבעט ביי אים זיין שוואָגער געדאַליע מאָקעניו מיט זיין פרוי און צוויי זין. זיי שלייפן לעכער אין די גאטקעס און די העמדער.

געדאַליע מאָקעניו, זיין פרוי און די זין האָבן באַזונדערע „געדאַלעשי” נעז. לאַנגע, שמאָלע, און פארקרומטע. אויב מ׳זעט אויפן גאַס פארבייגיין זיינס אַ קינד, ווייזט מען באַלד אָן אויף זיין נעזל. יעדער זאָגט באַלד, אַז דאָ גייט אַ „מאָקעניו מיט אַ פאָניעניו”.

צו סרול גרעסערן קומען זיינע ברידער און שוועסטער ועלטן אַרויף. בלויז צוויי שוועסטער זענען ביי אים שטענדיקע געסט. אָבער ביידע אַרבעטן דאָרטן. זיי ווערן דורך אים באַהאנדלט נישט בעסער און עפשער נאָך ערגער ווי די איבריקע מיידלעך.

סרול האָט ליב צו רעדן אַ גראָב וואָרט, הויך אין אַלעמענס אויגן. ער לאַכט דערביי שטענדיק מיט גרויס האַנאָע. אַזעלכע ווערטלעך רעדט ער אַפילע דעמאָלט ווען ס׳קומט צו אים אַרויף אַ קוינע. אַ גרויסער סויכער פון דער נאַלעווקעס אָדער פון דער בראַצקע גאַס. אויף אַלץ און אַלעמען זאָגט ער, אַז ס׳זענען „באָבקעוואַטע וואַנצן”.

אין די ערעוו-יאָנטעוו טעג קומען צו סרולן די איבריקע שוועסטער און ברידער, יעדער פון זיי בעט נאָר אַ „געמילעס-כעסעד” אויף איבער יאָנטעוו. זיי קרעכצן, אַז „איבער א יאָר מ׳זאָל עס דאַלעבן אין נאַכעס, זאָל מען שוין נישט געפּ-רווט ווערן פון גאָט און נישט דארפן ביי קיין ברודער באָרגן געלט”. סרול כויזעקט פון זיי שטענדיק אָפּ. ער וואַרגט זיך מיט יעדן רובל, וואָס ער וואַרפט אַרויס „בעכינעם, – בעלוי דווא” פאר די אומזיסטע פרעסער. ער זאָגט זיי אַלעמאָל אָן, אַז מער זאָל זייער געביין דאָ נישט אַרויפקומען. זאָלן זיי נישט מיינען אַז ס׳גאַנצע לעבן וועט ער האָרעווען פאר די פּעטאַקעס, וואָס ווילן נאָר אָפּפרעסן זיינע ביינער.

סרול מאַכט אויך נישט זיין פארמעגן פון בלויז אייגענע פּראַצע, זיינע באַנקראָטן זענען גוט אויסגערעכנטע. אַלעמאָל געלונגענע.

סרול נעמט אַרויס אויסצואַרבעטן וועש פון גרויסע סאָכרעם פון די נאַלעווקעס און פון דער בראַצקע גאַס. ער שטעלט זיי דערויף אויס וועקסלען. די זעק מיט לייוונט פירט ער אָפּ פון זיין שטוב צום טאַטן און צו די צוויי שוועסטערן.

ווי נאָר אַלץ פון זיין שטוב איז אויסגערייניקט פון סכוירע, מאַכט סרול ס׳פּעקל און פאָרט אָפּ קיין קאַרלסבאַד. דאָס ווייב זיינס פירט שוין אַלץ אַדורך. זי ערקלערט דעם

באַנקראָט און רעגולירט מיט די באַלע-כויוועס, צאָלנדיק צו פינף און צוואָנציק אָדער דרייסיק פּראָצענט.

ס'מאַכט זיך אמאָל, ווען סרול קומט צוריק, אַז עס טרעפט אים טאקע די עמעסדיקע „בראָך" אין דער סכוירע. עטלעכע שוועסטערן „באַגאַנוועט" מען. מער ווי א העלפט סכוירע פעלט אים פון דעם, וואָס ער האָט צו זיי אריינגעשטעלט. גאַנצע כאַדאָשעם זידלען זיי זיך און שנידלען זיך ארום, אָבער אויף יאָנטעוו קומען ווידער די שוועסטערן מיט די „געשמאַדטע" העלדזער ווייטער בעטן אַ „געמילעס-כעסעד"...

מעכל קומט איצט אַרויף צו סרולן אָנגעטון אין שקאָלנע-מונדיר, אין היטל מיט דער קרוין. סרול דערקענט אים נישט. מאטל-שיינדלס קינדער קומען ביכלאַל צו אים נישט ארויף. סרול האָט זיך קיינמאָל צו זיי נישט צוגעקוקט. מעכל מוז אים זער הויך שרייען, אַז סרול זאָל וויסן ווער ער איז. דריי מאָל קומט מעכל ארויף איינמאָל נאָכן צווייטן, ביז וואנען ער זאָגט, וועגן וואָס ס'גייט אים.

סרול וואונדערט זיך שטארק, וואָס מעכל וויל אַזוי אַוועקגיין פון אַלטערן. ער דערציילט אים באַלד, אַז ער קען גוט זיין אַלטן, ער וועט מיט אים איבערעדן שאבעס אין דער סינאַגאָגע, אין סימאָנס פּאסאזש, וואו זיי ביידע דאווענען.

מעכל בלייבט שטיין אַ דערשראָקענער. ער וויל וועגן דעם נישט הערן. דאָס טויג נישט פאַר אים. סרול דערקענט באַלד, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדנונג. ער זאָגט אים צו, אַז ער וועט מיט זיין אַלטן וועגן דעם נישט רעדן, אָבער פאַר אים קיין אַרבעט האָט ער אויך נישט.

מעכל ווארט אויף זיין הארבסט...

ס'איז אָנגעקומען דער זומער, ווען די וועלט-מילכאָמע איז אויסגעבראָכן. מעכל ליידט זער, וואָס ער קען נישט איינ-זיצן ביי אַלטערן אין געוועלב, אים דוכט זיך אַלעמאָל אויס,

אַז אַלע קוקן אים אָן, מ׳היט אים, מ׳רעדט נאָר וועגן אים, מ׳סוידעט זיך. ער וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן די מינוט ס׳זאָל אָנ־קומען זיין טאָג, זיין האַרבסט, ווען ער וועט זיך קענען אַ לאָז־טון צו צעלערבוימען אין „שקאָלע ראָלניטשע״.

איצט מאַכט ער שוין נישט אַזוי ערנסט די לעקציעס. דאָס שפּילן זיך גייט אים נישט אָן. נאָר איין מאָטל בערדי־טשעווער איז אים פאַרבליבן. ער האַלט זיך מיט אים שטענדיק צוזאמען. זיי שפּאַצירן ארום אויפן פעלד. זיי וואַרפן אייג־לעך אויף מיידלעך, אָבער ביידע יאטן, דער איקער מאָטל, האָבן נישט קיין דרייסטקייט צו פארטשעפּען און מאַכן אַ ראנדקע מיט א מיידל.

אַלע מעכלס געדאנקען, אין שטוב, אין געוועלב און אין גאס זענען נאָר וועגן דער נאָנטער שקאָלע אין טשענסטאָ־כיעוו.

מעכל וואַרט אויף דער שקאָלע. דער האַרבסט קומט אָן. ער איז אָבער אַן אַנדערער, ווי דער, וואָס מעכל קוקט אים אויס...

ענדע פון דער ערשטער טייל.

CHICAGO PUBLIC LIBRARY
DEPOSIT
COLLECTION